STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06362

SHTILE LEBNS

Pinhes Berniker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס בערניקער

שטילע לעבנס

(דערציילונגען)

ווילנע 1935
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

P. Berniker — „Sztiłe lebns“

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

מיין מאַמען זכרונה לברכה —
חנה־רחל די טאָכטער פון
ר׳ אברהמעלע סקידלער —
נפטר געוואָרן אין ווילנע,
——— ח׳ כסלו תרצ״ג.

אינהאלט:

בריוו 9
מענטשן 17
א זיידע 27
קאנקורענטן 40
זונטאג 73
מארסיק 85
א ניגון 97
צלמים'לאך 105
יום-כפור 117
משוגע 127
שוועסטער 135
סודות 157
יעזוס 167
איטשע 187
מאנטאג 199
בר-מצוה 209
אינערגעצנישט 219

בריוו

בּ ר י ו ו

דער גאַנצער טאָג איז בּיי איר גאָרנישט. צוויי און צוואַנציק שעה פון מעת־לעת זענען נישט אירע: זיי געהערן צו די פינסטערע מחשבות און פאַרצווייפלטע געדאַנקען וועלכע נעמען איר דאָן אַרום. אירע זענען נאָר די צוויי שעה פון צען בּיז עלף אינדערפרי און פון דריי בּיז פיר נאָך מיטאָג, — די צייט ווען דער בּריוו־טרעגער גייט אין איר גאַס. יענע צוויי שעה זענען אירע: דאָס איז אַ צייט ווען זי לעבּט, האָפט און איז אין שטענדיקער, אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג:

— היינט וועט מסתּמא זיין אַ בּריוו פון אַברהמעלען!

— און אפשר גאָר פון לאהן?

— ווער ווייס? אמאָל קען גאָר זיין פון דודן!

— אָדער גאָר פון חיימקען!...

— אפשר וועלן מיר גאָר אָנקומען צוויי בּריוו פאַר אמאָל! — פאַלט איר פלוצלינג איין אַ געדאַנק. זי גיט אַזש אַ ציטער פאַר פרייד. אָך ווי גוט ס'וואָלט געווען, טראַכט זי ווייטער — צו קריגן צוויי בּריוו מיט אמאָל... צוויי בּריוו אין איין טאָג...

בּריוו, בּריוו און בּריוו! דאָס גאַנצע לעבּן אירס האַלט זיך אויף בּריוו. אַלע אירע האָפענונגען און זיסע פאַנטאַזיעס דרייען זיך אַרום די בּריוו; אַרום די בּריוו פון אירע קינדער.

אויבּ זי איז אמאָל מקנא אימיצן, איז עס נאָר אַ מאַמען, וועלכע דערהאַלט אָפטע בּריוו פון אירע קינדער. מערער מאָל, און מיט מער האַרץ איז זי מקנא די מאַמעס, וועלכע האָבּן די קינדער זייערע לעבּן זיך. יענע מאַמעס זענען אין אירע אויגן די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. וואָרים קאָן דען זיין אַ גרעסער גליק, ווי צו האָבּן דאָס אייגענע בּיסל בּלוט נאָענט אַרום זיך?...

אמאָל איז זי אַליין אויך געווען אזא גליקלעכע מאמע: געהאַט אירע דריי זון און איינציקע טאָכטער לעבן זיך, געטוליעט זיי און־ מערן אייגענעם פארטוך, געפרייט זיך מיט זייער פרייד און געוויינט אין זייער צער. שפּעטער איז זי בארויבט געוואָרן פון דעם פאַר־ געניגן. און היינט איז זי אַליין, איינינקע אַליין. די פייגעלעך אירע, ווי זי רופט די קינדער, זענען אוועקגעפלויגן פון זייער מאַמעס ווארימען נעסט און זענען פארוואנדלט געוואָרן אין שטיקלעך פּאַ־ פּיר, — אין בריוו...

— חיימקע איז שוין באַלד צען יאָר א בריוו!

— דוד, — וואָסערע זיבן יאָר...

— לאה, — אומגעפער דריי יאָר.

— און אברהמעלע, ס׳מוזשינקל, איז שוין אויך איבער צוויי יאָר אַ בריוו...

און מיט דער זעלבער אומגעדולדיקייט, וואָס זי פלעגט אמאָל ווארטן אויף די קינדער — ווען זיי האָבן געדארפט קומען פון דער ארבעט אהיים — ווארט זי היינט אויף זייערע בריוו; אויף די בריוו - קינדער, וועלכע דארפן קומען פון זייער ווייטע מדי־ נות צו איר, אין קליינעם ווייס־רוסישן שטעטל.

אמאָל, ווען זי פלעגט נאָך ווארטן אויף די קינדער און ס׳האָט געטראָפן, אז אַ קינד האָט זיך פאַרשפּעטיקט, נישט געקו־ מען צו דער באַשטימטער צייט, איז זי שוין אומרואיק געוואָרן; די מאַמעס הארץ האָט שוין געציטערט און געהאלטן אין איין איבערקלערן: „ווער וויים, וואָס ס׳איז געשען?״

און היינט, אז זי ווארט אויף די בריוו, ווערט זי אומרואיק, ווען אַ בריוו פאַרשפּעטיקט זיך און קומט נישט אָן צו דער ריכ־ טיקער צייט. די מאַמעס הארץ נעמט גלייך ציטערן און זי האַלט אין איין איבערקלערן: גאָט וויים, וואָס ס׳איז געשען... שוין איבער אַ וואָך צייט נישט געהאַט קיין בריוו!...״

און אז ס׳קומט איר אָן אַ בריוו, פרייט זי זיך מיט אים, ווי מיט אַ קינד. פאַר איר איז דער בריוו נישט קיין שטיקל פּאַפּיר, נאָר אַ גוף מיט אַ נשמה, דער גוף און די נשמה פון אירס אַ קינד... זי באַטראַכט דעם קאָנווערט, שפּילט זיך אָן מיט אים,

טוליעט אים צו איר האַרץ און וויינט... וויינט מיט טרערן פון פרייד, פונקט ווי זי וואָלט אירם אַ קינד פלוצלינג דערזען...

דער ערשטער איז חיימל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בריוו. ער איז איר עלטסטער און בעסטער זון געווען. ער האָט אָפּגע־היט די מאמען ווי אַן אויג אין קאָפּ. קיין זאַך איז אים פאַר איר נישט שווער געווען און ס'האָט פאַר אים גאָרנישט עקזיסטירט עפּעס ליבערס און טייערערס ווי די מאַמע זיינע... פאַר זיין אוועק־פאָרן האָט ער איר אַפילו נישט געלאָזן אויסוויינען זיך: ער האָט געהאַלטן אין איין טרייסטן און פאַרזיכערן איר, אַז ס'איז נאָר אויף אַ קורצער ווײַלע; אַז ער וועט אויסטרעטן דעם וועג פאַר דער גאַנצער משפּחה, און אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי ווידער אַלע צוזאַמען זיין....

און זי, די מאַמע, האָט זיך אַפילו נישט געוואָלט טרייסטן דערמיט, אָבער זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט... זי האָט דאָך נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז איר ליב קינד זאָל פאַר־פינסטערט ווערן אין „סאָלדאַטשינע" עטלעכע יאָר צייט. האָט זי דערפאַר פאַרשטשימעט די ליפּן און געשוויגן. זי האָט געזוכט צו פאַריאָגן פון זיך די ביטערע געדאַנקען און זיך געשפּילט מיט די האָפענונגען וועגן איר גליקלעכער צוקונפט...

זי איז אויך גענוג שטאַרק געווען, ווען די איבעריקע קינ־דער האָבן געדאַרפט אוועקפאָרן. שטאַרק? ס'רעדט זיך אַזוי „שטאַרק"... דער ווייטאָג אין האַרצן איז גענוג גרויס געווען, נאָר זי האָט אים געהיילט מיט די בריוו...

ביי יעדן קינד וואָס האָט געדאַרפט אוועקפאָרן, האָבן די שוין אוועקגעפאָרענע קינדער איר געטרייסט אין זייערע בריוו, אַז דאָס איז אַלץ אַ טראָט פאָראויס צו דער פאַרייניקונג פון זייער פאַמיליע... צו דעם „קבוץ גלויות" פון זייער משפּחה...

— חיים איז אוועקגעפאָרן, — דער ערשטער טריט פאָר־אויס.

— ער האָט אריבערגענומען צו זיך דודלען — נאָך אַ טריט פאָראויס.

— לאה איז שוין אויף יענער זייט ים — איז דאָך שוין די גאולה גאָר נאָענט.

— און אַז אברהמעלע איז אוועקגעפאָרן — איז דאָך שוין גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן...

„נאָך איין טריט דאַרפן מיר נאָך מאַכן" — האָבן איר די עלטערע צוויי קינדער, וועלכע זענען געווען אין קאַנאַדע, גע־שריבן — „מיר דאַרפן נאָר אַריבערנעמען דיך, דיך אונזער ליבע מאַמע, און מיר זענען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. נאָך איין טריט נאָך. טאַקע נישט מער, ווי נאָך איין טריט"...

„כי־כי־כי" — לאַכט זי היינט אָפּט מיטן בלוט פון איר האַרצן און טראַכט: ביי זיי, ביי די קינדער, הייסט עס „טריט". פיר טריט האָבן זיי געמאַכט און דעם פינפטן דאַרפן זיי נאָך מאַכן. ביי מיר זענען דאָך דאָס אָבער געווען אָפּעראַציעס: גע־פערלעכע אָפּעראַציעס איבער מיין קראַנק, שוואַכן האַרץ...

— אוועקגעפאָרן חיים, — די ערשטע אָפּעראַציע.

— צוגעפירט דודלען צום וואָקזאַל — אַ צווייטער שניט אין האַרצן.

— זיך געזעגנט מיט לאהן — איבעראַניים געעפנט די אַל־טע וווּנדן.

— און אברהמעלעס אוועקפאָרן איז געווען די געפערלעכ־סטע אָפּעראַציע...

אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך געווען נעבן איר, האָט זי ווי ס'איז געהאַט מיט וועמען צו דערקוויקן איר פאַרביטערט האַרץ... נאָך זיין אוועקפאָרן איז איר שוין גאָרנישט געבליבן: פון איר לעצט שטיקל נחת איז זי באַרויבט געוואָרן...

געטראָגן... געבוירן... געפינסטערט... געחושכט... אויסגע־האָדעוועט פיר גרויסע, געראָטענע, גוטע און איבערגעגעבענע קינדער — און וואָס?... וואָס איז איר געבליבן?... גאָרנישט!... פאַפירענע קינדער... בריוו - קינדער... הלוואי וואָלטן איר כאָטש־בי די בריוו - קינדער אָנגעקומען אין דער צייט! — גיט עס איר פּלוצלינג אַ הייב אויף פון אָרט און זי לויפט גלייך צום פענס־טער: אפשר וועט זי פון וייטן דערזען דעם בריוו־טרעגער! שוין

באַלד דריי וואָכן, אַז זי האָט פון איר אבֿרהמעלען קיין בריוו נישט געהאַט...

דעם בריוו־טרעגער רופט זי נישט בריוו־טרעגער, נאָר קינ־דער־טרעגער.

— דו מיינסט, אַז דאָס זענען בריוו? — האָט זי אים אַמאָל געפרעגט, אָנווייזנדיק אויפן פּאַק בריוו אין זיין גרויסער, לע־דערנער סומקע.

— וואָס זשע דען איז דאָס? — האָט ער פאַרווונדערט גע־פרעגט.

— קינדער!... — דאָס זענען אַלץ קינדער. יעדער בריוו איז אַ קינד פון אַן אומגליקלעכער, עלנטער מאַמע! — האָט זי וויטאָגדיק געענטפערט.

דער בריוו־טרעגער האָט געוואָלט אַ שמייכל טון, נאָר ווען ער האָט דערזען דעם בלוטיקן ערנסט אויף איר פאַרעלטערטן פּנים און דעם צער אין אירע גרויסע, קרענקלעכע אויגן, האָט זיך זיין שמייכל פאַרבאַהאַלטן און אַ שטילע באַדויערונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער זיין געזיכט...

ער קען איר, דער בריוו־טרעגער. ער ווייס, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד זי וואַרט אויף אים. ער ווייס אפילו וויפל קינדער זי האָט, ווו זיי זענען, מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך און ווי אַזוי זיי דענקען אַריבערצונעמען זייער מאַמען.

— אָט האָב איך דיר געבראַכט דיין קובאַנער זון! — זאָגט ער שמייכלענדיק און גיט איר אַ בריוו פון האַוואַנע.

דעם בריוו־טרעגערס שמייכל געפעלט דער מאַמען. ס'פאַלט איר איין, אַז ער האָט נאָך אַ בריוו פאַר איר און זי פּרווט טרעפן:

— האָסט מיר אפשר אויך געבראַכט מיין טאָכטער פון מאָנטרעאָל?

— ניין, — ענטפערט ער און צעשמייכלט זיך נאָך שטאַר־קער.

— האָסט אַוודאי מיין עלטסטן זון פון קאַנאַדע ביי דיר אין סומקע?... — לאָזט זי אים אַלץ נישט אָפּ.

— נישט געטראָפן, מאַמע, — צעלאַכט ער זיך נאָך שטאַר־קער.

— נו, איצטער איז דאָך שוין נישטאָ, וואָס צו טרעפן. זאָג שוין, האָסט מיר געבראַכט מיין זון פון באַהאַמאַס? — פרעגט זי שוין אַביסל צעשראָקן.

— אָט אַזוי רעדט! — ענטפערט ער ווייך און דערלאַנגט איר אַ בריוו פון נעסאַו, באַהאַמאַס, וואו איר מוזשיניקל גע־פינט זיך.

די מאַמע כאַפּט דעם בריוו מיט ביידע הענט, באַטראַכט דעם קאָנווערט און רעדט בשעת־משה צום בריוו־טרעגער:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק. איר זייט דאָך דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט...

— טאַקע? — צעלאַכט ער זיך גוטמוטיק.

— יע, יע! — ענטפערט זי גאַנץ ערנסט, נישט באַמערקנ־דיק אפילו ווי ער, דער בריוו־טרעגער, שמייכלט אונטער. און פאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז ער איז איר אַ ווילד־פרעמדער, הויבט זי אָן אויסצוגיסן פאַר אים איר ביטער האַרץ: איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב דאָ קיינעם נישט. די קינדערלעך מיינע זענען צע־זייט און צעשפּרייט. וואו נאָר ס׳געפינט זיך אַ ווינקל אויף גאָטס ערד, דאָרטן געפינט זיך אויך מיינס אַ קינד... קיין פאַמיליע האָב איך דאָ אויך נישט... אפילו קיין שוועסטער און ברודער נישט... איר, טאַקע נאָר איר, זייט דער איינציקער, וואָס דערהאַלט מיך ביים לעבן: איר ברענגט מיר מיינע קינדער צו גאַסט און דאָס גיט מיר כּוח צו האַלטן זיך אויף מיינע פיס...

— איך ווייס, איך ווייס עס!... — באַמערקט דער בריוו־טרעגער אינגאַנצן אַ גערירטער פון איר אָפנהאַרציקייט.

נאָר זי לאָזט אים שוין לאַנג נישט שטיין. זי גיט אים עט־לעכע גראָשן און איילט אים אונטער, אַז ער זאָל אַוועקגיין.

— גיי, גיי גיכער און צעטראָג די קינדער צו זייערע מאַמעס. זיי, יענע מאַמעס, זענען דאָך אויך אַזוי עלנט און אומגליקלעך,

ווי איך... גיי, טראָג אריין צו יעדער מאַמען איר פאַרוואָגלט קינד און דערפריי איר הארץ כאָטשבי אויף אַ ווײַלע, — בעט זי זיך. און קוקנדיק אויף אים מיט אויגן וועלכע זענען פול מיט ליבע און דאַנק, באַגלייט זי אים אַרויס פון איר עלנטער היים...

אַמאָל טרעפט, אַז זי בלייבט אַן אַנטוישטע:

זי דערזעט ווי דער בריוו־טרעגער גייט צו איר. זי ווערט זיכער, אַז ער ברענגט איר אַ קינד. איר האַרץ נעמט שוין קלאַפּן, פון אומגעדולד, האַסטיקער. זי וויל שוין וויסן, וועלכעס קינד ער טראָגט מיט זיך און וואָס דאָס קינד וועט איר דערציילן. זי זוכט אויף גיך די שפּאַקולן, טוט זיי אָן, ווי נישט איז, און נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן ביז וואַנען ער וועט צוגיין צו איר, שרייט זי אויס פון ווייטן:

— פון וועמען?

דער בריוו־טרעגער קוועטשט מיט די פּלייצעס.

— פון וועמען? — חזרט זי נאָכאַמאָל איבער.

— איך ווייס נישט! — ענטפערט ער, ווי אַ פאַרזינדיק־טער.

און ווען זי האַלט שוין דעם בריוו אין די הענט און דער־זעט, אַז ס'איז גאָר פון אַ שוועסטער אירער, אין אַמעריקע, בלייבט זי שטיין ווי אַ שרעקלעך אָפּגענאַרטע און פאַרצווייפלטע. עס צענעמען זיך איר גאָרנישט די הענט אויף צו עפענען דעם בריוו...

אַמאָל, ווען זי האָט נאָך אַלע קינדער לעבן זיך געהאַט, פלעגט זי זיך שטאַרק דערפרייען מיט אַ בריוו פון אירס אַ שוועס־טער. אָבער היינט, ווען אַלע אירע קינדערלעך זענען אין דער פרעמד, זענען זיי איר כמעט איבעריק...

— מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ שוועס־טער אין פאַרגלייך מיט אַ קינד?

דער שוועסטערס בריוו נאָרן איר נאָר אָפּ: לכתחילה, ווען זי דערזעט דעם בריוו־טרעגער קומענדיק צו איר, ווערט איר פאַנ־טאַזיע צערייצט, צעצונדן, און נאָכדעם, ווען זי דערזעט פון

ווען דער בריוו איז, בלייבט זי א פארצווייפלטע, א נידערגע־שלאגענע...

זי גייט קוים אריין אין שטוב, לייגט אוועק דער שוועסטערס בריוו אויפן טיש, נישט קיין געעפנטן אפילו, און אליין זעצט זי זיך אוועק אויף איינעם פון די דערבייאיקע שטולן אן איבער־פולטע מיט יאוש. די צייט איז שוין נישט אירע; די שעהן גע־הערן צו די פינסטערע מחשבות און ביטערע געדאנקען, וועלכע נעמען איר דאן ארום און זי קאן זיך פון זיי בשום־אופן נישט באפרייען. ווען זי קאן, וואלט זי בעסער יעדן מעת - לעת גע־שטארבן אויף צוויי און צוואנציק שעה... ווארים, אז זי שטארבט נישט, לעבט זי דען?... לעבן לעבט זי דאך אלצאיינס נישט, זי מוטשעט זיך נאר און פארמיאוסט זיך אליין איר אייגענעם לעבן... ווען ס'איז ביי איר אין די הענט, וואלט זי געלעבט נאר פון צען ביז עלף אינדערפרי און פון דריי ביז פיר נאכמיטאג, די צייט, אין וועלכע דער בריוו־טרעגער גייט אלע טאג דורך מיט זיינע פעק בריוו. יענע צוויי שעה זענען אירע: דאס איז א צייט, ווען זי לעבט, האפט און איז אין שטענדיקער אנגעשטרענג־טער דערווארטונג:

— געוויס וועט איר היינט דער ,,קינדער־טרעגער'' כאטש־בי איין קינדעלע ברענגען...

מ ע נ ט ש ן

מענטשן

מענטשן!

א קליינע מחיצה איז צווישן זיי:

א צוזאמענשטעל פון עטלעכע אפגעהובלעוועטע, שוין־אפגע־פארבטע, ברעטלעך טיילט זיי אפ איינעם פון צווייטן.

מאדאם פרידמאן איז אינעווייניק, אין הויז, אונטערן שוץ פון דער פארשלאסענער טיר. און זי, דער מענטש אן א נאמען, מיט איר קינד זענען פון דער זייט טיר; אונטערן שוץ פון לויטער־קלארן, טראפישן הימל...

און מענטשן שוויבלען און גריבלען ארום הויז.

מענטשן שווארצע און ווייסע, אלטע און יונגע, פרויען און מענער. מענטשן עלעגאנט געקליידעטע, אין עטיקעטע - קאסטיומען, נייע זיידענע קליידער מיט ריין געמאסעזשירטע פנימער אויף וועלכע די פולע שפרות און באפרידיקטע תאוה פון לעבן איז אויסגעגאסן... און מענטשן אין האלב - צעריסענע בגדים, וועלכע באדעקן נישט אפילו די נאקעטקייט פון זייערע קערפערם, מיט הארטע פארשטיינערטע פנימער, שטארע אויגן און צו דער ערד געבויגענע קעפ פון שווערן לעבנס־יאך...

און אלע ווערן אין זעלבן שטאלענעם קעסל געקאכט. און אלע מענטשן יאגן און אלע מענטשן האווען. אן אייביקע אומרואיקייט באוועגט זיי, שטויסט זיי, און טרייבט זיי אלע ווייטער און ווייטער צו דער אומבאשטימטקייט, צו דער צוועקלאזיקייט...

ארעמע און רייכע, גליקלעכע און אומגליקלעכע, זאטע און הונגעריקע — האט עס נאר דעם נאמען מענטש איז עס אין שטענדיקן געיעג... און לויפט צו דעם ווייטן אומקלארן, פארזשעדיק דאס נאענטע און ביז גאר בולטע...

מענטשן!

מענטשן פון אין־הויז האָבן זיך אין מוראדיקן געהוליע צעלאָזן; די ווילדע שכרות און גידיקע תאווה פון לעבן האָט זיך אין זיי און איבער זיי ביז זינלאָזיקייט צעטאַנצט...

און אין וואַקכאַנאַלישן געדאַנקען ־ גאַנג פון פייערדיק ־ צעצונדענער תאווה האָט זיך מאַמע אָן קינדער פאַרגעסן. דער איבערפלוס פון די ביז גאָר צערייצטע בלוטן און אויפגעפלאַמטע ליידנשאַפטן האָט סטיכישע, טיף איינגעבוירענע מוטערלעכע צערטלעכקייטן פון מאַמעס האַרץ פאַריאָגט און אין אַ דעספּאָטין איר פאַרוואַנדלט:

— באַקאָוואָ! גיין שלאָפן! — האָט מאַדאַם פּרידסאָן באַפוילן איר קינד.

— מאַמע, ס'איז נאָך אַזוי פרי... — האָט זיך ס'קינד געבעטן.

— שלאָפן גיי, זאָג איך דאָך דיר!

— אָט באַלד, באַלד...

— שוין, — זאָג איך דאָך! האָט זי נאָך מער באַפעלעריש ווי פריער אויסגעשריגן און איר פּנים איז ערנסטער ווי אַלע מאָל געוואָרן.

דאָס קינד האָט מער נישט געענטפערט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שטום־בעטנדיקע אויגן איז ער געבליבן זיצן אַ פאַרקלעמטער.

טיק ־ טאַק, טיק ־ טאַק, קלאַפּט דער זייגער אויפן וואַנט און קלאַפּט אויס יעדן איינעמס געדאַנקען:

— טיק ־ טאַק, טיק ־ טאַק. ווי באַגראָב איך אים שוין אין בעט? — קלערט די מאַמע אינגאַנצן אַ צערייצטע.

טיק ־ טאַק, טיק ־ טאַק. פאַרוואָס איז היינט די מאַמע אַזוי שלעכט געוואָרן? — וווּנדערט זיך ס'קינד.

טיק ־ טאַק, טיק ־ טאַק. צו וואָס בין איך געקומען אַזוי פרי? — ווערט מאַקס אין כעס אויף זיך אַליין.

טיק ־ טאַק, טיק ־ טאַק, האָט דער זייגער נישט אויפגעהערט.

צו צײלן די שווערע מינוטן און אָנגעפּילט דאָס צימער מיט אַ גע־וואַלדיקער מרה־שחורה.

און ווען די מאַמע האָט אירע, שוין האַלב־שיכּורע, אויגן ווי־זאָ־ווי אַ וואָרף געטון און באַמערקט ווי נערוועיש מאַקס, איר געליבטער, קלאַפּט צו מיט די פּיס און ווי אויפגערעגט ער רייבט די הענט איינע אָן די אַנדערע האָט זי שוין מער נישט געוועדט; דער טיק־טאַק פון זייגער האָט איר שיר משוגע געמאַכט. איז זי מיט אַ פעסטער אַנטשלאָסנקייט צו איר קינד צוגעגאַנגען, אָנ־גענומען זיין הענטל און איבערגוואַלד אַוועקגעפירט אים אין שלאָף־צימער.

— מאַמע, מאַמעלע. לאָז מיר נאָך אַ ביסל זיצן..! — האָט זיך ס'קינד נישט אויפגעהערט צו בעטן.

די מאַמע האָט אים אָבער אפילו מיט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט. אין פאַרעקשנטער שטיל־שווייגעניש האָט זי פון אים די קליידער אַראָפּגעוואָרפן, פון יוצא־וועגן געלאָזט זיך אַ קוש טון און מיט אַ ציטערדיק הארץ גלייך צו איר מאַקסן געלאָפן.

— טייערינקער מיינער! — איז זי אין זיינע אָרעמס אַריינ־געפאַלן.

— כ'האָב דאָך אַזוי געבענקט נאָך דיר! — האָט זי נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען.

— האָסט עפּעס דערהאַלטן בריוו? — האָט איר מאַקס געפרעגט.

— יאָ.

— וואָס שרייבט ער?

— נאָך שבת וועט ער מיר אַרויסשיקן געלט.

— און דערווײַלע האָט ער דיר גאָרנישט געשיקט?

— וואָסי, דאַרפסט געלט, טייערינקער מיינער..?

— אומהום...

— פאַר דיר איז אַלעמאָל דאָ, — האָט זי געצויגן איר האַנט איבער זיין פרישראַזירט פּנים.

אין צימער איז שוין שטאָק־פינסטער געווען. טאָג־טעג־לעכע געדאַנקען זענען אין דער הושכדיקייט איינגעשלאָפן און אָפּ־

געטויט געוואָרן. וועלט און מענטש האָבן אויפגעהערט צו עקזיס־טירן. איין מעכטיק גרויסער ווונש האָט זיך אין זיי צעצונדן: אַ היהיש גיריקער פּאַרלאַנג צו זעטיקן די זיס־פּייניקנדע לײדנשאַפט וואָס האָט זיי באַהערשט. די לופט פון אַרום האָט העליש געבערענט. זיי האָבן זיך צענויפגעשמאָלצן אין איין קערפּער...

און ווען די היים ־ בלוטיקייט האָט זיך געקילט, האָבן זיי מיט חוצפּהדיקער באַפרידיקונג פריער אָפּגעאָטעמט. שטיל, קוים הערבאַר, געשפּאָט פון דער וועלט און פון איר מאָן דעם „יאָלד"... געקוואָלן פון זייערע געניאַלע איינפאַלן און זעלטענע פעיקייטן צו נאַרן די וועלט... געשפּילט זיך אַזוי לאַנגע, לאַנגע שעהן, און דאַן ווידער גענומען באָדן זיך אין זייער אומגעהויערע לײדנשאַפט ביז אַ גאַר, גאַר שפּעטע שעה אין דער נאַכט...

מיט ברייט צעעפנטע אויגן איז זי, דער מענטש אָן אַ נאָ־מען, מיט איר קינד אויפן שוועל פון הויז געזעסן און טעמפּ גע־קוקט אין דער וועלט אריין.

די שפּעטע נאַכטיקע שעהן האָבן זיך שוין אָנגערוקט. די באַוועגונג אין גאַס איז קלענער געוואָרן. די ליכט פון די אַרו־מיקע הייזער האָבן זיך איינציקווייז אויסגעלאָשן. פון צייט־צו־צייט האָט זיך נאָך דערהערט ס'הייזעריקע טרובען פון אַ פאַרביי־לויפנדע מאַשין וואָס האָט דעם פּוסטן חלל פון הינטער זיך מיט אַ מרה־שחורה אויסגעפילט. נאָך זעלטענער האָט זיך אָן איינזאַ־מער מענטש אין גאַס באַוויזן. און די לאַנגזאַמע, שטילע געציילטע טריט זיינע האָבן מאָוימדיק אָפּגעקלונגען אין דער נאַכטיקע־שטילקייט...

נאַכטיקע שטילקייט איז אַלץ שאַרפער געוואָרן. און די גע־דאַנקען פון דער יונג־פאַרעלטערטער פרוי זענען אַלץ קלאָרער און בולטער געוואָרן. די פאַרצווייגטע הייטלעך פון איבער אירע אויגן איז, אין דער שטילקייט, פאַרשוווּנדן און זי זעט איצטער אַלץ, אַלץ וואָס איר האַרץ גלוסט... און אַזוי קלאָר און דייטלעך, פונקט ווי ס'וואָלט נאָר וואָס געשען... די פינסטערע מינוטן פון איר ביז איצטיקן לעבן ווייזן זיך צו איר אין די העל ־ באַ־

לויכטנדסטע פארבן... א ביז צום טויט אפשוואכנדע בענקשאפט האט זיך צו איר בשכנות פארגנבעט און זי האט זיך דערפילט אזוי גוט, אזוי גרינג... איר איינציקער הייסער ווונש וואלט געווען אז זי זאל לאנג, לאנג קענען זיין אזוי פארטיפט אין איר עבדדיקן לעבן... ס'איז איר אבער נישט געלונגען: דאס קינד האט איר אילוזיע צעשטערט.

— מאמע, איך וויל שלאפן... — האט זיך ס'פינף־יאריקע קינד גענומען בעטן.

— נו, טא שלאף מיין קינד...

— א ווו?..

— אט דא, ביי מיר אויפן שויס...

— ניין. אין שטוב וויל איך. — האט זיך ס'קינד צעוויינט.

— מארגן קינד מיינס... מארגן פייגעלע, וועלן מיר שוין האבן א שטוב...

— אלע טאג זאגסטו מארגן...

מאמע האט א בלוטיקן קרעכץ געטון. ס'קינד אויפן שויס ארויפגענומען. מיט איר צעוויטיקט מוטערלעך ווען אים רחמנות־דיק צו איר הארץ געטוליעט... מורא געהאט א ריר צו טון זיך פון וואנט. און גענייורעט אים אלץ טיפער אין זיך, כדי צו דער־ווארעמען זיינע בלוט ־ פאראפרעמטע גלידער...

די באוועגונג אין גאס האט זיך שוין איינגאנצן אפגעשטעלט. דער מאטער שיין פון די גאסן ־ לאמטערנעס שאטענען זיך אין דער שטאק ־ פינסטערקייט פון דער נאכט. מאוימדיק קלינגען אפ די טעמפע, גרילצנדיקע טריט פון איינציקן פאליצמאן וואס דרייט זיך ארום אין דעם קווארטאל. ער שפרייזט לאנגזאם, דער פאליצ־מאן, ווי ער וואלט אליין באהערשט געווארן פון נאכטיקער רואיקייט...

ער גייט פארביי דער מאמען מיטן קינד. ארעמע מאמע פאר־מאכט שנעל אירע אויגן כדי ער זאל זי גארנישט פרעגן. ער קוקט זי אן נייגעריק, פאוונדערט... בלייבט שטיין א מינוט ווי אין שטארקן ישוב ־ הדעת. זיין רחמנות ־ געפיל ווערט שטארק און

שטאַרקער, באַשליסט ער צו „פּאַרלעצן" ס'געזעצ און נעמט שוין אוועקגיין נישט פאַרטשעפּענדיק זיי...

אַפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט ער אָבער זיין „עלטסטן" דערזען. נישט ווילנדיק האָט ער זיך אומגעקערט און גענומען קלאַפּן מיט זיין „טאַלעטע" (ספּעציעלע בולאַווע פון דער פּאָליציי) אָן דער דערבייאיקער וואַנט.

— לעוואַנטאַטע! (הויב זיך אויף!) — האָט ער באַפוילן.

די מאַמע האָט אירע מאַמעשע אויגן געעפנט און פול מיט תּחנונים צום פּאָליצמאַן זיי געווענדעט, אָנווייזנדיק אים אויפן שלאָפנדיקן קינד. ס'האָט איר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער עלטסטער דערזעענדיק דעם שטייענדיקן פּאָליצמאַן האָט זיך גע־גומען דערנענטערן צום פּלאַץ און די מאַמע האָט זיך געמוזט אויפ־הויבן און אוועקגיין פון גאַניק...

— מאַמע, כ'וויל שלאָפן! — האָט זיך ס'קינד געבעטן.

— באַלד קינד מיינס, באַלד...

— מאַמע...

— אָט שוין, שוין...

— אוי מאַמע, כ'קען נישט גיין...

מאַמע האָט איר פון צרות־אויסגעדאַרטן קערפּער און איינגע־הויקערטע פּלייצע צו דער ערד געבויגן, מיט די לעצטע כּוחות ס'קינד אויפן האַנט גענומען און ווייטער געשפּרייזט.

— מאַמע, לאָמיר זיך זעצן ווי פריער, — האָט זיך דאָס קינד ווידער גענומען בעטן, דערפילנדיק זיך אומבאַקוועם אויף מאַמעס שוואַכע הענט.

— באַלד טייערינקער, באַלד...

— שוין וויל איך, שוין... כ'וויל שלאָפן...

— נו, וואָס קען איך טון, אז דער פּאָליצמאַן לאָזט נישט? — האָט זי מיט אַ, פון טרערן, פאַרשטיקטן קול קוים אויסגערעדט.

— פון וואַנען ווייסטו?

— האָסט נישט געהערט ווי ער האָט מיטן „טאַלעטע" אויפן וואַנט געקלאַפּט..?

— אפשר האָט ער אימיצן פון שטוב געוועקט?.. קום מאַמע לאָמיר זיך נאָכאַמאָל זעצן... — האָט ער פאַרחלומט געבעטן זיך...

— ניין קינד מיינס. ניין. פון שטוב וועקט מען קיינעם נישט. אַ שטוב איז דאָך אַן אייגענע, פאַרשטייסט..?

זיי זענען ביידע שטיל געוואָרן. מאַמעס אויגן האָבן נישט אויפגעהערט צו בלאָנדזשען איבער ביידע זייטן גאַס. זי האָט גע־זוכט אַ פאַרשטעלטן ווינקל וווּ זי זאָל קענען בגנבה איר מידן קאָפּ אויף דער האַרטער שטיינערנער וואַנט אָנשפּאַרן און דאָס קינד צו איר פאַרוויטיקט האַרץ צוטוליען.

אין די דערבייאיקע קוואַרטאַלן האָט זי אַזאַ ווינקל נישט געפונען. זי האָט זיך דערפילט אויסגעמאַטערט און אָן כּוחות. דער יאוש פון דער וועלט האָט שטיקער האַרץ פון איר געצופּט... און מיטאַמאָל האָט איר אַ בליץ געטון אין מוח:

— אפשר איז שוין גאָר דער פּאָליצמאַן אַוועק? — האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעטראַכט און מיט לאַנגזאַמע טריט צוריקוועגס גענומען גיין.

ביים ווינקל גאַס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעשטרענגט אירע אויגן צו דערזען אַלץ פון ווייטן.

— ניין. ער איז שוין טאַקע נישטאָ! — האָט זי אַ צופרידענע אויסגעמורמלט און מיט מונטערע טריט ווייטער געשפּרייזט צום גאַניק וווּ זי איז די ערשטע דריטל נאַכט געשלאָפן...

זי האָט נאָך נישט באַוויזן איינצושלעפּערן ס׳קינד און די טיר פון הויז האָט זיך געעפנט. אַ הויך געוויקסיקער, שיין געקליידע־טער מאַן איז פון שטוב אַרויס. די מאַמע האָט זיך טיפער אין וואַנט איינגעפּרעסט כּדי אויסצומיידן זיין נייגעריקן בליק.

דער מאַן האָט זי אָבער אַלצאיינס באַמערקט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און באַלד לייכט אַ קלאַפּ געטון אין טיר...

פאַרן שיין פון דער בלאַסער לבנה, האָט זיך אַ צעקודלטע קאָפּ האָר געוויזן און אַ הייזעריקע פרויען - שטימע האָט הייזע־ריק געפרעגט:

— וואָס איז געשען, טייערינקער..?

מאקס האָט אַ ווונק געטון צו דעם מענטש אָן אַ נאָמען.

— וואָסי? — האָט דער צעקודלטער קאָפּ האָר נישט אויפגע־באַפּט זיין ווונק.

— זעסט נישט?.. אימיצער זיצט דאָ ביי דיר אויפן שוועל...

דער צעקודלטער קאָפּ האָר האָט זיך אַ דריי אויס געגעבן אין צווייטן זייט. אַ מינוט פאַרגאַפּט אָנגעקוקט די אויפגעבייגלטע צוויי סילועטן... באַלד אַ נישטיקן מאַך געטון מיטן האַנט און מיט אַ גלייכגילטיקן קול אויסגערעדט:

— אַהאַ, קבצנים! פּלאָדיען אָן ממזרים און מ׳קען גאָר פון זיי נישט פּטור ווערן!

אויגנבליקלעך האָט זיך די טיר הינטער איר פאַרמאַכט. דער לעצטער אָפּקלאַנג פון מאַקס׳ האַסטיקע טריט איז אין דער לופט פאַרשלונגען געוואָרן. דער אָרום האָט זיך אין נאַכטיקער שטיל־קייט געוויגט...

מאַדאַם פרידמאַן איז אַ גליקלעכע אין איר ווייך־אויסגעבעטן בעט געלעגן און צופרידן געחלומט וועגן נאָך אַ סך אַזעלכע „מאָרגנס״ און איבערמאָרגנס וועלכע וועלן איר אַזעלכע געניסן ווי היינט פאַרשאַפן... און זי, די פרוי אָן אַ נאָמען, האָט אפילו די שטיינער פון אונטער איר קאָפּ נישט געפילט. שוואַרץ־ווייטיק האָט זי אין זיין קלעם איינגעפּרעסט...

— אַ ממזר גאָר! — האָט עס אָנגעהויבן נאָדלען אין איר האַרצן און געשטאָכן, געוויימיקט אומאויפהערלעך.

מענטשן!

אַ קליינע מחיצה איז צווישן זיי:

אַ צוזאַמענשטעל פון עטלעכע אָפּגעהובלעוועטע, שיין־אָפּגע־פאַרבטע, ברעטלעך טיילט זיי אָפּ איינעם פון צווייטן.

מאַדאַם פרידמאַן איז אינעווייניק, אין הויז, אונטערן שוץ פון דער פאַרשלאָסענער טיר. און זי, דער מענטש אָן אַ נאָמען, מיט איר קינד, זענען פון דער זייט טיר; אונטערן שוץ פון לוי־טער־קלאָרן מראָפּישן הימל...

אַ ז י י ד ע

אַ זיידע

די עלטערע יידן פון שטעטל האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. זיי, די זקנים, זענען געבליבן ווי אַנטוישטע. געמיינט האָבן זיי, אַז איצט — נאָכדעם ווי משה איז שוין אַ זיידע געוואָרן — וועט ער אויפהערן מיט זיינע קינדערישע איינפאַלן און וועט ווערן אַ קאַפּעלע ערנסטער, מער מיושבדיקער. דערהערנדיק אָבער זיין לעצטן וויץ אָדער נבול־פה — ווי זיי האָבן דאָס גערופן — האָבן זיי פרום אַראָפּגעלאָזן די אויגן פאַר בושה, און הייבנדיק די אַקסלען נישט אויפגעהערט צו שטוינען: „סטייטש, סטייטש! אַ זיידע שוין, און ער פאַרגעסט גאָר איינגאַנצן ווו ער האַלט אין דער וועלט..!"

און דער יונגערער עולם, די בחורים און נאָר־וואָס חתונה געהאַטע באַלעבעסלעך זענען שטאַרק צופרידן געווען פון משהס באַנעמען זיך. זיי האָבן נאָך אים טויזנט מאָל מער ליב געקריגן. פול מיט שמחה זענען זיי אַרומגעלאָפן און יעדן באַקאַנטן געפרעגט:

— האָסט שוין געהערט די לעצטע חכמה זיינע?

— יאָ. וואָס פאַר אַ שאלה?

— נו, ווי געפעלט עס דיר עפּעס?

— אָ! אָ! — האָט יעדער איינער געענטפערט מיט התפעלות.

די גרעסטע לצים פון דער חברה האָבן אַפילו געלייזט פאַר דער חכמה פון אַלטן שטעטלשן פרוש.

זיי זענען אַריין אין בית־המדרש, אַ ווייל אַרומגעדרייט זיך אַרום דער בימה, נאָכדעם זענען זיי צוגעגאַנגען צום פרוש און אַזוי אומעטיק ווי מעגלעך אים אַ פרעג געטון:

— איר ווייסט, אַז ר' משה איז געוואָרן פאַרמרה־שחורהט?

— אוי ווי! וואָס רעדט איר?! — האָט דער פרוש אַרויסגע־נומען די אויגן פון דער גמרא.

— יאָ. יאָ! — איז די חברה נאָך אומעטיקער געוואָרן.

— וואָס הייסט?.. ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי אַזוי..?

— מיר ווייסן אַליין נישט. ער גייט אָבער אַרום איבער די גאַסן אַ פאַרפינסטערטער, אַ פאַרטראַכטער... קוקט יעדערן אָן מיט זיינע שוואַרצע, גרויס - געוואָרענע אויגן און רעדט צו קיי־נעם קיין וואָרט נישט אויס...

— זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין, — האָט דער פרוש אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און באַלד געפרעגט: און מ׳קען גאָרנישט דערגיין וואָס אַזוינס ס׳איז מיט אים געשען?

— יאָ. ער זאָגט דאָס אַליין. זיין טענה איז, אַז צייט ער איז געוואָרן אַ זיידע איז אים דאָס לעבן מער נישט ניחא..

— וואָס הייסט..? ער האָט דען נישט געוואָלט ווערן קיין זיידע?

— אָ, וואָס רעדט איר?! אודאי האָט ער געוואָלט ווערן אַ זיידע! נאָר וואָס דען? — איז שוין דער אַלטער פרוש געוואָרן צעטומלט.

— ער זאָגט, אַז ער איז נאָך צו יונג צו האָבן אַ באָבען פאַר אַ ווייב... האָט זיך די חברה צעלאַכט און גלייך פון בית־מדרש אַרויסגעלאָפן.

אַזוי איז משהס לעצטע חכמה אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל. און ווו נאָר ס׳האָט דערגרייכט איז אַ פרייד געווען... אפילו די אַלטינקע, די פרומערע יידן האָבן נאָכן אונטערקוועטשן מיט די פּלייצעס געשמייכלט צו זיך אַליין פון משהס איינפאַל... זיי האָבן נישט געקענט באַהאַלטן דעם תענוג וואָס זיי האָבן געפילט, די שטילע פרייד וואָס האָט זיך פון זייערע, שטענדיק פאַראומערטע, הערצער געריסן...

— אַזאַ פריילעכע נשמה איז נאָר די ברכה פון אים, ברוך הוא אַליין...

— דיך איז טאַקע דאָ וואָס מקנא צו זיין! — האָבן יידן גע־קוקט אויף משהן פון אונטן אַרויף.

און ער, משה אַליין, איז געשטאַנען אינמיטן אַ צעשמייכלטער און געפילט די שפע פון פרייד וואָס האָט זיך צעשפּרודלט אין זיין האַרצן. ער האָט געטרייסט די עלטערע פון אים, געוואָרנט די יונגערע פון אים און שטאַרק הנאה געהאַט פון זיך אַליין: פון זיין ליבע צו מענטשן און פון זייער ליבע צו אים.

צום ברית פון זיין ערשטן אייניקל האָט ער זיך זייער לאַנג געגרייט. דעם קינדס טאַטע־מאַמע האָט ער געהייסן זיצן אינדער־היים און די אַרבעט פון צוגרייטן דעם ברית האָט ער אַליין איבער־גענומען. ערשט ביי דער געלעגנהייט האָט ער געוואָלט באַווייזן וואָס פאַר אַ מענטש ער איז: אַז ער, אַ זיידע שוין, איז נאָך אַזוי יונג ווי אַן אייניקל... אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָט זיך צעצונדן אין זיינע גלידער, ווען ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם; און אַז די שמחה איז שוין ביי אים יאָ אַזוי גרויס געווען האָט ער פאַר־בעטן דאָס גאַנצע שטעטל און צוגעגרייט אַ מאָלצייט נאָך אַ גרע־סערע ווי צו אַ חתונה...

קיינער, פון די געבעטענע געסט האָט נישט פאַרפעלט צו קו־מען צום ברית. דעם זיידנ'ס פּנים האָט געשטראַלט. מיט ברייט צעעפנטע אָרעמס איז ער יעדן אַנטקעגנגעלאָפן און אַלעמען אַריינ־געפירט אין זאַל ווו די טישן זיינען געווען געגרייט.

— מזל־טוב זיידע! — האָבן אים די עלטערע מענטשן צו־געווונשן און דערביי גוטמוטיק באַמערקט, אַז ס'איז שוין צייט ער זאָל מיט זיינע 'לצנות'ן אויפהערן און אַ שטיקל מענטש ווערן.

— מזל־טוב זיידינקע! — זענען די יינגערע נישט אָפּגע־טראָטן פון אים און ווויליונגעריש איבערגעווונקען זיך.

און ער, דער זיידע אַליין, איז קיינעם קיין בעל־חוב נישט געבליבן; פון קלענסטן ביזן גרעסטן האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ שאַרף וויציק ווערטל, **איילנדיק** זיך דערביי מקבל־פּנים־צו־זיין די אַנדערע געסט וועלכע האָבן זיך אין טיר באַוויזן.

נאָך יונגער ווי אַלעמאָל האָט ער דעם טאָג אויסגעזען. אַ יונגנטלעכע רויטקייט האָט זיך איבער זיין פּנים צעגאָסן. רירעוודי־קער ווי שטענדיק איז ער אַרומגעלאָפן פון איין גאַסט צום צווייטן

און געבעטן, אז מ'זאָל זיך משמח זיין אויף וואָס די וועלט שטייט...

— כאַפּט אריין, כאַפּט אריין! — האָט ער די יונגערע צו־געפּאַטשט אין פּלייצע.

— ס'איז דאָך אַ סעודת־מצוה..! — איז ער שוין ערנסטער געוואָרן מיט די עלטערע.

און יידן האָבן זיך געלאָזט וואויל - גיין. ביי משה'ן אין שטוב האָט זיך יעדער איינער געפילט ווי ביי זיך אינדערהיים. די שטי־מונג איז געוואָרן אַ געהויבענע, אַ יום - טוב'דיקע. יידן האָבן להלוטין פאַרגעסן ווער זיי זענען און ווו זיי געפינען זיך... איין גרויסע אויפריכטיקע פרייד האָט זיי אַלעמען באַהערשט...

און אַז דער זיידע האָט דערפילט די אַרומיקע שמחה איז ער ווי קינדעריש געוואָרן. ער האָט נאָך קיינמאָל, אין זיין עטלעך־און־ פערציק־יאָריקן לעבן אַזאַ טיף קוועלנדע פרייד נישט געהאַט. ער האָט פּשוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. האָט ער אַרומגעכאַפּט יעדן איינעם און אים געקושט. שטאַרק געקושט. ביז ווייטיק געקושט...

— משה! — האָט דאָס ווייב געפּרוּווט איינשטילן אים.

— ווען דו וועסט ווערן אַ זיידע וועסטו אויך זיין אַזוי!... — האָט ער איר פאַר אַלעמען אין די אויגן אַ קוש געטאָן.

— ר' משה! — זענען די עלטערע יידן נשתומם געוואָרן.

— אַז גאָט האָט ליב געהאַט משה'ן האָט ער אים אויך גע־קושט! — איז ער נאָך פריילעכער געוואָרן. און ווען ער האָט אַ ווײַלע שפּעטער באַמערקט, אַז דער עולם שאַרט זיך ביסלעכווייז אַרויס פון זיין הויז האָט ער זיי אָנגעקוקט ווי משוגעים: „ווי אַזוי צעלויפט מען זיך דאָס אַזוי גיך פון אַזאַ גרויסן יום־טוב"? — איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין...

צעשטערט דעם זיידנ'ס שמחה האָט דער לעצטער גאַסט זיי־נער, דער אַלטער שטעטלשער פּרוש. — פאַרן אוועקגיין, ביים גע־זעגענען זיך, האָט ער, דער אַלטער פּרוש טאַקע, אויפגעהויבן זיין נוטה־למות'דיקע פּלייצע, אויסגעשטעלט זיינע גרויסע תּלמיד־

חכמישע אויגן און גלעטנדיק זיין גרייז גרויער באָרד האָט ער זיך אָנגערופן צום זיידן:

— איר ווייסט, ר׳ משה, ס׳איז שוין באמת צייט איר זאָלט ווערן אַ ביסעלע מיושב׳דיקער, מער געזעצט... איר זייט דאָך שוין אַ זיידע, אַ זיידע!... שוין נאָענטער ווי ווייטער...

אַ שטילער טרויער האָט זיך פון ערגעץ־ווו אַראָפּגעלאָזן אויפן זיידנס פנים. דעם פרוש׳ס ציטערדיקער רעדן און די אימה׳דיקע פוסטקייט וואָס האָט אין צימער געהערשט נאָכן שרעקלעכן רעש פון אַלעמענס אַוועקגיין — האָט אויף אים מאָדנע געווירקט. זיינע באַהאַלטענע כחות זענען ווי איינגעשלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך אפילו נישט געפילט גענוג שטאַרק צו ענטפערן דעם פרוש און נאָר צוליב דעם — ציגעבאָמקעט צו אַלץ וואָס ער האָט אים געזאָגט; געדולדיק אויסגעהערט דעם אַלטנס מוסר־ווערטער, נאָכלעסיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זיינע עצות און שטילערהייט מסכים געווען צו אַלץ וואָס איז אַרויס פון פרושס מויל.

און אַז דער פרוש איז אַוועק איז נאָך שטילער געוואָרן. שטילער און שווערער. דער זיידע האָט גאָרנישט געקענט קומען צו זיך. דער גאַנצער אַרום האָט אים געשטיקט, געוואָרגן און נישט געלאָזן פריי אָפּאָטעמען, — אָנשעפּן זיך מיט נייע כחות. מיט יעדער רגע איז ער אַלץ שוואַכער געוואָרן. שוואַכער און אָפּגעלאָזענער. קוים וואָס ער האָט באַוויזן אַריינצוזעצן זיך אין איינעם **פון די דערבייאיקע שטולן** און אַזוי שוין געבליבן זיצן אינגאַנצן אַ פאַרגאַפטער; ער האָט אַליין נישט געפילט ווי ער ווערט פאַרטראָגן אין אַנדערע, גאַנץ אַנדערע וועלטן.

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן פון זיין לינקער האַנט אויף די פאַרלייגטע קני זיינע און רייבנדיק מיטן גראָבן פינגער זיין פריש־אַרומגעשאָרן בערדל האָט ער זיך גיריק נאָכגעשלעפּט נאָך דעם ראָד פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דרייען צוריק: פון דער געגנוואַרט צו דער פאַרגאַנגענהייט. ער קוקט זיך צו שטאַרק־פאַרטיפט און מיט יעדער מינוט ווערט ער יונגער. זיין פנים שטראַלט אויף און די אויגן זיינע ווערן

גרויס און פארוואונדערט... ס'האָבן פאַר אים גענומען אויפלעבן נישט־לאַנג־פאַרגאַנגענע געשעענישן און געוויזן האָבן זיי זיך צו אים אין זייער דאַמאָלסטיקער פרישקייט:

גיטעלע, זיין איינציקע טאָכטער — די איצטיקע קימפעטאָרן — גייט אַריין צו אים אַ פאַרשעמטע. זי זעצט זיך אַוועק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַרט לעבן אים און ציטערט מיט אַלע אירע גלידער...

— וואָס איז דיר גיטעלע?

— גאָרנישט...

— גאָר וואָס? — נעמט ער איר אַרום.

— איך ווייס אַליין נישט... — פינטלט זי מיט די אויגנדעקלעך...

— נו זאָג! שעם זיך נישט פאַר מיר — ווערט ער גערירט און בעט זיך ביי איר נאָך מיט מער צאַרטקייט ווי פריער.

און אין שטיב איז ליכטיק און וואַרעם. אַ זומערדיקע הייטמישקייט שפּראָצט אַרויס פון יעדן ווינקעלע. דורך דעם אָפענעם פענסטער בלאָזט אַריין אַ צאַרטער ווינט און טוליעט צו די פרילינגדיקע טאָכטער צום זומערדיקן טאַטן...

ליינט גיטעלע אַוועק איר קאָפּ אויף זיין שויס, אָטעמט איין אַ פול מויל מיט פרישע לופט, און קוקנדיק אויף דער פאָדלאָגע הייבט זי אָן:

— ווייסט טאַטינקע, פייוול איז מיר זייער געפעלן.

— אַזוי גאָר? — וויל ער אויסדרייען איר פנים צו זיך.

— יאָ טאַטע, יאָ. — שעמט זיך גיטעלע צו קוקן אים אין די אויגן און גראָבט איין איר פנים אין זיין שויס.

— טאָ זאָל זיין מיט גליק! — פּרוּווט ער זיך אויפשטעלן און דערפילט גלייך אירע הענט אַרום זיין האַלדז...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? — איז פּלוצלינג זיין ווייב אַריינגעקומען און דערזען ווי איר כּלה־מויד הענגט ביים טאַטן אויפן האַלדז.

— אָ! דער טאַטע איז אַזאַ גוטער, אַזאַ גוטער! — שטורעמט

אוים גיטעלע און לויפט אנטקעגן דער מאמען איינצוגיוורען זיך אין איר ברוסט.

— גיי! גיי צו דיין משוגענעם טאטן..! — שטויסט איר אפ די מאמע מיט ליבע און ווארפט איר מפלומרשט בייזן בליק אויפן מאן...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

די ראד האט זיך עטוואס ווייטער א דריי געטאן:

ס'איז א ווינטערדיקער פרייטאג־צו־נאכט. ער האט נאר וואס געענדיקט עסן אונטער־ברויט און איז ארוים אויף א שפאציר מיט זיין ווייב און טאכטער. די נאכט איז זייער א ליכטיקע. דער פריש־אנגעפאלענער שניי פארשפרייט אן אמתע יום־טובדיקייט איבער די גאסן. כמעט אלע שטעטלשע איינוווינער האבן זיך ארויסגע־לאזן פון זייערע פארשטיקטע, ווארימע הייזער אין קאלטן, פרישן אינדרויסן. און אלטע זקנים, און דער קעלט פון ווינטער, יונגער געווארן. פון דא און דארטן דערטראגן זיך שטילע קלאנגען פון א פארבענקט לידל. און די קלאנגען צעזייען א שטיל ווארעמען אר־מעט איבער דער ווייסער ערד...

— גוט שבת, ר' משה! — שמייכלען אונטער די אלטע.

— מיט אייך איז גאר פריילעכער..! — דרייען זיך ארום אים די יונגע.

— זאגט עפעס, ר' משה! — זענען אים גערן אלע.

און זיין ווייב מיט דער טאכטער שטייען און קוועלן; דאס ווייב פרייט זיך מיט איר מאן און די טאכטער — מיטן טאטן. דאס רעדל ארום אים ווערט גרעסער און ענגער. מענטשן פרעסן זיך איין איינע אין די אנדערע. קיינער וויל נישט פארהערן זיינס אווארט...

שפעטער אויפן וועג צוריק אהיים, באמערקט ער ווי די יונ־גערע חברה ווארפט אן אויג אויף זיין גיטעלען. זיין שארפער מח כאפט אלץ אויף. א באזונדערע שטאלצקייט ברויזט אויף אין אים, א גוואלדיקע פרייד רייסט זיך פון אלע זיינע גלידער. אזא גרויסע

שמחה איז ער שוין נישט בכּח איינצוהאַלטן אין זיך, דרייט ער זיך אוים צו זיין „בעסערע העלפט" און שטיפעריש שושקעט ער איר אַריין אין אויער: —

— וואָס זאָגסטו? חברה קוקט שוין מיט הנאה אויף אונזער גיטעלען...

— אַבי דו פירסט זיך נאָך אויף ווי אַ יינגל... — ברוגזט זי זיך מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט און ס'איז כּלל נישט שווער צו דערקענען, אַז זי אַליין איז אויך שטאַרק צופרידן... ער זאָגט איר ווידער עפּעס אויפן אויער פון וואָס זי ווערט יונג־מיידליש פאַרשעמט און וויל אים דערפאַר אָפּשטויסן פון זיך.

— משוגענער, אינמיטן גאַס?! — קוקט זי אים אַריין אין די אויגן און מאַכט אַ באַוועגונג ארויסצונעמען איר האַנט פון זיינע. זי קען דאָס אָבער ביי זיך נישט פועלן און אַנשטאָט צו דערווייטערן זיך טוליעט זי זיך נאָך מער איין אין אים...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

קייקלט זיך ווייטער די ראָד:

אָט גייט נאָך גיטעלע אין שול. זי איז זייער אַ גוטע תּלמידה. די לערער באַוווּנדערן זי ממש. אַלטע לייט באַדויערן למאַי זי איז נישט געבוירן געוואָרן אַ יינגל. יונגערע רופן זי „דער מאַנסבילשער מח" און ער, דער טאַטע אירער, איז אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך... און נאָך געהויבענער ווי אַלעמאָל, דערפילט ער זיך. און נאָך שאַרפער ווערט זיין וויץ. און נאָך לייכטער ווערט זיין הומאָר. און נאָך מער מוסרן אים די אַלטע. און נאָך מער באַלעווען אים די יונגע. און וואָס ווייטער און ווייטער ווערט ער אַלץ יונגער און יונגער...

די ראָד האָט זיך אַ האַסטיקן דריי געטאָן: יאָרן גאַנצע זענען, ווי מיקראָסקאָפּישע פּינטעלעך פאַרשווונדן פון אונטער זיינע אויגן און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט. אַ בליק — אַ יאָר, אַ בליק — אַ יאָר... אַן אייביקייט אַ גאַנצע האָט ער דורכגעבלעטערט אין דער איינצי־

קער מינוט. און פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פאַר־מאַכט זיינע אויגן...

אַ זייער היימלעכע קאַמער. די פריש־אויסגעקאַלכטע ווענט לויכטן און וואַרעמען מיט אַ באַשיידענער שטילקייט. אין די ווייס־קייט פון צימער שפּיגלט זיך אויס אַ העל ראָזע בעט און אין בעט ליגט אַ נאָר־וואָס געוואָרענע מאַמע. איר פּנים איז מיד, בלאַס און אויסגעמאַטערט. אָבער אַ טיפע פרייד שיינט פון פּנים אַרויס. און נאָך שטאַרקער שטראַלט די מאַמע אויף, און נאָך ברייטער ווערט איר שמייכל ווען זי גיט אַ הייב איר מידן קאָפּ און קוקט אַריין אין דערבייאיקן גרויסן קישן, ווו זי דערזעט איר נאָר־וואָס געבוירן קינד.

— טוסיקל מיינע..! — ווערט איר קרענקלעך בלאַס פּנים מיט אַ גליקלעכע רויטקייט פאַרצויגן, ווען זי ווינקט מיט אירע ברייט־צעעפנטע אויגן צום נפשל אין קישן.

הארט לעבן איר זיצט אַ יונגער קרעפטיקער מאַן. ער איז אַ היפּש ביסל אָנגעשטרענגט. די לעצטע נאַכט האָט ער קיין אויג נישט צוגעמאַכט. זיין ווייב האָט די געבורטס־ווייען דערפילט... זי איז געלעגן אין בעט אַ פאַרבייאיקע; דאָס פּנים פאַרקרימט, אין קאָנ־וואלסיוון ווייטיק און די אויגן גרויס, גרויס און פאַרוואונדערט... אירע פאַרשטיקטע קרעכצן האָבן געריסן פון אים שטיקער האַרץ און העלפן איר האָט ער נישט געקענט... איז ער נאָר אַרומגעלאָפן איבערן צימער און געציטערט מיט אַלע זיינע גלידער, מיט יעדן נערוו, מיט יעדן הויט־פעדימל פון זיין לייב...

— צו וואָס האָט מיר געטויגט דאָס קינד, אַז סשטעלט מיין ווייבס לעבן אין געפאַר! — האָט ער זיך גאָרנישט געקענט שענקען.

און איצטער איז ער מיד. מיד און אויסגעמאַטערט. די מיד־קייט איז אָבער אַזאַ ליבע, אַזאַ געשמאַקע... כ׳צעגייט זיך אים איבער אַלע זיינע גלידער און ער דערפילט זיך גרינג און גרינגער... ער קען גאָרנישט זאָגן ווערן קוקנדיק אויף זיין ווייב. ער קוקט אויף איר און זי קוקט אויף אים; זיי ביידע וואַרפן זייערע בשותּפותדיקע בליקן צום דערבייאיקן ווייסן קישן, ווו ס׳האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן לעבן זייער נחת, זייער פרייד, זייער אייביק גליק...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

— זיידע, זיידע! כאוואַלסטע כאַטשבי אַריינגיין זען וואָס דיין אייניקל מאַכט! — האָט משה פּלוצים דערהערט זיין ווייבס געפּיעשטשעטע שטימע.

ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר זיין פאַרטראַכטקייט און נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך פון שטיל אויפגעהויבן און גענומען גיין צו דער קימפּעטאָרין.

— וואָס עפּעס אַזוי צעטראָגן? — האָט זיך זיין ווייב פאַר־וואונדערט.

— ווייל איך בין געוואָרן אַ זיידע און נישט קיין טאַטע...

— גיי שוין גיי..! — האָט זי אים אַריינגעשטופּט אין גיטלס צימער און מיט באַהאַלטענע פרייד נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג זיינע.

גיטל איז געלעגן אין בעט זייער אַ מידע. לעבן איר איז גע־זעסן איר מאַן און האָט מיט טיפע פרייד אַריינגעקוקט אין אירע אויגן פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעשיינט איר מאַמעשער גליק. און זיי ביידע האָבן נישט אויפגעהערט צו וואַרפן זייערע בשותפות־דיקע בליקן צום דערבייאיקן וויגן קישן ווו ס'האָט נאָר וואָס אָנ־געהויבן לעבען זייער נחת, זייער פרייד, זייער אייביקער גליק...

— אוי! — נאָר וואָס איז דאָך פונקט אַזוי מיין ווייב גע־לעגן און זי — די איצטיקע קימפּעטאָרן — איז דאָך אין זעלבן קישן געווען..! — האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן אין מח — און, שוין!... שוין אוים...מ'ירשנט מיך שוין אָפּ... איך בין שוין גאָר־נישט... גאָרנישט... נישט מער ווי אַ זיידע...

— ליבעלע, זונינקע, ווייסט ווער דאָס איז? — האָט די יונגע מאַמע אָנגעהויבן פּלאַפּלען צו דעם קינד, ווען זי האָט דערזען איר טאַטן אַריינקומענדיק — ווייסט ווער דאָס איז? — האָט זי ווידער איבערגעחזרט, שאָקלענדיק מיט איר קאָפּ און ווינקענדיק מיט אירע, פון פרייד, צענויפגעצויגענע אויגן. — אַ זיידע, קינדע־לע מיינס, אַ זיידע! אַ זיידעניו...! דיין זיידע איז דאָך דאָס... — האָט זי נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט יונג־מאַמעשער צופרידנ־

קייט און אַזוי ערנסט פּונקט ווי דאָס קינד וואָלט פאַרשטאַנען וואָס מ׳רעדט צו אים...

און אין זיידנס האַרץ האָט עפּעס אָנגעהויבן צו גריזשען; ס׳פאַרדריסט אים נישט חלילה וואָס ער איז געוואָרן אַ זיידע, פאַרקערט: ס׳פרייט אים נאָך... ער איז דאָך דער איבערגעגעבנסטער טאַטע צו זיין קינד און זיידע — צו זיין קינדס קינד... נאָר צוזאַמען מיט די פרייד וואַקסט אין אים אַן אומפאַרשטענדלעכער אומעט... אַזאַ ווייטיקדיקע, עלנטע פוסטקייט פאַרדריקט זיין גאַנצע שמחה און ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען... ס׳דוכט זיך אים, אַז ער איז אויף אַן אמת אַלט געוואָרן... און אויב ער זעט נאָך אַפילו אויס יונג, פילט ער אָבער, אַז אַט־אָט ווי דער אַלטער פרוש האָט אים פריער געזאָגט: „אַז ער איז שוין אַ זיידע, אַ זיידע, און איז שוין נאָענטער ווי ווייטער"...

די אַרומיקע שטילקייט האָט אויפגעוועקט דעם זיידן פון זיין פאַרחלומטקייט. ער האָט דערפילט אַלעמענס אויגן אויף זיך און אַ ציטער געטאָן: ער האָט זיך דערשראָקן טאָמער האָט זיין שווערפאַרטרויערט פּנים זיי עפּעס דערציילט... און ער איז אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין... מיט שנעלע טריט איז ער פון דער קימפּעטאָרנס צימער אַרויסגעלאָפן, געפּרוווט דערווייטערן זיך פון די שווערע מחשבות... אָבער פון ווייטן האָט זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן זיין טאָכטערס האַרציקע זינגען: „לייבעלעס זיידע איז אוועק..! אוועק!... אַ שלעכטער זיידע, לייבעלעס... אַ שלעכטער זיידע"..!

— אַ שלעכטער זיידע! — האָט דעם זיידנס פּנים אַ צוק געטאָן. און מיט וואַקלענדיקע פיס האָט ער זיך גענומען שאַרן נענטער צו דער דרויסנדיקער טיר... ווייטער פון זיין אייניקל... אַ פאַרקלעמטער האָט ער זיין ווייס טאַשן־טיכל אַרויסגענומען פון קעשענע און בגנבה, אַז קיינער זאָל נישט זען, האָט ער זיין ערשטע זיידישע טרער פון ווינקל אויג אַראָפּגענומען...

קאָנקורענטן

קאָנקורענטן

דאָס שטעטעלע סאַן־כואַן איז זייער אַ קליינס. אַ קליינס און אַ פאַרוואָרפנס. מיטן באַן קען מען אהין נישט צוקומען און מיט אַן אויטאָמאָביל אָדער פור איז אויך זייער שווער צו פאָרן אהין. די עטלעכע וויאָרסט פון דער נאָענטער באַן־סטאַנציע ביזן שטעטל זענען זייער פעלזיקע, פול מיט אַרויסגעוואַקסענע שפּיציקע שטיי־נער. און פאָרן דאָרטן קען מען נאָר רייטנדיק.

און די מענטשן פון שטעטל זענען אויך ווי פאַרוואָרפענע. פאַרוואָרפענע און שטילע. דער גערויש פון צוואָנציקסטן יאָר־הונדערט איז זיי לחלוטין פרעמד. און דערהערן זיי אַמאָל דאָס טראַבען פון אַ מאַשין לויפן קינדער פון די הייזער אַרויס, דער־וואַקסענע גייען צום פענסטער צו: זיי ווילן וויסן ווער ס'איז צו זיי צו גאַסט געקומען...

אַפילו די איינציקע פאַבריק וואָס דאָס שטעטל פאַרמאָגט איז אויך אַ שטילע. דער קוימען אירער פייפט קיינמאָל נישט. דוכט זיך, אַז זי האָט גאָרנישט קיין קוימען. קיין מאַשינען קלאַפּן דאָרטן נישט, ווייל זי האָט נישט קיין מאַשינען. די אַרבעט אין פאַבריק ווערט געטון מיט די הענט פון מענער און פרויען, ייִנגלעך און מיידלעך, יונגע און אַלטע. כמעט אַלע שטעטלשע הענט אַרבעטן אין דער פאַבריק.

אויסער די באַוועגונגען פון די הענט פילט מען כמעט גאָר־נישט אין פאַבריק. רעדן קענען נישט די אַרבעטער. דער גאַנצער בנין איז איבערפולט מיט טאַבאַק: זייערע הענט וויקלען ציגאַרן, די באַוווסטע האַוואַנאַ־ציגאַרן. און קוים עפּנט אימיצער פון זיי אויף ס'מויל אַזוי לייגט זיך אים אַוועק אַ שווערקייט אויפן האַרץ

און אין האַלדז נעמט אים שטיקן, טאַקע נאָר צום דערוואָרגן ווערן. דער־פאַר זענען, מערסטנטייל, די ליפּן פון די פאַבריק אַרבעטער פאַרשטשימעט און אָטעמען, אָטעמען זיי נאָר מיטן נאָז...

און שטיל ווי זיי זענען ביי דער אַרבעט אין פאַבריק, נאָך שטילער צעגייען זיי זיך נאָך דער אַרבעט צו זייערע היימען. ווער אין זעלבן שטעטל און ווער אין איינעם פון די דערבייאיקע דער־פער. דער פריידיקער געמורמל זייערער, וועלכער דערפילט זיך בשעת זיי הייבן זיך אויף פון די ערטער האַלט נישט אָן לאַנג. ס׳גערויעט נאָר ביז וואַנען זיי קומען צו צום צווייטן ווינקל גאַס. דאָרטן צע־גייען זיי זיך, יעדערער אין זיין זייט, אין זיין ווינקל, צו זיין אָרעם שטיבל. און גייען זיי אַפילו עטלעכע צוזאַמען רעדן זיי אויך נישט צווישן זיך. זיי זענען אָפּגעוווינט פון באַוועגן מיט די ליפּן. די מוחות זייערע זענען שוין פאַרנומען מיטן געדאַנק, אַז מאָרגן גאַנץ פרי וועט זיך ווידער אָנהייבן פאַר זיי אַזאַ לאַנגער שווערער טאָג פון וויקלען ציגאַרן...

נאָך אָוונט־ברויט גייען די מענער אַוועק שפּילן אין „דאָמינאָ״. די פרויען מיט די קינדער זעצן זיך אויס אויף די וויג־שטולן וועלכע זיי שטעלן אַרויס ביי די גאַניקעס פון די אָרעמע הייזלעך. וואו־נישט־וואו שטייט אַ „נאָוויאָ״ (חתן) פון יענער זייט פאָרענטש און שמועסט זיך דורך אויף שטום לשון מיט זיין „נאָוויאַ״ (כלה). צופיל רעדן קענען זיי נישט. נישט ווייט זיצט די אַלטע פולע מאַמע, וויגט זיך מיט טראָפּישער פוילקייט אויפן וויג־שטול און האַלט אַן אויג אויף איר טאָכטער. די מאַמע וועט נישט איבערלאָזן די טאָכטער אַליין אַפילו אויף איין מאָמענט. זי האָט מורא פאַר דער טראָפּישער הייס־בלוטיקייט פון איר קינד: אַמאָל קען זיך נאָך די תאווה אין איר צעפלאַקערן וועט זי זיך, בלי ספק, אינגאַנצן מפקיר זיין אין די הענט פון איר יונגן חתן...

ווען דער „חתן״ גייט אַוועק ווערט אינגאַנצן שטיל. אויסער דאָס סקריפּען פון די וויג־שטולן הערט זיך גאָרנישט. די מאַמעס מיט די טעכטער וויגן זיך פויל און טראַכטן פויל, נישט אויס־רעדנדיק אַ וואָרט איינע צו דער צווייטער. יעדע איינע פון זיי האָט זיך איר באַזונדערע וועלט וואָס האָט מיט דער צווייטער קיין שום

שיכות נישט... און ווען ס'ווערט שפּעט הייבט זיך די מאַמע אויף, נעמט איר וויג־שטול און שאַרט זיך צו דער טיר. די טעכטער פאָלגן נאָך. אַליין אינדרויסן ווילן זיי נישט בלייבן. גייען זיי שטיל אין שטוב אַריין און צעליגן זיך אין די בעטן. און ווי איין מאַמע, אַזוי איז אויך די צווייטע. ווי אין איין שטוב, אַזוי אויך אין דער אַנדערער, אין דעם גאַנצן שטעטל. פאַר אַלעמען גלייך קומט די נאַכט, פאַר אַלעמען גלייך פאַנגט זיך אָן דער טאָג.

אינמיטן שטעטל געפינט זיך אַ קאַפּעטעריע און אין די עקן — עטלעכע שפּייז־קראָמען. אַז די איינוווינער דאַרפן אַ שוך אָדער אַ קלייד וואַרטן זיי ביז אַ רייזנדער פּעדלער וועט אָנקו־מען. און ווען דער פּעדלער קומט דאַרף ער חלילה נישט גיין איבער די הייזער. די שטעטלשע מענטשן זענען קליין אין זייערע אייגענע אויגן, קיינער איז נישט מחויב אונטערצו־טראָגן זיי „אונטערן נאָז"... דער פּעדלער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווינקל גאַס, נעמט אַראָפּ די פּעקלעך סחורה וואָס זענען אָנגעלאָדן ביי די זייטן פון פערד, אַרום זאָטל, בינדט זיי פונאַנדער... און אין משך פון דער צייט האָט ער שוין דאָס גאַנצע שטעטל אַרום זיך...

אָרעמע מאַמעס קויפן הייזלעך און קליידלעך פאַר זייערע האַלב־נאַקעטע קינדער. מענער און פרויען האַנדלען איין ביליגע שיך פאַר זיך אַליין. בחורים קליבן גלעזערנע קרעלן פאַר זייערע „נאָוויאַס" (כלות) און ווער ס'קויפט גאָרנישט שטייט זיך סתם אַזוי לעבן גאַסט.

שפּעטער, ווען דער פּעדלער פאָרט אַוועק, ווערט ווידער שטיל. די פּאָליסלייט פון שטעטל שטייען אינמיטן גאַס און רויכערן די ציגאַרן וואָס דער פּעדלער האָט זיי געגעבן אַלס מתנה. ווו־נישט־ווו רופט אַ מאַמע איר קינד אויף אָנצומעסטן ס'קליידעלע וואָס זי האָט איר נאָר וואָס געקויפט. אַלטיטשקע פרויען באַדויערן דעם פּעדלער וואָס מוז זיך נעבעך שטענדיק באַקן אונטער דער גלי־איקער קובאַנער זון. און מענער פאַרוקן זיך בחדרי־חדרים און ציילן דאָס קליין־געלט וואָס איז זיי געבליבן. זיי ווילן וויסן צו זיי האָבן געגוג אויף צו גיין ביינאַכט אין קאַפע אַריין.

2

אַלע מאַנסבילן און קינדער פון שטעטל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום דעם הויז און נייגעריק באַטראַכט ווי מען בויט עס איבער. די מער געוואַגטע פון זיי זענען אַריין אינווייניק, באַטראַכט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס דעם „פּאָלאַקאָ‟*) און אונטערגעהערט זיך צום שמועס וואָס ער האָט געפירט מיטן איינציקן סטאָליער פון שטעטל. שפּעטער זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צו זייערע באַקאַנטע וועלכע האָבן געוואַרט אינדרויסן און איבערגעגעבן זיי אַלץ וואָס זיי האָבן זיך דערוווסט: ווי אַזוי דער „פּאָלאַקאָ‟ רעכנט איינצואָרדנען זיין געשעפט, וואָס פאַר אַ סחורות ער וועט האָבן צום פאַרקויפן, ווו ער וועט אַוועקשטעלן די גלעזערנע „ווידרערע‟, און ווי אַזוי ער וועט אויסשטעלן די פּאָליצעס. אַלץ, אַלץ האָבן זיי שוין געוווסט...

דאָרפישע „גואַכיראָס‟ (ישובניקעס) וואָס זענען דורכן שטעטל דורכגעפאָרן האָבן, דערזעענדיק דאָס רעדל מענטשן, זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּ פון די פערד, פאַרקאַטשעט זייערע „טיכאַנאָס‟ (די גרויסע שטרויענע היט, וועלכע די קובאַנער טראָגן, מערסטנטייל אין דאָרף, כדי צו פאַרטיידיקן זיך פון דער ברענענדיקער זון), אויסגעשטעלט זייערע אויגן און געקוועטשט מיט די פּלייצעס פאַר וווּנדער: „פאַר וועמען עפנט מען דאָס דאָ אַזאַ געשעפט‟? האָבן פויערים געוואָלט וויסן.

---

*) די ערשטע יידישע עמיגראַנטן פון מזרח - אייראָפּע — זייענדיק אָנגעשראָקן פון אַנטיסעמיטיזם און יידן-שנאה וואָס האָט געהערשט אין די לענדער פון וואַנען זיי זענען געקומען — האָבן אָנקומענדיק אין קובאַ נישט דערציילט וועגן זייער יידישן אָפּשטאַם. זיי האָבן זיך געלאָזט רופן „פּאָלאַקאָס‟ (פּוילישע) און „אַלעמאַנעס‟ (דייטשן)...

אין די שטעט, ווו סיזענען דאָ גרעסערע יידישע ישובים, האָבן זיי זיך שפּעטער אָנגעגעבן אַלס יידן; אין די קלענערע פּראָווינץ שטעטלעך איז נאָך עד־היום דער נאָמען ייד פרעמד.

— די סחורה זיינע וועט דאָך צעפוילט ווערן.

— אין אַ חודש אַרום וועט ער דאָך נישט האָבן מיט וואָס אַוועקצופאָרן פון דאַנען!

— ער וועט דאָך אַרומגיין זוכן אַ צעפוילטע „פּלאַטענע" (באַנאַנע), זיין פאַרחלשט האַרץ צו דערקוויקן...

— אָט אַ נאַר... האָבן די פּויערים איינע מיט די אַנדערע געשמועסט און נישט אויפגעהערט צו באַדויערן דעם „פּאַלאַקאַ".

פאַרנאַכט האָט זיך פון די וויג־שטולן, ביי די גאַניקעס, אַ געמורמל געטראָגן: פול צעגאַסענע, טראָפּיש־פוילע מאַמעס, פון אַרבעט און ליידנשאַפט אויסגעמאַטערטע טעכטער, האָבן קאַטשענ־דיק זיך אויף די וויג־שטולן געשמועסט וועגן דער גרויסער „הים־טאַרישער" געשעעניש, וועגן דעם קליידער און קאָסמעטיק גע־שעפט וואָס עפנט זיך ביי זיי אין שטעטל.

אין יעדער צעהיצטן יונג־מיידלשן מח האָט זיך אַ פאַנטאַזיע צעצונדן: אפשר וועט דער אייגנטימער פון געשעפט אויסקלייבן זי פאַר זיין „נאָוויאַ" (כלה)...

קיין קרעלן וועלן מיר שוין נישט פעלן!

— טאַנצן וועל איך גיין יעדן צווייטן טאָג...

— עסן וועל איך מיט אים, מיט מיין מאַן, צוזאַמען אין קאַפע!

— און אַ ווייב וועל איך אים זיין ווי...

קיין פאַרגלייכונג האָט זי, פון גרויס אויפרעגונג, נישט גע־קאָנט געפינען. זי האָט אָבער געפילט דאָס גאַנצע שפּעדיקע גליק וואָס שטייט איר פאַר, אויב דער „פּאָלאַקאָ" וועט איר נאָר אויס־קלייבן פאַר זיין „נאָוויאַ"... אַ קלייניקייט דאָס איז, זי וועט דאָך זיין די באַלעבאָסטע פון אַ גאַנצער קראָם...

פּראַקטישע טאַטעס און מאַמעס האָבן אָבער באַדויערט דעם אָרעמען פעדלער וואָס האָט געוואָגט עפענען אַ קראָם אין אַזאַ קליין שטעטל. אַנדערע פון זיי האָבן אים אפילו געוואָרנט, אַז ער זאָל דאָס נישט טון:

— דאָס שטעטל איז צו קליין פאַר אַזאַ געשעפט!

— פון אונדז וועסטו קיין פּרנסה נישט ציען!

— סיידן דו וועסט אין צייט פון „סאַפרע" (שניט צייט פון

די צוקער־רערן), גיין ארבעטן צוזאַמען מיט אונדז.

— אַ רחמנות אויף דיינע פּאָר סענט! — האָבן שטעטלשע פּויערים געפּרוווט איינטענה'ן מיטן „פּאַלאַקאַ".

— „פּעראָ לאָ קאָסאַ יאַ עסטאַ העטשאַ"! — (ס'איז שוין אָבער פאַרפאַלן!) איז לייזער ערנסטער געוואָרן.

— „אַסי, אַסי...?!"— (אַזוי אַזוי...?) האָט זיך אַ שטילער אומעט פאַרשפּרייט אויף אַלעמענס פּנימער; יעדער איינער האָט אַנטייל גענומען אין גרויסן צער פון זייער גאַסט...

דאָס רעדל מענטשן פון אַרום איז אַלץ גרעסער געוואָרן. פרויען מיט קינדער אויף די הענט זענען געבליבן שטיין אָן אַ זייט און מענער מיט שטיקער „קאַניע" (צוקער־רער) אין מויל האָבן זיך צענויפגעגאָסן מיט די פון פריער שטייענדיקע מענטשן. זיי זענען אַלע נייגעריק געווען צו דערגיין וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— „קע פּאַסאַ, קע פּאַסאָ..?" (וואָס איז געשען, וואָס איז געשען?) — האָבן זיך געהערט פראַגעס פון אַלע זייטן.

הענט האָבן ווידער אָנגעהויבן צו פאָכען אין דער לופטן און די קולות זענען אַלץ העכער און אויפגערעגטער געוואָרן.

— די זאַך איז גאָרנישט אַזוי שלעכט!

— אַז סאַנטאָ־דאָמינגאָ האַלט אוים פינף קרעמער וועלן מיר שפּייזן איינעם..!

— און ווו זענען די „גואַכיראָס" (ישוב'ניקעס) פון די נאָנטע דער פער?

— און די פאַבריק־אַרבעטער?..

— אויב דו וועסט קיין ברויט נישט האָבן וועל איך דיר מיט „פּלאַטענעס" (באַנאַנעס) פאַרזאָרגן...! האָט איינער געפּרוווט דערמוטיקן דעם „פּאַלאַקאַ".

— „אי נאָ איי קע סער און קאָווארדע"! — (און מ'דאַרף נישט זיין קיין טרוס) האָט אים שוין אַ צווייטער געפּאַטשט אין פּלייצע.

— „סי נאָ לאָ סאַאַי"! — (אַז איך בין דאָס נישט) האָט זיי לייזער פאַרזיכערט און באַלד צוגעגבן: „דע טאָדאָ מאַנעראַ איי קע פּראָבאַר" (אַזוי צי אַזוי דאַרף מען פּרווון).

— פּרווו, פּרווו, פּרווו..! — זענען אַלע מיטאַמאָל פריילעכער געוואָרן. און לייזער איז געשטאַנען אײַנגאַנצן אַ צעשמייכלטער, געקוקט אויף די צעהיצטע פּנימער פון די גאַסטפרײַנטלעכע קובאַנער און שטיל אין זיך געדאַנקט דעם צופאַל וועלכער האָט אים געבראַכט אַהער אין סאַן־כואַן.

אַ שטעטעלע, אַ קליינינקעס, מענטשן רואיקע, ווייט פון אַ באַן, מיט רעדער איז שווער צוצוקומען אַהער. יידישע רייטער־פערדלעך זענען כמעט ווי נישטאָ... וועט ער דאָ געווים בלייבן דער איינציקער. און איינער אַליין וועט ער פאַרדינען גענוג, טראַץ דעם, וואָס דאָס שטעטעלע איז אַזוי קליין — האָט לייזער געטראַכט און אויפגעעפנט די ערשטע קראָם אין סאַן־כואַן.

3

די קראָם האָט ער אַ נאָמען געגעבן „על כאָוועז אַלעמאַן״. (דער דייטשעשער יונג). פאַר שטעטלשע אײַנוווינער האָט נישט נאָר די קראָם געהייסן מיט דעם נאָמען; אים, לייזערן, אַליין האָבן זיי אויך גערופן „על כאָוועז אַלעמאַן״.

— איך גיי צום כאָוועז אַלעמאַן!

— זיי האָבן דאָס געהערט ביים „כאָוועז אַלעמאַן״.

— זי האָט געקויפט ביים „כאָוועז אַלעמאַן״.

— ער איז מסתמא ביים „כאָוועז אַלעמאַן״.

דער „כאָוועז אַלעמאַן״ איז געוואָרן אַ שם־דבר אין שטעטל. שטעטלשע לײַדיק־גייער און אַרבעטסלאָזע — אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו שפּילן אין דאָמינאָ — פלעגן זיך אויפקלייבן אין געשעפט פון „כאָוועז אַלעמאַן״, אויסזעצן זיך אויף די האַלב־ליידיקע טישן, שמועסן וועגן שטעטלשער פּאָליטיק, וועגן די קומענדיקע וואַלן, וועגן זייערע „שטימעס״, וואָס זיי וועלן פאַרקויפן און וועגן געלט וואָס זיי וועלן דערפאַר אָפּנעמען... איז אינמיטן שמועס אַ פּרוי אָנגעגאַנגען, האָבן זיי איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און באַטראַכט די פרוי פון אַלע זייטן; זיי האָבן געפּרווּוט שאַצן ווי געשמאַק זי איז...

מיטאָג־צייט שמעלן זיך אָפּ די אַרבעטעריגס פון פאַבריק ביי דער אַרעמער „ווידרערע" פון „דייטשישן יונג". עפּעס נייעס דער־זען זיי דאָרט זעלטן ווען, זיי קענען אָבער נישט זאַט ווערן קוקנדיק אויף די שוין פון לאַנג אַרויסגעשטעלטע אַרטיקלען: די שווערע קרענץ קרעלן, די גרויסע שפּאַנישע קאָפּ־שפּילקעס, דימענטענע בראָשקעס און נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן, וועלכע הערן זיי נישט אויף צו לאָקן....

— „קע באָניטאַ"! (ווי שיין).

— „קע גראַסיאָסא"! (ווי גראַציעז!).

—„אי מירא פּאַר עסאָ"! — (און קוק נאָר אויף דעם!) הערן די מיידלעכנישט אויף צו ציען איינע די אַנדערע ביי די הענט

— „קוואַנטאָ קועסטאַ?" (וויפיל קאָסט עס?) — מוזן זיי פרעגן דעם פּרייז, הגם זיי האָבן קיין סענט נישט ביי זיך.

און ווען לייזער זאָגט זיי דעם פּרייז בלייבן זיי אויף דער מי־נוט ווי איבעראַשטע. איבעראַשטע און אויפגערעגטע. עפּעס אַזוי וואָלוול... אַזוי ביליג... און ווי ס'ווילט זיך קויפן, אַ שרעק ממש...

— „אי עסאָ? אי עסאָ? (און דאָס, און דאָס; וויפיל קאָסט?)— ווערן זיי גאָרנישט מיד פרעגנדיק די פּרייזן.

— „קע באַראַטאָ"! (ווי ביליג) — מורמלען זיי איינע צו די אַנדערע אין גרויס התפעלות און וואַרפן דערביי אַ קוק אויפן „באָ־וועז אַלעמאַן" צו זען אויב ער לאַכט נישט פון זיי.

— שבת, נאָכדעם ווי מיר וועלן אָפּנעמען אונזער וואָך־שכי־רות, וועלן מיר עס קויפן, — פאַרזיכערן די מיידלעך דעם „דייטשישן יונג".

— „מואי ביען"! (זייער גוט) — שמייכלט לייזער גוטמוטיק; ער באַדאַנקט עם די שיקסלעך פאַר זייער גוטן צוזאָג. אגב, האָט ער טאַקע נישט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף זיי. די גרעסערע העלפט פון זייער אַרבעטס־לוין האָבן זיי, כמעט שטענדיק, ביי אים איבער־געלאָזן... און וויפיל זיי האָבן נישט געקויפט איז נאָך אַלץ „עפּעס" איבערגעבליבן, פאַרן קומענדיקן שבת, צו קויפן...

— „האַסטאַ לאַ וויסטאַ"! (צום ווידערזען) — איילן זיך

די מיידלעך אַהיים; די מיטאָג־שעה איז שוין באַלד אַריבער און זיי האָבן נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל.

די כאַליאַסטרע פון אין קראָם דערהערט די מיידלשע אויס־געשרייען און אַלע ווי איינער לויפן זיי צו צו דער טיר. דערזע־ענדיק די מיידלעך ווערן זייערע פּנימער רויטער און די אויגן — קלענער: זיי עסן די מיידלעך מיט די אויגן... און זענען שטאַרק מקנא דעם „כאָוועז אַלעמאַן"... אַ קליינקייט דאָס איז: „מיט די אַלע גוטע זאַכן פון זיין קראָם קאָן ער דאָך אָפּקויפן אַלע מיידלעך פון שטעטל!..." — טראַכט יעדער איינער באַזונדער און ער קאָן גאָרנישט באַגרייפן די גלייכגילטיקייט פון „כאָוועז אַלעמאַן" צו דעם שוואַכערן מין...

— „פּאַרעסע קע עסטאַ ענפערמאַ!" (ער מוז זיין קראַנק) — שמועסן זיי שפּעטער צווישן זיך.

— אַז אפילו קיין כּלה האָט ער דאָך נישט! — קאָנען זיי זיך גאָרנישט אָפּוווּנדערן.

שטעטלשע יונגען איז פּשוט שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי אַן עלטערער, זעלבסטשטענדיקער בחור קאָן לעבן אָן אַ כּלה...

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה?

— אַ ווייב וואָלט דאָך בײַ דיר געלעבט ווי אַ פּרינצעסין!..

— און פאַר אַ כּלה קאָנסטו דאָך אויסקלייבן וועמען נאָר דו ווילסט!...

— אפילו פלאָריטאַ, די שענסטע און רייכסטע מיידל פון שטעטל, וועט דאָך דיך נעמען פאַר אַ חתן. — האָבן אים די יונגען געזאָגט. דערבײַ האָט זיי גענומען ריגען אַ סליונע פון די מיילער און די אויגן זייערע האָבן זיך פון תּאווה צעונדן...

און ווען לייזער האָט זיי דערציילט, אַז ער האָט זיין „נאָ־וויאַ" (כּלה) דאָרטן אין „אַלעמאַניאַ" (דייטשלאַנד), אַז די דאָר־טיקע מאַמעס היטן נישט זייערע כּלה־מוידן ווי די קובאַנער, אַז דאָרטן האָט ער געקאָנט גיין מיט דער כּלה אַליין ווו נאָר ער האָט געוואָלט, האָבן די יונגען אָנגעשטעלט מויל און אויערן, געהאַלטן אין איין באַוווּנדערן די גליקלעכע „פרייהייט" פון דער „דייט־שעשער" יוגנט. יעדער איינער האָט געפּרוווּט אָפּשאַצן אויף

זיין אופן ווי גוט מען קאָן לעבן ווען דאָס מיידל איז נישט אונ־טער דער מאַמעס שמירה...

— דו האָסט געקושט דיין „נאָוויא״, האַ?

— דו האָסט זי אַרומגענומען?!

— פלעגסט זיך אוודאי טוליען אין איר ווייבלעכקייט...

— און דו האָסט גאָרנישט צוגענומען איר מיידלשקייט? — האָבן די יונגען געקוועטשט מיט די פּלייצעס...

— „פּאַרא קע״? (צו וואָס?) — האָט לייזער געענטפערט גלייכגילטיק אויף אַלע זייערע אויפגערעגטע פראַגעס.

פון אַזאַ ענטפער זענען זיי געבליבן ווי אָפּגעשמיסענע. „צו וואָס״? — פרעגט ער גאָר... — „משוגענער איינער!״ — האָבן זיי געוואָלט אויסשרייען, זעענדיק דעם „כאָוועז אַלעמאַנס״ קאַל־טע מינע. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געטון: צופיל דרך־ארץ האָבן זיי געהאַט פאַרן „דייטש״... אַלץ וואָס ער האָט זיי געזאָגט האָבן זיי אָנגענומען פאַר גוט. און אין אַ מאָמענט פון ערנסט האָבן זיי אפילו באַוואונדערט זיין שטאַרקייט און די „הויכע מאָראַל״, וואָס הערשט ביי די „דייטשן״...

אַז דער דייטש זייערער איז גאָר אַ ייִד, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אפילו. לייזער אַליין האָט אויך כמעט פאַרגעסן זיין ייִדישקייט. ווען ער וואָלט נישט געדאַרפט אָנשרייבן, ווען־נישט־ווען, אַ בריוו צו זיין אַלטער מאַמען אין פּוילן, וואָלט ער געוויס פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד... ער האָט זיך אינגאַנצן צוגעפּאַסט צום שטעטלשן לעבן: געפּייערט זייערע ימים־טובים; געהיט אין זייערע רו־טעג און אָנגעהאַלטן זייערע מנהגים. צייטנווייז פלעגט ער זיך אפילו אין שטעטלשן קלויסטער אַריינכאַפּן...

4

קיינער אין שטעטל האָט זיך אויף דעם נישט געריכט. די גאַנצע סענסאַציע איז זיי פּלוצלינג געקומען, טאַקע ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן: אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען די שטעטלשע איינוווי־נער זענען אַרויס אין גאַס, האָבן זיי דערזען, פּונקט אַנטקעגן דעם

„כאָווען אַלעמאַן" — אַ ניי־געעפנטע קראָם מיט אַ גרויסן אויפֿשריפֿט: „לאַ כאָווען אַלעמאַנאַ" (די דייטשעשע יונגפֿרוי). צוגייענדיק נענטער האָבן זיי דערזען אין דעם שויפֿענסטער פֿון נייעם געשעפֿט דיזעלבע סחורה, וואָס ביים „כאָווען אַלעמאַן", נאָר די פּרייזן ביי דער „דייטשקע" זענען געווען עטוואָס ביליקער...

ביים טיר פֿון דער ניי־געעפֿנטער קראָם איז געשטאַנען אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, פֿייערדיקע אויגן און פֿאַרשנורעוועטע ליפּן. זי האָט קיינעם נישט געלאָזן דורכגיין דורך די גאַס. זי האָט פּשוט געשלעפּט פֿאַר די הענט, אַז מען זאָל אַריינגיין צו איר עפּעס קויפֿן.

— קומט אַריין, קומט אַריין, איך ליז זייער ביליק! — האָט זי נישט אויפֿגעהערט צו שרייען אויף איר צעבראָכענעם שפּאַניש.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט זי איר קראַנקן מאַן אַרויסגערופֿן, אַוועקגעזעצט אים אויף אַ וויג־שטול ביים טיר פֿון דער קראָם און אָנגעוויזן יעדן פֿאַרבייגייער אויפֿן טובערקולאָז געוואָרענעם מענטש וועלכן זי האַלט אויס.

— „קע לאַסטימאַ!" (ס'אַ רחמנות!) — האָבן די פֿאַרבייגייער באַדויערט דאָס הויט־ און ביינערדיקע ווען.

— קרעכץ אַביסל! — האָט אים זיין ווייב, די „דייטשעשע יונגפֿרוי" געפּרוווט אויפֿמונטערן, דערזעענדיק דעם עולם מענטשן אַרום קראָם.

ער האָט זי אָבער נישט געפֿאָלגט. דאָס זיצן אינדרויסן איז אים געפֿאַלן זייער שווער. ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די נייגעריקע אויגן אַרום זיך, זייערע רחמנותדיקע בליקן האָבן אים מוראדיק וויי געטון. שטיל האָט ער זיך פֿון אָרט אויפֿגעהויבן און ווי אַ שאָטן געשאַרט זיך צום הינטערשטן צימער פֿון קראָם, וועלכער האָט זיי אַלס דירה געדינט.

— „קכי־קכי־קכי", — האָט זיך זיין שווער הוסטן דערטראָגן שוין פֿון אין־הויז און מענטשן פֿון גאַס זענען נאָך שטילער געוואָרן.

דאָס שטעטל איז אויפגערודערט געוואָרן. די איינוווינער האָבן זיך געטיילט אויף צוויי צדדים. און אין ווינקלען פון גאַסן זענען געשטאַנען מענער און פרויען, שטעטלשע לײדיקגייער, און געהאַלטן אין איין אַמפּערן זיך וועגן דעם „דייטש" מיט דער „דייטשקע".

— ער איז דער ערשטער געקומען!

— זי האָט אָבער אַ קראַנקן מאַן...

— ער איז זייער אַן ערלעכער!

— זי איז אָבער אַ פרוי...

— זי זעט אויס ווי אַ גאַסן־פרוי, — האָט זיין צד נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— און אַז אַ גאַסן־פרוי דאַרף זי שוין נישט לעבן? — זענען די קולות אַלץ העכער און העכער געוואָרן.

די אַמפּעריי פון גאַס האָט זיך אויך איבער די הייזער צעטראָגן. אין יעדער שטוב און שטיבעלע איז דער געשפּרעך פון טאָג געווען דער „דייטש" מיט דער „דייטשקע". נישט איין שלום־בית איז צעשטערט געוואָרן איבער זיי.

די מענער, אין זייער גרעסטער מערהייט, האָבן געהאַלטן פאַר דער „דייטשקע", און די פרויען — פאַרן „דייטש".

— אָט דאָס, אָט דאָס איז אַ פרוי! — האָבן זיך די מענער נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון דער „דייטשקעס" שטאַרקייט.

— „טשולאַס"! (אַלפאָנזאַס) — האָבן די פרויען געענטפערט מיט גאַל, געהאַלטן אין איין בייזערן זיך אויף זייערע מענער, הלמאי זיי פאַרטיידיקן די „דייטשקע"...

און זיי אַליין — דער דייטש מיט דער דייטשקע — האָבן אויך נישט געשוויגן. די ערשטע טעג האָט זיך נאָך לייזער איינגעהאַלטן. אים האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט פאַרפירן אַ קריג. דערפאַר האָט ער די גאַנצע גריזאָטע געשטיקט אין זיך, אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּחות, אַז דער טיפער צער וואָס האָט אים אַזוי קרעפּטיק צוגעדריקט, זאָל נישט אויפרייסן...

אָבער שפּעטער, ווען ער האָט דערזען, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער, אַז זי האָט מיט אירע ביליקערע פרייזן אָפּגעצויגן אַלע

זיינע קונים, האָט ער זיך פאַרלוירן. דאָס איבערגעקאָכטע בלוט האָט אים אַ האַק געטאָן אין מח, געמאַכט אים אומפּעיק צו באַגרייפן וואָס ער טוט, מיט וואָס פאַר אַ העסלעכן קאַמף ער פאַרנעמט זיך.

און שטעטלשע יונגען האָבן נאָך געפּרוווט הייסער מאַכן זיינע אַזוי אויך הייסע בלוטן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין רייצן אים, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן באַקעמפן פון אַזאַ „פּאַכאַריטאַ"... („פייגעלע")...

— וואָס? דו האָסט זיך דערשראָקן פאַר אַ שטיקל פלייש?...

— אַז דו ביזט דאָך דער גערעכטער!

— זאָל זי אַרומפאָרן „גאַסטראָלירן" ווי לאָליטאַ, די, וועלכע קומט צו אונז אַלע שבת־צו־נאַכט...

— פאַרוואָס זאָל זי פאַרקויפן אונטערן פּרייז? — האָבן זיי נישט אויפגעהערט אונטערצוהעצן אים.

— וואָס? זי דאַרף דען סחורה? זי פאַרקויפט דאָך זיך אַליין!!! — האָט לייזער אויסגעשריען, צוגייענדיק צום טיר מיט דער כוונה, אַז זי, זיין קאָנקורענטקע, זאָל עס הערן.

— דיר אויף צעפּיקעניש! — האָט אים די „דייטשקע" געענטפערט מיט אַזאַ קאַלטן שמייכעלע.

— אַז צעפּיקעט זאָלסטו ווערן היינטיקן טאָג! — האָט זיך לייזער פאַרמאָסטן צו איר מיטן קולאַק. — „גאַסן־פרוי וואָס דו ביזט! בידנע גאַסן־פרוי!" — האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען און דערביי געפאָכעט מיט זיין צונויפגעשטשימעטן קולאַק אין דער לופטן.

— אָט אַזוי... אָט אַזוי!... ווער צעפּלאַצט... ווער צעפּלאַצט!... — האָט זיך די „דייטשקע" פאַר גרויס שמחה שיער נישט צעטאַנצט אינמיטן גאַס.

די טירן פון די אַרומיקע הייזער האָבן זיך צעעפנט, און מענטשן האָבן זיך גענומען שטופּן איינע נאָך די אַנדערע; זיי האָבן זיך געאיילט אַרויסצוגיין אין גאַס וואָס פריער. די געשרייען וועלכע האָבן זיך דערטראָגן צו זיי פון דרויסן זענען געווען אַזעלכע גרויסע און דער קלאַנג פון דער שפּראַך אַזאַ מאָדנער...

זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט אפילו עפּעס ענלעכעס דערצו...

— „קע האַבלאַן?'' (וואָס רעדן זיי?) — האָבן זיך די אָנ־געלאָפענע שכנים אָנגעקוקט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער נייגע־ריקייט.

— „דעבע סער על אַלעמאַן''... (ס'מוז זיין דייטש...).

— „פּעראָ, קע דיסען?'' (אָבער, וואָס זאָגן זיי?..).

— „קיען סאַווע?...'' (ווער ווייס?...).

— אויף א קאַפּע לאַדן זיי געווים נישט איין איינע די אַנ־דערע! — האָבן זיך די „פּיפּיקערע'' שכנים געחכמעט און אָנ־געשטרענגטערהייט באַטראַכט, ווי דאָס פּאָרל קריגט זיך, גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס, ווייל זיי וואָלטן נישט געוווּסט אויף וואָס פּאַר א ווערלט זיי זענען..

— „קע עסטראַנגאָס סאָן לאָס אַלעמאַנעס!'' (ס'אַרא מאָדנע די דייטשן זענען) — האָבן זיך די קובאַנער גאָרנישט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

— אמתע „סאַלוואַבעס'' (ווילדע) זענען מיט אונז אין שטעטל, — האָט זיך צעטראָגן א געמורמל איבער די הייזער.

און אין שטילע טראָפּישע אָוונטן האָבן די דאָרפישע איינ־וווינער מער נישט פאַרבראַכט אין שפּילן „דאָמינאָ''. זייערע היים־טראָפּישע בלוטן האָבן זיך נישט געקאָנט באַרויקן אויף אַזוי פיל... זענען זיי נאָר געזעסן אַרום „דאָמינאָ''־טיש, געהאַלטן אין איין זופּן שוואַרצע קאַפּע און געשמאַק געשמועסט וועגן דעם „דייטש'' מיט דער „דייטשקע''.

— ווען ער זאָגט אויף מיין „עספּאָסאַ'' (פרוי) גאַסן־פרוי, וואָלט שוין מיין „מאַטשעטע'' (קורצער שווערדל) פאַרזוכט דעם טעם פון דייטשיש בלוט...

— איר מאָן מוז זיין זייער א קראַנקער — האָבן זיי אַלע מסכים געווען.

— אָבער זי, די „דייטשקע'', איז א ווייל שטיקל פלייש, הע...

— אָהאָ, ווען מען האָט אַזא ווייב דאַרף שוין דער קאָפּ

נישט דאָרן וועגן חיונה. מען קאָן שוין גאַנץ רויק שפּילן אין דאָ־מינע טאָג און נאַכט...

— מער ווי אין „אַלעמאַניאַ" (דייטשלאַנד) זענען נישטאָ אַזעלכע גערוימטענע פּרויען.

— אַהאַ, דייטשלאַנד, — גייען שוין די מענער אריין אין גאָר גרויס התפּעלות און האַלטן אין איין זופּן די „קאַפּע סאָלאָ" (קאַפּע אליין: אָן מילך).

— נישט אומזיסט האָט דער „דייטש" פאַריאָגט דעם רוס אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

— אַז אפילו די שטאַרקע אַמעריקע האָט דאָך דער דייטש שיר נישט צעחרובט, — זענען אַלע מענער איינשטימיק אין קול.

און מאַמעס און טעכטער האָבן אויפגעהערט צו טראַכטן אין־זיך און אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן די „דייטשן". זיי האָבן זיך אפילו מער נישט געוויגט אויף די וויג־שטולן, כּדי דאָס סקריפּען פון די שטולן זאָל נישט רייסן די אויערן בשעתן צוהערן זיך. זיי האָבן פאַרגעסן זייער נאַטירלעכע טראָפּישע פוילקייט, זענען געזעסן גלייך און נאָכאַנאַנד גערעדט וועגן די „אַלעמאַ־נעס" (דייטשן) וואָס ווייזן זיך אַרויס אַלס ווייט נישט קיין דער־צויגענע מענטשן.

— אַ פרוי זאָל ריידן אַזעלכע שמוציקע רייד!!!

— און נאָך אין דער עפנטלעכקייט דערצו!...

— און זיי לאַכן נאָך פון אונז, הלמאי מיר היטן אונזערע טעכטער ביז נאָך דער חופּה...

— און ער?... דער דייטש?! — איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז ער זאָל זיך קאָנען זידלען אַזוי גראָב...

— בפרט נאָך אַ פרוי...

— מילא זי, די דייטשקע, איז דאָך אַן אמתע „מוכער לי־בעראַ" (גרינגע פרוי...), אָבער ער?... ער איז די גאַנצע צייט גע־ווען אַזוי אַנשטענדיק און גוט, און מיטאַמאָל אַזוי איבערגעקערט געוואָרן! — איז די שטעטלשע מאַמעס און טעכטער נישט מיאוס

געוואָרן — אָוונט אין אָוונט — איבערצוחזרן דעם זעלבן שמו־עס וועגן דעם „דייטש" מיט דער „דייטשקע"...

נאָר דער „דייטש" מיט דער „דייטשקע" האָבן דאָס אפילו נישט באמערקט. וועגן פּרנסה פאַר זיך אַליין האָבן זיי טאַקע נישט געטראַכט, זיי זענען אָבער צופיל געווען פאַרנומען איינע מיט די אַנדערע. זייער גאַנצער ווילנס־קראַפט האָט זיך קאָנ־צענטרירט ארום איין פונקט: צו באַגראָבן דעם קאָנקורענט אַזוי, אַז ער זאָל שוין מער קיין תקומה נישט האָבן...

5

די קראָמען זייערע פאַרמאַכן זיך פון אינעווייניק. אין דעם הינטערשטן צימער פון קראָם האָט יעדערער פון זיי זיין דירה. ביידנס דירות זענען זייער עלנטע און פוסטע; אַ טישל, אַ שטול, אַ בעט מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון דער מאַמען איבערן צוקאָפּנס, און שוין...

לייזער זיצט נישט צו־לאַנג ביי זיך אין צימער. ער וואַשט זיך נאָר ארום, טוט זיך איבער און גייט ארויס אין גאַס. אַמאָל גייט ער שפּאַצירן און ווען־נישט־ווען כאַפּט ער זיך אַריין אין דער איינציקער קאַפע־הויז, וואָס דאָס שטעטעלע פאַרמאָגט.

די קליינע פיר־קאַנטיקע טישלעך פון קאַפע זענען באַזעצט ארום און ארום. טאַטעס און זין זיצן מיט צעשפּילעטע העמדער, פאַרקאַטשעטע אַרבל, רויכערן גראָבע ציגאַרן, פאַרזופּן מיט קאַ־פע און דערציילן זיך, בשעת־מעשה געזאַלצענע אַנעקדאָטן...

דער „באַוועגן אַלעמאַן" איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין קאַ־פע: דער איינגנטימער לייזט פון אים און די געסט כאַפּן אַ כיבוד, — אַן אומזיסט קאַפּעלע... און אַזוי שנעל ווי זיי דערזעען אים אריינקומען, ווערן זיי שטיל, וואַרטן ביז ער וועט זיך זעצן, שאַרן זיך צו צו זיין טישל און בעטן אים, אַז ער זאָל זיי דערציילן וועגן דער וועלט־מלחמה...

— וואָמאָס, וואָמאָס!" (נו שוין, נו שוין!) — איילן זיי־אים אונטער און פאַרציען שטאַרקער די ציגאַרן.

— דו קלערסט ווי אזוי דו קאנסט דערשטיקן דעם „מאכא" (שלאנג) פון אנטקעגן?... — ווארפט אימיצער אריין א חכמה...

— „קע וואַ"?... (ווי קומט?...)—ענטפערט לייזער א פאַר־טראַכטער און הייבט אָן צו דערציילן:

...אין שטוב זענען געווען מיין טאטע און שוועסטער. די קאָזאקן האָבן זיי געגעבן די ברירה: אָדער מיין שוועסטער זאָל זיך זיי פרייוויליק איבערגעבן, אָדער זיי וועלן הרגענען דעם טאטן...

די קובאַנער פון אַרום די טישלעך ווערן נאָך שטילער. דער „קאַפעטעראַ" (באַלעבאָס פון קאַפע־הויז) הערט אפילו אויף צו וואַשן די גלעזער. ער טוט אויס דעם שמוציקן פאַרטוך, ווישט זיך אָפּ די נאַסע הענט, שפּאַרט זיך אָן בײַם ברעג טיש און צו־זאַמען מיט אַלעמען שטרענגט ער זיך אָן נישט צו פאַרהערן א וואָרט וועגן דער שרעקלעכער מלחמה.

דער עלטסטער פון זיי — דערציילט לייזער ווייטער — האָט אַרויסגענומען זיין זייגער, אַוועקגעלייגט אים אויפן טיש און געזאָגט, אז ער גיט זיי פינף מינוט צייט צו מישב זיין זיך...

— „אַי קע פּאַסאַ?" (און וואָס איז געשען?) — ברענען די צוהערער פון אומגעדולד.

פינף מינוט שפּעטער האָט א פּיקע דורכגעלעכערט מיין טאַטנס האַרץ... א צווייטע פּיקע האָט אים אויפגעהויבן אין דער לופטן און געדרייט זיין טויטן קערפּער, ווי די פליגל פון א ווינט־מיל...

„קוק נאָר אויפן „דייטשוק" — האָבן די איבעריקע קאַ־זאַקן געלאַכט — אפילו טויטערהייט דרייט ער זיך אויך אַרום...

— „אַי לאַ הערמאַנאַ?" (און די שוועסטער?) — זענען אַלעמענס אויגן אָנגעשטרענגט אויפן „כאָוועז אַלעמאַן".

— די שוועסטער האָבן זיי אַלצאַיינס פאַרגוואַלדיקט, — ווישט ער אָפּ א טרער פון ווינקל אויג...

— אייערע דייטשן האָבן אָבער פּאַרט צעממיתט רוסלאַנד מיט אירע קאָזאַקן!.. — זוכן די קובאַנער א טרייסט פאַר אים.

— און אז יאָ איז וואָס?... און אז דייטשלאַנד וואָלט אפילו

געוועזן די גאַנצע מלחמה, איז וואָס? — מיין טאַטן פון קבר קאָן איך נישט אַרויסנעמען און די שוועסטער פון משוגעים־הויז — אויך נישט...

די שטילקייט אין קאַפע־הויז איז געוואָרן אַזאַ שווערע, אַזאַ דריקנדע... אַלע זיצן מיט פאַרלאָשענע ציגאַרן אין די הענט און ריידן קיין וואָרט נישט אַרויס. לייזער אַליין איז שוין אויך שטיל געוואָרן; ער האָט אויסגערעדט זיין האַרץ און זיך דערפילט גרינגער...

די „דייטשקע", זיין קאָנקורענטקע, האָט אפילו די פּריוואַ־לעגיע אויך נישט: זי האָט נישט פאַר וועמען אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן. אין קאַפע־הויז קאָן זי נישט גיין, פּרויען טרינקען קאַפע אינדערהיים, און דערפאַר פאַלן איר די נעכט אַ סך שווע־רער ווי די טעג...

ווען דער עלנט דריקט איר צו ביי טאָג, ביי דער אָפענער טיר פון קראָם, פאַרשרייט זי אים; זי זוכט צו פאַרטומלען איר איי־גענעם קלעם. צו־פיל דאַרף זי זיך אויף דעם נישט אָנשטרענגען. זי גיט נאָר שעלמיש אַ ווונק צו איינעם פון די פויערים, וואָס גייען צום „דייטש", אין דער אַנטקעגנדיקער קראָם, און זי האָט שוין מיט וואָס צו קילן איר אָנגעלאָדן האַרץ... ער, דער „דייטש", פאַרשווייגט נישט אירס אַ ווונק צו איינעם פון זיינע קונדן, און אַז ער הייבט נאָר אָן, לאָזט זי אים שוין נישט אָפּ... זי טראַכט אפילו נישט, וואָס און ווי אַזוי זי ענטפערט אים. זי ווייס נאָר, אַז זי דאַרף שרייען; אויסשרייען דעם פיינלעכן ווייטיק פון מוראַדיקער עלנטקייט און איינזאַמקייט...

אָבער ווען די שווערע מחשבות נעמען איר פּייניקן ביינאַכט קאָן זי זיך גאָר קיין אָרט נישט געפינען. ביינאַכט קאָן זי דאָך נישט שרייען; די אַרומיקע שטילע פינסטערניש לאָזט נישט עפע־נען דעם מויל. און אויף וועמען ווידער וועט זי שרייען, אויפן קראַנקן מאַן?... שווייגט זי דערפאַר אינגאַנצן, ווערט איר עלנט שאַרפער און דער ווייטיק — ווייטיקדיקער...

דער מאַן אירער ליגט אין בעט און הערט נישט אויף צו קרעכצן. מיטן אָנקומען פון אָוונט ווערן זיינע ווייטיקן אין

פלייצע שטאַרקער און דער הוסט לאָזט אים אפילו אויף אַ מי־נוט נישט אָפּ.

איינליגן רואיק אין בעט קאָן ער אויך נישט. ס'פּאַרדריסט אים הלמאי זי, זיין ווייב, הערט זיך נישט אויף צו קריגן מיט זייער שכן, דעם איינציקן ייד אין שטעטל. אים, דעם האָפענונגס־לאָזן חולה, זעט עס אוים אַזוי נאַריש, אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ער קאָן דאָס פּשוט נישט פאַרשטיין...

— וואָס, שוין ווידער געקריגט זיך? — רעדט ער קוים אַרויס, אינגאַנצן אַ צעוויטיקטער, דערזעענדיק איר צעטראָגן פּנים.

— און אַז יאָ, איז וואָס ווילסטו?...

ער וויל איר עפּעס ענטפערן און קאָן נישט. דער הוסט רייסט אים אוים שטיקער הארץ. ער האָט דאָס געפיל, אַז זיין גאַנצער אינגעווייד שפּאַרט זיך דורכן האַלז. זיין פּנים ווערט רויט און רויטער. נאָך אַ מינוט און ער הוסט אוים די נשמה זיינע...

— אַז דעם גאַנצן טאָג האַלט עס נאָר אין איין ליגן אין פאַרשטיקטן צימער! — דערלאַנגט אים דאָס ווייב אַ גלאָז וואַ־סער.

— אַז איך קאָן פאָרט נישט פאַרטראָגן אייערע קריגערייען...

— מ'דאַרף דאָך אָבער לעבן... ניין?! — שרייט זי אוים קעגן איר ווילן.

— איז לבן?... — פאַרהוסט ער זיך ווידער.

— זאָל איך אפשר איבערנעמען דיין אַמאָליקע פּרנסה?... אַרומשלעפּן זיך איבער די גאַסן מיט „עסקימאָ־פּיי"?... (אַ גע־וויסער סאָרט סאַבאַר מאָראָזן).

ביי דעם וואָרט „עסקימאָ־פּיי" רייסט זיך אים אָפּ אין האַרצן. אַ שוידער גייט דורך איבער זיין לייב. ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט, ווי ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די האַוואַנער גאַסן מיט אַ כּלילע אייז אויפן פּלייצע און נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— „עסקימאָ פּיי, עסקימאָ פּיי! אַ מעדיאָ, אַ מעדיאָ!" (פאַר פינף סענט). דאָס פּנים זיינס האָט זיך געגליט אונטער דער הייס־

טראָפּישער זון און די פּלייצע האָט געשיווערט אין קעלט פון דעם בלילע אייז וואָס ער האָט אויף זיך גענראָגן... איבער זיין גע־זיכט האָבן זיך געקייקלט ברודיקע טראָפּנס שווייס און איבערן פּלייצע, — טראָפּנס אייז־וואַסער... און אזוי עטלעכע יאָר נאָכאַ־נאַנד: טאָג־איין, טאָג־אויס צווישן פייער און וואַסער; טייל קער־פּער אין היץ און טייל אין קעלט...

געלט האָט ער טאַקע אָנגעקליבן אביסל. אָבער דאָס געזונט האָט ער פאַרלוירן אינגאַנצן.

— „טובערקולאָז"! — האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט איין וואָרט און דערמיט דערהרגעט זיין גאַנץ לעבן.

אפילו לייכטערע אַרבעטן האָט ער אויך מער נישט געקאָנט טון. דער דאָקטאָר האָט אים גאָר געהייסן צוריקפאָרן אַהיים, אין זיין געבורטסלאַנד, ווייל דער קובאַנער היים־פייכטער קלימאַט איז פאַר אים געפערלעך... אָבער, ווו האָט א ייד א היים?.. און אזוי איז דאָס בעט געוואָרן זיין היים און זי, זיין ווייב, האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון פרנסה.

דאָס, וואָס זי איז זיין ברויט־געבערין אַרט אים נישט אזוי פיל. גאָטס משפּט נעמט ער אָן פאַר ליב. אָבער דאָס, וואָס דאָס ברויט איז אזוי בלוטיק, טרייבט אים פּשוט פון די כחות אַרויס. זיינע קראַנקע נערוון קאָנען דאָס נישט אויסהאַלטן. ער האָט פיינט מחלוקת. שלום איז זיין נאָמען און שלום האָט ער ליב. און ווי ער דערזעט נאָר, אז דאָס ווייב הויבט זיך אָן צו קריגן, אזוי הויבט ער זיך אויף פון שטול, לויפט אַריין אין הינטערשטן צי־מער פון קראָם, לייגט זיך אין דעם איינציקן בעט, הוסט, פיר־בעט, שפּייט מיט בלוט און בעט אויף זיך דעם טויט. ער ווייס, אז די טעג זיינע זענען געציילטע...

6

„סאַפרע" (שניט־צייט פון די צוקער־רערן).

די מענער זענען אויף די פעלדער. דער טוי פון באַגינען טרעפט זיי שוין ביי דער אַרבעט. מיט „גואַמפּאַראָס" (שנייד־

מעסערס) אין די הענט, שטייען זיי, צונויפגעדרייטע אין דרייען, און שניידן די „קאַניעס" (צוקער־רערן). די זון שפּריצט מיט פייער, טראָפּנס ביטערער שווייס, פון טונקעלע אויסגעהאָרעוועטע לייבער, טריפן אויף די זיסע צוקער־שטעקנס... די שאַרפע שטאָ־לענע מעסערס שפּיגלען זיך אין דער גיהנומדיקער זון און שניידן דעם ים פון רייפע „קאַניעס".

— ביזט געווען זונטאָג אין „וואַיע"? (דער פּלאַץ, ווו עס קומען פאַר די געשלעגן צווישן די הענער) — פרעגט איינער ביים צווייטן און גלייכט אויס זיין אָנגעווייטיקטן רוקן.

— „קאָמאָ נאָ"?.. (וואָס הייסט נישט?).

— און דו האָסט עפּעס געוווּנען?

— „קע וואָ?! (ווי קומט!) איך האָב פאַרלוירן ביז א סענט! — שאַרט ער אַראָפּ דעם שווייס פון פּנים און הייבט ווידער אָן צו שניידן.

— אַלעמאָל פאַרלירן מיר און אַלעמאָל שפּילן מיר... — ליגט שוין אויך דעם צווייטנס קאָפּ צווישן די „קאַניעס".

אויף צו שמועסן לענגער איז זיי א שאָד די צייט; וואָס מער זיי וועלן אָנשניידן, אַלץ גרעסער וועט דער פאַרדינסט זיין...

ביינאַכט פינקלען פייערלעך פון דער ווייטן. א ים פון פלע־מעלעך שימערירט פון וויאָרסטן ווייט פון די פעלדער; הונדער־טער קליינע לעמפּלעך הענגען אויף די „קאַניעס" און פאַרן קליי־נעם שיין פון די פייערלעך הערן די אַרבעטער נישט אויף צו שניידן דעם צוקער־רער — די ברכה פון קובאַנער ערד...

אינדערהיים זיצן די ווייבער מיט די קינדער און וואַרטן אויף די פאַרדינסטן פון די מענער. די פאַרדינסטן זענען טאַקע קליינע אָבער ביז גאַר נויטיקע. זיבן, אכט חדשים אין יאָר וואַרטן זיי אויף דער „סאַפרע"... די קינדער זענען אָפּגעריסן, אָפּגעפליקט... אויף זיך אַליין איז אויך קיין גאַנצער בגד נישטאָ... וויגן זיי זיך פאַראומערטע אויף די וויג־שטולן און ציילן וויפיל טעג סאיז נאָך פאַרבליבן ביזן „קינסענאַ"... (15־טער טאָג אין מאָנאַט; דער טאָג, ווען מען באַצאָלט זיי פאַר דער אַרבעט).

— זאָל ער כאָטשבי נישט פּטרן ס'געלט אויף א „מאַדאָם"

(האאיטינער גאסן־פּרוי) — הערט אַ שכנה אויף צו וויגן זיך.

— און אַז זיי וועטן זיך און פאַרלירן אויף די הענער איז בעסער? — בלייבט אַ צווייטע שכנה זיצן גלייך.

— דאַרף מען זיי טאַקע נישט אָפּלאָזן פון אויג!... — שאַרט אַ דריטע שכנה צו איר וויג־שטול און אַלע צוזאַמען הייבן אָן אויסצורעכענען די אַלע נויטיקע זאַכן, וואָס זיי מוזן קויפן.

יעדע איינע פון זיי דאַרף קויפן אַ סך. טאַקע גאָר אַ סך. גענוג צו פאַרזאָרגן זיך אויף אַ גאַנץ יאָר — ביז דער קומענדיקער „סאַפּרע". זי ווייס אָבער, אַז אויף אַזוי פיל וועט נישט זיין גענוג, אַפילו אויף אַ העלפט אויך נישט... ווערט זי שוין אײַנגאַנצן אַ פאַרצווייפלטע און גיט זיך איראָניש אַ זאָג:

— איך ווייס גאָרנישט צי דער קרעמער האָט אַזויפיל וויפיל מיר דאַרפן...!

— „נאָ טע אָקופּע"..! — (זאָרג זיך נישט) ס'טקלעקן פאַר אַלעמען; זעסט נישט ווי מ'ברענגט אַלע טאָג קאַסטנס סחורה פון האַוואַנע?!

— די קרעמער וואַרטן אויף דער „סאַפּרע" נאָך מער ווי מיר..!

— מסתמא לוינט דאָס זיי מער!... — ענטפערט די ערשטע און הייבט זיך ווידער אָן צו קאַטשען אויפן וויג־שטול...

ווי נאָר ס'זענען אַריבער די ערשטע טעג פון חדש האָט שוין די „דייטשקע" נישט געלאָזן רוען איר קראַנקן מאַן; זי האָט נאָר געוואָלט, אַז ער זאָל איר אויסמאָלן אַ שרייענדיקן אַנאַנס פאַרן פופצענטן פון חודש.

— וואָס דיר ליגט אין קאָפּ?... — האָט ער קוים אויסגעקרעכצט.

— און דו אַליין, דאַרפסט שוין טאַקע גאָרנישט...?

— איך דאַר פ נאָר יאָרן... האָבן אויף איר אַ ווייע געטון זיינע קראַנקע אויגן.

— אָבער אויב איך פאַריאָג נישט דעם גנב אין די עטלעכע

„סאפרע" חדשים, וועל איך דאָך ווייטער דארפן מלחמה האַלטן א גאַנץ יאָר...

— איז וואָס שרעקסטו זיך אַזוי?! דוכט זיך אַז דו ביסט אַ גאַנץ גוטער סאָלדאַט, — האָט זיך זיין פּנים מאָדנע פארקרימט.

— וואָס?! פארגינסט מיר שוין מיין געזונט אויך נישט..?! — האָט זי זיך גאָר אָנגעצונדן.

— ווער זאָגט עס..? — איז ער געוואָרן בלאַסער ווי בלאַס.

— „ווער זאָגט דאָס, ווער זאָגט דאָס?" — האָט זי גע־קריצט מיט די ציינער און מער נישט געוואָלט רעדן מיט אים וועגן דעם.

דאָס אירוקע האָט זי אָבער אַלץ איינס אויסגעפירט; פאַר עטלעכע סענט האָט איר איינער אַ פרעמדער געמאַכט דעם אַנאָנס. און אַפּאָר טעג שפּעטער איז שוין געשטאַנען אַ רעדל מענטשן אַרום איר קראַם, געקוקט אויף די גרויסע,רויטע בוכשטאַבן און צום וויפילטן מאָל איבערגעלייענט: „אַהאָרא דינעראָ; קאָמפּרא פאָר דיעס פעסאָס אי פּאַגא אָטשאָ!!!" (שפּאָרט געלט; קויפט פאַר צען דאָלער און צאָלט אַכט!).

— „מירא, מירא!" (קוק, קוק!) — זענען עטלעכע פּויע־רים אַריינגעלאָפן צום „כאָוועז אַלעמאַן" און אָנגעוויזן אים מיטן פינגער אויפן גרויסן אויפשריפט פון דער אַנטקעגנדיקער קראָם.

לייזער איז געבליבן שטיין אינגאַנצן אַן איבעראַשטער; ער האָט זיך געישובט, צי ער זאָל מאַכן צען פּראָצענט ביליקער און זי האָט שוין, ביים ערשטן אַרויסטריט, געשניטן צוואַנציק פּראָ־צענט...

— דו צינדסט דאָך אונטער זיך אַליין! — האָט ער איר אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן.

— אָנגעצונדן זאָלסטו ווערן היינטיקע נאַכט!

— אָבער אַז דו גיסט אַוועק צוויי דאָלער פון צען פּטרסטע דאָך דיין גאַנצן ריווח!... — האָט ער זיך אַלץ נישט געקאָנט איינשטילן.

— איך וועל אַפילו פּטרן מיין קרן דיך צו באַגראָבן!

— ווערסט דאָס נישט דערלעבן, פּראָסטיטוטקע איינע! — איז אים דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים אַריין.

— אַז נישט דערלעבן זאָלסטו היינטיקע נאַכט! — האָט זי אויסגעשריען, און דערזעענדיק דאָס פאַרגרעסערטע הערדל מענטשן אַרום זיך, האָט זי ערשט צעלאָזן איר קולכל: „וואַמאָ, קאָמפּראַן אוסטעדעס, קאָמפּראַ פּאַר דיעס פּעסאָס אי פּאַגאַ אָטשאָ!!!”

(קומט, קויפט הערן, קויפט פאַר צען דאָלער און צאָלט אַכט!).

— תּכריכים זאָל מען שוין פאַר דיר קויפן! — האָט לייזער אַ בורטשע געטון און איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין קראָם.

— איך וועל איר שוין באַגראָבן! — האָט ער פאַרזיכערט די עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אויף אים געוואַרט אין קראָם.

— דאָ, אין סאַן־כואַן, וועט זי שוין איבעראַיאָר נישט זיין!

— האָט ער זיך אַ זעץ געטון אין הארצן און אַרויסלויפנדיק צוריק אינדרויסן, גענומען שרייען: „על קע קאָמפּראַ דע מי פּאַר דיעס פּעסאָס, פּאַגאַ נאַדאַ מאַס קע סיעטע!” (דער, וואָס קויפט ביי מיר פאַר צען דאָלער, צאָלט נאָר זיבן!).

— „קע? קע? (וואָס? וואָס?) — האָבן מענטשן נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן.

— אָט דאָס, וואָס איר הערט! — זענען לייזערס אויגן נאָך גרעסער געוואָרן און ער האָט ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

אויף אַ מינוט איז שטיל געוואָרן. מענטשן פון אַרום האָבן זיך אָנגעקוקט מיט ווילד געוואָרענע אויגן און באַלד האָט זיך אַ געמורמל צעטראָגן:

— קויפט נישט היינט!

— מאָרגן וועט זיין נאָך ביליקער!...

— זיי וועלן נאָך אונז צוצאָלן, אַז מיר זאָלן נעמען זייער סחורה!... — זענען די קובאַנער אַלץ ווילדער און ווילדער געוואָרן און מיט זייערע הילכיקע געשרייען פאַרטומלט דעם „דייטש” מיט דער „דייטשקע”...

7

גלייך נאָך מיטאָג האָט זיך דער מאַן אירער גענומען בעטן אַז ער וויל האָבן אַ ייד לעבן זיך.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — האָט זי קיין געדולד נישט געהאַט.

— איך וויל אַז ביי מיין גסיסה זאָל שטיין אַ ייד — איז זיין שטילער ענטפער געווען.

זי האָט געוואָלט אַנשרייען אויף אים, נאָר דערזעענדיק די טיפע וווייטיקדיקע קנייטשן — וואָס האָבן זיך איינגעלייגט אין זיין פאַרמעטענעם פּנים — און זיינע אומבאַהאָלפענע, פאַרגלע־זערטע אויגן, איז זי ווייכער געוואָרן. אַנשטאָט אָנצובייזערן זיך האָט זי שוואַך געפרעגט:

— ווו זאָל איך דיר, דאָ אין סאַן־כואַן, נעמען אַ יידן?..

— רוף כאַטשבי אַריין דעם פון אַנטקעגן...

— וואָס?.. אונזער קאָנקורענט?! — האָט זי אים איבערגע־ריסן אין פאַרוואונדערטער שרעק און באַלד צוגעגעבן: „ער וועט זיך דאָך פרייען מיט אונזער אומגליק"...

— ניין. דאָס קען נישט זיין. ער איז אַ ייד. ער וועט זיך נישט פרייען ווען אַ צווייטער ייד שטאַרבט אין אַזאַ עלנטקייט... האָט דער קראַנקער קוים, קוים און מיט די לעצטע כּחות, אויס־גערעדט.

— ער איז דאָך אָבער אונזער גרעסטער שונא! — האָט די „דייטשקע" אַלץ נישט אָפּגעלאָזן דאָס איריקע.

— אַ שונא אין לעבן אָבער נישט אין טויט... האָט שוין שלום מער קיין כּוח נישט געהאַט צו רעדן.

ער איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער. אַלץ אַרום אים האָט זיך געדרייט. די אויגן זיינע האָבן זיך אים פון קאָפּ געריסן. זיין רעכטע האַנט איז אַראָפּגעפאַלן האַרט ביי דער זייט און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. און דאָס האַרץ זיינס האָט זיך, ווי אַ ים־כוואַליע, געהויבן און גענידערט אַרויף און אַראָפּ...

אַ קאַפּיטל תּהלים איז אים אויפן געדאַנק געקומען. ער האָט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט זאָגן עטלעכע פּסוקים אויף אויסווייניק און זיך דערשראָקן: דאָס מויל זיינס האָט נישט געוואָלט רעדן...

— „אַ־אַ־אַ־אַ" האָט זיך אַ פאַרשטיקט קול אַרויסגעריסן פון

זיין האַלז און אויף זיין פּנים האָט זיך די שרעק פאַרן מלאך־המות באַוויזן.

די „דייטשקע" האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן: מיט איין שפּרונג איז זי געשטאַנען פאַר לייזערס קראָם און אַ צענויפגע־קאָרטשעטע אין דרייען האָט זי קוים אויסגערעדט:

— גוטער מענטש, מיין מאַן גוססט, קומט אריין...

לייזער האָט אַ ציטער געטון. אין האַרצן ביי אים האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט אָנגעכאַפּט די „דייטשקע" ביים האַנט און נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טון. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיי און זענען שוין געבליבן שטיין ווי פאַר־גליווערטע. זייערע הייסע טראָפּישע בלוטן זענען מיטן קוק פאַר־קילט געוואָרן... נאָכדעם, ווען זיי האָבן דערזען, ווי דער „דייטש" פירט די „דייטשקע" צו איר אין שטוב אריין, האָבן זיי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן...

— רופן דעם „קורא"? — (גלח) האָט איינער פון זיי גע־פרעגט, דערזעענדיק דעם כמעט געשטאָרבענעם מענטשן.

— ניין. מ'דאַרף נישט — האָט לייזער געענטפערט און גע־זעצט זיך ביים גוסס צעקאָפּנס.

דאָס שטיבל האָט געשמעקט מיט טויט, איז אינגאַנצן געווען איינגעהילט אין אַ בית־הקברות שטילקייט. די קובאַנער האָבן מורא געהאַט העכער אָפּצואָטעמען. זיי זענען געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער און נישט אויפגעהערט צו צלמן זיך.

דער גוסס אַליין האָט שוין טאַקע נישט געקענט רעדן. ער האָט קוים, קוים, און מיט גרויסע שווערקייטן אַ באַוועג־געטון זיינע אויגן צו לייזערן, באַמערקט לייזערס זייער אומעטיק פּנים, האָט ער געוואָלט אַ שמייכל טון... באַדאַנקען לייזערן פאַר זיין מיטגעפיל... איז דער שמייכל געווען אַזאַ קרענקלעכער, אַזאַ וויי־טיקדיקער, אַז ער האָט נאָך פאַרפּלפאַכט דעם ערומיקן פּיין.

לייזער אַליין האָט דאָס אָבער אפילו נישט באַמערקט. זיינע געדאַנקען זענען גאָר אין עפּעס אַנדערש פאַרטיפט געווען. די אויגן זיינע האָבן אַזעלכע מאָדנע בילדער דערזען:

... און ער איז טאַקע אַליין אין סאַן־כואַן. זיין קראָם איז

די איינציקע אין דעם גאַנצן שטעטל. ער האָט נישט קיין קאָנקור־רענט אַפילו אויף אַ רפואה. ער מאַכט אוצרות מיט געלט. ער שאַרט פשוט געלט פון די גאַסן. ער האָט שוין טויזנט דאָלאַר, פינף טויזנט דאָלאַר, צען טויזנט דאָלאַר. הונדערט טויזנט דאָלאַר איז שוין פאַרשריבן אויף זיין באַנק־ביכל... כאַ, כאַ, כאַ, ער איז דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט!..

פלוצלינג שטאַרבט ער... זיינע גוטע פריינט, די קובאַנער, קומען און ברענגען זייער גלח... דער גלח זאָגט אַ תפלה פאַר זיין נשמה... ער זאָגט אָן יעזוסן, אַז מיטן נפטרס געלט וועט מען רעמאָנטירן דעם שטעטלשן קלויסטער... נאָכדעם זענען זיי אים מקבר אויף זייער „מאָגילניק"... שטעלן אַוועק אַ ריזיקן צלם איבער זיין קבר און שרייבן אָן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „על כאַ־ווען אַלעמאַן". (דער דייטשישער יונג)... „על כאַוועו אַלעמאַן" חזרט ער איבער און דערפילט אַזאַ מאָדנעם, שטיקנדן געלעכטער רייסנדיק זיך פון די טיפענישן פון זיין האַרצן.

ער האַלט זיך קוים איין און טראַכט ווייטער: און קיינער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געוווּסט ווער און וואָס ער איז... און די אַלטע מאַמע זיינע וואָלט אַפילו נישט געוווּסט ווו ער ליגט... אייביק, אייביק וואָלט ער אַזוי געלעגן אויפן סאַן־כואַנער מאָגיל־ניק און איבער זיין קבר דער ריזיקער צלם מיטן גרויסן אויפ־שריפט „על כאָוועו אַלעמאַן"...

מאָדנע, מאָדנע — פלאָנטערט זיך דאָס ווייטער אין זיין מוח — די גאַנצע צייט איז דאָס אים גאָרנישט איינגעפאַלן... ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אַ מענטש קען פלוצלינג שטאַרבן... אַזעלכע געדאַנקען זענען אים גאָר קיינמאָל אין קאָפּ נישט געקומען... אַ לעבן האָט ער געמאַכט... דאָלאַרן האָט ער געשפּאָרט... האָט ער דאָך מער גאָרנישט געדאַרפט... ער איז דאָך געווען אַ... „כאָוועו אַלעמאַן"...

„כאָוועו אַלעמאַן" — קריצט ער אויס מיט די ציינער און באַפּט זיך ביים האַרצן צו דערשטיקן דעם שוואַרץ־ווייטיק וואָס האָט זיך אַהין אַריינגעריסן...

דער ציטער פון גוסס האָט איבערגעריסן זיינע מחשבות.

ער האָט אַ דריי געטון דעם קאָפּ און דערזען זיין „קאָנקורענט"־טויט.

— „ברוך דיין אמת" האָט לייזער מיט כּונה, קוים אויסגערעדט און איז זיך אין אַ שטורמישן געוויין פאַרגאַנגען...

— זאָל אים יעזוס מיט אָפענע אָרעמס צונעמען! — זענען די אַרומיקע קובאַנער אין רעליגיעזן עקסטאַז אַריין...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

ביים פּאַרקאַן פון שטעטלשן בית - עולם, אין שאָטן פון הונדערטער צלמים, שטייט אַן אויסגעבויגן ווייס ברעטל אין פראָנט פון אַ נידעריק, בערגל ערד. אויבן אויפן שפּיץ פון ברעטל געפינט זיך אַ שלעכט אויסגעמאָלענער מגן - דוד, און אונטער אים איז אָנגעשריבן:

„פּה נקבר שלום הכהן מעיר רייגעראָווע, פּוילן. ת' נ' צ' ב' ה'."

דער „קוף" פון „נקבר" איז צעפלעקט. טינט איז צעשפּריט איבערן גאַנצן אַרום. שטעטלשע איינוווינער וויסן פון וואַנען דאָס קומט... ביים שרייבן די מצבה איז אַ היים בלוטיקע טרער פון שרייבערס אויג, אויפן „קוף" אַרויפגעפאַלן — און האָט אים צעשמירט...

און געשריבן די מצבה האָט לייזער, דעם נפטרס ערגסטער קאָנקורענט, זיין פאַרביסנסטער שונא...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

נישטאָ שוין אין סאַן־כואַן נישט דער „דייטש", נישט די „דייטשקע".ביידע האָבן גלייך נאָך שלומס טויט, ליקווידירט זייערע געשעפטן און זענען אַוועקגעפאָרן. נענטערע באַקאַנטע, קובאַנער פריינט, האָבן זיי — פאַרן אַוועקפאָרן — געפרעגט למאי זיי פאַרלאָזן דאָס שטעטל. די ענטפערס וואָס זיי האָבן באַקומען זענען אָבער געווען ווייט נישט צופרידנשטעלנד... זיי, די קובאַנער, האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. פאַר זיי איז דאָס געבליבן אַן אומלייזבאַרע רעטעניש...

און עד־היום ווען זיי גייען פאַרביי די סעמעטערי, שטעלן

זיי זיך אָפּ ביי דער מאָדנער מצבה, מיטן זעקס קאַנטיקן שטערנדל און די „בינעזישע'' אותיות, קוועטשן מיט די פּלייצעס, באַוווּנדערן די סודותדיקייט און מורמלען:

„קע עסטראַנאָס סאָן לאָס אַלעמאַנעס'' (ס'אַרא מאָדנע די דייטשן זענען)! טאָמער איז דאָ איינער פון זיי געשטאָרבן, זענען די איבעריקע צולאָפן און ווילן מער צו אונז אין שטעטל נישט קומען...

— „קע עסטראַנאָ סאָן!'' ווי מאָדנע זיי זענען, ווי מאָדנע, ווי מאָדנע! — מורמלען די קובאַנער מיט באַוווּנדערונג, און באַטראַכטן ווידער די עלנטע מצבה, פּונקט ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסקריגן פון איר דעם מיסטעריעזן סוד פון דעם „דייטשן'' אַרטלעבן...

ז ו ב ט אָ ג

זונטאג

די גאנצע וואך איז ביי איר גארנישט. די אנדערע זעקס טעג פון דער וואך זענען נישט אירע; זיי געהערן צו דעם האלב־פינס־טערן בנין וועלכער איז פול מיט עלעקטרישע מאשינען, ארומגע־זעצטע מיט בלאסע פנימער פון יונגע, קוים צייטיק־געווארענע מיידלעך.

גאנצע זעקס טעג גייען דארטן אוועק אין גארנישט. טאג־איין, טאג־אויס די זעלבע שווערע מאנאטאנע ארבעט: ציען דעם ווייסן העמדער ־ שטאף אונטער די מאשין ־ נאדל און בשעת מעשה זיך אליין אפשפיגלען אין די שטארק פארזארגטע געזיכטער פון די אנדערע ארבעטנדע מיידלעך — איר גלייכן...

און קומענדיק פון דער ארבעט אהיים פילט זי זיך זייער מיד, ביז גאר אויסגעמאטערט. קוים, קוים וואס זי באוויזט אפצועסן און ארייננכאפן זיך אין איר אייזערן בעטל אפצורוען זיך א ביסל; אויסצוגלייכן דעם אנגעשטרענגטן, אויסגעהארעוועטן רוקן פון א גאנצן טאג זיצן איינגעבויגן.

דאס גאנצע לעבן איז ביי איר זונטאג.

זונטאג אין דער נייער היים פארנעמט דעמזעלבן ארט וואס שבת אין דער אלטער היים... און אפשר נאך א פיל שענער, ארט ווייל דא איז ער מער אויסגעבענקט, טיפער אויסגעוויטיקט..

נישט נאר ביי איר אליין, נאר ביי אלע מיידלעך פון דער פאבריק וו זי ארבעט — ווי אויך פון די אנדערע פאבריקן — איז דער עיקר־לעבן — זונטאג.

די ערשטע דריי טעג פון דער וואך לעבן זיי מיטן כוח פון פארגאנגענעם זונטאג און די לעצטע דריי טעג — מיטן כוח פון קומענדיקן זונטאג.

א גאַנצע וואָך רעדן די מיידלעך צווישן זיך:

— וואָס וועסטו טון היינטיקן זונטאָג?

— אָ! האָב איך געהאַט א זונטאָג..!

— וווהין גייסטו זונטאָג?

— ווי האָסטו פאַרבראַכט זונטאָג?

— ווער קומט צו דיר זונטאָג?

— גוואַלד, ווי דערלעבט מען שוין זונטאָג?

זונטאָג, זונטאָג און זונטאָג! אַלע לאָזן זיי איבער אויף זונטאָג.

זעקס טעג פייניקן זיי זיך, נאָר כדי צו פאַרשאַפן זיך פאַרגעניגן דעם זיבעטן טאָג — זונטאָג; אַלע זייערע האָפענונגען און ציטערדיקע פריידן ליגן פאַרבאַהאַלטן אין דעם זונטאָג...

פאַרלאָזט האָט זי איר אַלטע היים נישט צוליב נויט חלילה. ביי די עלטערן האָט איר אויך גאָרנישט געפעלט. טאַטע - מאַמע, ווי אָרעם זיי זענען נישט געווען, האָבן זי דאָך אָפּגעהיט ווי דאָס „אויג אין קאָפּ"; קיין זאַך איז זיי פאַר איר נישט שווער געווען. איבערהויפּט ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן צו עלטערן, שוין געהאַט אריבער דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן יאָר פון איר לעבן. זייט דעמאָלט האָבן זיי איר אָנגעהויבן צו היטן און צערטלען ווי א קליין שוואַך קינד.

— טאָכטערל, גענוג שוין צו נייען!

— טעמעלע, גיי שוין שלאָפן!

— טעמעלע, אפשר וועסטו אויסטרינקען א פּאָר אייער..?

— טאָכטערל, רו זיך אָפּ א ביסל!

— טעמעלע, אפשר וועסטו זיך גאָר אויפנייען א קליידל?

אַזעלכע און ענלעכע וואַרעם - מוטערלעכע צערטלעכקייטן האָבן איר טאַטע - מאַמע נישט געזשאַלעוועט. און זי, הגם זי האָט געפילט, אַז אָט די אַלע ווונטשן זענען ביי אירע עלטערן ביז גאָר אויפריכטיקע — האָבן זיי איר פונדעסטוועגן ווייגעטון און מוראדיק געמאַטערט איר שוואַך מיידל־וועזן. יעדער „טעמעלע" האָט איר שווער באַליידיקט. מיטן שכל האָט זי אפילו נישט געקענט

פארשטיין למאי ס'באַליידיקט איר אַזוי. דאָס האַרץ האָט איר אָבער אַלצאַיינס געריסן. האָט זי נאָר דערהערט איר מאַמעס ווייך קול אויסזינגענדיק „טעמעלע'', אָדער „טאָכטערל מיינע'' אַזוי איז זי שוין געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך געשעמט צו באַגעגענען מיט אימיצנס אויגן...

און אָט דאָס טאַקע, אָט דאָס וואָס מ'איז צו איר געווען צו־פיל איבערגעגעבן אינדערהיים האָט איר פון דער היים פאַרטריבן. לענגער האָט זי דאָס נישט געקענט אויסהאַלטן. זי האָט מער נישט געקענט איבערטראָגן די מאָדנע רחמנות ־ באַציונג פון אירע על־טערן. שטום, אינזיך, האָט זי זיך געבעטן ביי טאַטע ־ מאַמע, אַז זיי זאָלן צו איר נישט אַזוי גוט זיין; אַז זיי זאָלן זי נישט אַזוי „זשאַלעווען''... זיי, די עלטערן, האָבן דאָס אָבער נישט געקענט פאַרשטיין. ס'איז זיי שווער געווען צו באַגרייפן דעם סוד פון זייער טאָכטערס אומעט...

אַלע אירע אָנשטרענגונגען צו געפינען אַן עצה ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון טאַטע ־ מאַמעס „זיסע מאַטערנישן'' האָבן נישט געהאָלפן. דער איינציקער אויסוועג איז געווען — חתונה האָבן. האָט זיך אָבער אויף־צו־להכעיס קיין פּאַסיקער שדוך נישט גע־מאַכט. ווי וויט נאָכגיביק זי איז שוין נישט געווען און ווי שטאַרק אירע קאָמפּראָמיסן מיטן לעבן זענען נישט געגאַנגען האָט זיך איר דאָך „עפּעס רעכטס'', לויט איר מיינונג, נישט געמאַכט.

אַ סך טונקעלע גרויע און איינטאָניקע טעג זענען אַוועק. זי איז אַלץ עלטער געוואָרן. וואָס עלטער זי איז געוואָרן אַלץ בעסער האָבן איר די עלטערן באַהאַנדלט. וואָס בעסער די עלטערן האָבן איר באַהאַנדלט, אַלץ מער האָט עס איר געוויייטיקט, געקרענקט און אַלץ פעסטער געמאַכט איר באַשלוס אַוועקצופאָרן פון דער היים. אַזוי האָט זי איר אַלטע היים פאַרלאָזט און אויפן וועג צו זוכן אַ נייע געלאָזט זיך...

געוווינט האָט זי מיט נאָך אַ מיידל, אויך אַן עמיגראַנטקע ווי זי, טעמע איז. נאָר יענע זעט אויס אַ ביסל יונגער. אירע באַקן

זענען פולער, די אויגן ליכטיקער און דאָס פּנים פריילעכער. אוי־סער דעם זענען זיי בײדע גלייך...

דאָס צימער זייערס איז אַ קליינס, אַ פּירעקיגס. איינס אַנט־קעגן דעם אַנדערן שטייען זייערע צוויי בעטלעך מיט ווייסע ליי־לעכער באַדעקט און מיט קליינע אויסגענייטע קישעלעך אויף זיי. אין דעם צווישן שטייט אַ טישל, בײ די זייטן צוויי שטולן; אונ־טער די בעטן אַ פּאָר טשעמאָדאַנעס און אין ווינקל, הינטער דער אָפענער טיר, אַ קעסטל מיט אַ קונסט־בײלאַגע פון אַ צייטונג אַרומגעקלעפּט און אויף איר אַ בלעכענע קאָך־מאַשינקע.

אַזוי וואָלט געווען אַן אָרעם עלנט צימערל. האָט אָבער פאַ־ניע — טעמעס איצטיקע חברטע — „גאָלדענע" הענט, ווו זי געפינט נאָר אַן אינטערעסאַנט בילד אין אַ צייטונג, שניידט זי דאָס אויס, פּוצט דאָס אַרום מיט קאָלירט פּאַפּיר און קלעפּט דאָס אָן איבער איינס פון זייערע בעטן אָדער אויף דער קעגנאיבערדי־קער וואַנט אונטערן הויכן פענסטער. אָט די „האַנט־אַרבעט" פאַניעס גיט צו דעם צימער אַ רייכן אויסזען.

טעמע וואונדערט זיך אָפטמאָל פון וואַנען נעמט זיך דאָס צו פאַניען אַזאַ גרויסער אינטערעס צו אַזעלכע „קלייניקייטן"!.. פאַניע איז דאָך אויך אַזוי עלנט, איינזאַם ווי זי, טעמע, איז און פונדעסטוועגן איז זי שטענדיק אַ זינגענדיקע, תּמיד אַ פריילעכע און אַ לעבעדיקע... אָט קומט זי פון דער אַרבעט, דוכט זיך אַן אויסגעמאַטערטע, נעמט זי שטאַרק אַרום, דריקט זי צום האַרצן און שטורעמט אויס: „אוי טעמע, טעמע..." און מיטאַמאָל לאָזט זי איר אָפּ און צעלאָזט זיך איבערן צימער אין אַ צעהוליעטן טענצל... זי שפּרינגט ממש פון דער הויט און קערט אַלץ איבער־מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף... און טעמע איז איר מקנא, שטאַרק מקנא. ס'קאָסט זי ממש געזונט פאַניעס באַוועגלעכ־קייט און רירעוודיקייט. יעדער זונג, יעדער שפּרונג פאַניעס נעמט בײ איר אַוועק שטיקער לעבן. ווער ווייסט — טראַכט זי — אפשר ווען איך וואָלט אויך געווען אַזוי פריילעך און לעבעדיק ווי זי וואָלט די שווערע האַנט פון לעבן אויף מיר אַזאַ שליטה נישט גע־

האט... און כ'וואָלט נישט אָפּגעשטעמפּלט געוואָרן אזוי יונג מיט אַלט־מיידלשקייט...

זי קאַרטשעט זיך אַזש אויף פון די פינסטערע געדאַנקען. אין די ווינקלען פון אירע אויגן באַווייזן זיך טרערן און איר ווייטיק אין האַרצן ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער...

אַ בחור קומט אָפּט צו זיי אַריין. ער איז דער איינציקער פרעמדער וועלכער באַווייזט זיך אַמאָל אין זייער עלנט צימערל.

אַ גאַנצע וואָך זעט מען אים כמעט נישט אָן. נאָך שווערע טעג פון אומדערמידלעכע אַרבעט איז אוממעגלעך צו גיין ערגעץ־ווו. דער איינציקער טאָג ווען ער קומט איז זונטאָג. אַמאָל אויך ערב־זונטאָג: שבת־צו־נאַכט.

וואַרטן זיי ביידע, טעמע און פאַניע, אויפן שבת־צו־נאַכט מיטן זונטאָג. זיי ווייסן, דוכט זיך, אַליין נישט קלאָר אין וועמענס זכות ער קומט צו זיי אַריין. נאָר יעדערע פון זיי איז ביי זיך זיכער, אַז ער קומט נאָר צוליב איר; טאַקע צוליב איר אַליין...

טעמע לייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען: „ווער ווייסט, אפשר..? „באַמבלט זיך אין איר מוח זינט ער איז צו זיי דאָס ערשטע מאָל געקומען.

זי האָט זיך שוין געזען אַ חתונה־געהאַטע... און געפילט האָט זי זיך גליקלעך... זי וועט שוין מער נישט קומען פון דער אַרבעט צו די פיר ווענט פון אַן איינזאַם צימערל... נאָר צו אַ פריינט, אַ חבר און אַן איבערגעגעבענעם מאַן וועט זי קומען... האָט זי גאַרנישט געקענט אויפהערן טראַכטן פון דעם גרויסן גליק וואָס ס'שטייט איר פאָר.

די ערשטע זונטאָגס פלעגט ער דעם גרעסטן טייל פון טאָג זיצן ביי זיי אין צימער טאַקע. און אָנהט - צייט פלעגט ער אַרויס־גיין שפּאַצירן מיט ביידע צוזאַמען. דעמאָלט זענען טעמעס האָפע־נונגען געוואָרן שטאַרק; זי איז זיכער געווען, אַז ער מיינט נאָר איר און פאַניען לאָדט ער איין בלויז אויס רחמנות... מ'קען דאָך זי נישט איבערלאָזן איינינקע אַליין, האָט זי געטראַכט, נישט אָן צער און געוואַרט אויפן „קומענדיקן" זונטאָג. אפשר וועט זי

האָבן די געלעגנהייט צו בלייבן, כאָטש אויף איין מינוט, מיט איר אַליין... שפּעטער האָט זי זיך אָבער ביטער אַנטוישט.

אַ זונטאָג ווי אַלע פאַרגאַנגענע זונטאָגס איז דאָס געווען. ער איז געקומען ווי אַלעמאָל. קומענדיק האָט ער מיט איר זייער האַרציק געשמועסט. זי האָט אים דערציילט איר שווער, ביטער האַרץ: „ווי גוט ס'איז איר געווען אינדערהיים און ווי שלעכט ס'איז איר דאָ...״ און ער האָט זי געטרייסט; ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזוי פיל רחמנות, מיט אַזוי פיל מיטגעפיל... נאָך איין מינוט און ער וועט זי צודריקן צו זיין האַרץ און אויסקושן אַלע אירע ווייטיקן... איז אָבער מיטאַמאָל אַרויס, ווי פון אונטער דער ערד, פאַניע, אַ פאַרפּוצטע, אַ זינגענדיקע, איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אים, אויסגעמרוקעט „נו!״ און שוין... ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, זיך אַנטשולדיקט פאַר טעמען און איז אַוועק מיט איר, מיט פאַניען טאַקע...

זי איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענע. די גאַנצע פאַרבי־טערונגען פון אַלע אירע יאָרן האָבן איר מיטאַמאָל אַ זעץ־געטון אין קאָפּ. זי האָט קוים באַוויזן אַריינצוואַרפן זיך אין בעטל... פאַר די אויגן האָבן איר אָנגעהויבן צו שוועבן, אין שנעלן האַס־טיקן געלויף, טונקל־שוואַרצע פינטעלעך, אַזעלכע וועלכע זויגן אויס איינעמס לעצט ביסל בלוט און קאַרטשען צעגויף אין שוואַרץ־ווייטיק אַלע זיינע אבֿרים...

— אַזאַ דורכפאַל, אַזאַ דורכפאַל..!

— אַז ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן..?

— אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט צו ווערן..!

— און נאָך פון אַזאַ פּאַסקודסטווע..! — האָט עס איר גע־וואָרפן ווי אין פיבער.

זינט זי לעבט האָט זי נאָך אַזאַ שווערן טאָג נישט געהאַט.

שפּעטער איז זי, פון זיך אַליין, רואיקער געוואָרן. די אַרבעט אין פאַבריק האָט אויסגעוועפּט איר בייזן יאוש און איר כעס אויף פאַניען איז אויך שטילער געוואָרן.

— מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך אַמאָל..! — האָט זי געטרייסט זיך אַליין.

— אפשר האָט ער דאָס געטון בכיוון; כּדי אַ צווייט מאָל אַרויסצוגיין מיט מיר אַליין!.. — האָט זי זיך אַזש אָנגעצונדן פון שמחה און, מיטן גרעסטן אומגעדולד, אָנגעהויבן וואַרטן אויפן קומענדיקן זונטאָג.

זי איז אָבער ווידער געבליבן אַן אַנטוישטע. ער איז טאַקע געקומען, פאַרבראַכט מיט איר זייער ערנסט, אויפריכטיק און האַרציק אפילו. נאָר באַלד איז ווידער פאַניע אַראָפּגעפאַלן, ווי פון הימל, אַ פאַרפוצטע, איר פאַראַכטאָגעדיקן „נו!" אונטערן נאָז אויסגעמורמלט, און ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, זיך ווידער אַנטשולדיקט פאַר טעמען און ווידער אַוועק מיט פאַניען... פּונקט ווי די פריערדיקע וואָך...

— אָט אַן אַנשיקעניש!

— ווי קען מען דאָס גאָר אויסהאַלטן!

— זי האָט דאָך אים פשוט אַרויסגענומען פון מיינע הענט! — האָט זי יעדן זונטאָג שיר נישט צוזאַמענגעבראָכן.

און אַזוי האָבן זיך זונטאָגס נאָך זונטאָגס געצויגן.

יענע זונטאָגס האָבן איר אויסגעמאַטערט און צעבראָכן מער ווי גאַנצע וואָכן פון שווערע אַרבעט אין פאַבריק.

זי האָט אין פאַניען דערזען אַ בייז־בלוטיקן שונא... אַ שונא וואָס וויל איר באַרויבן פון איר לעצט שטיקל גליק... און אין האַרצן ביי איר האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלויבן שטאַרקע פאַרבי־טערונגען קעגן איר חברטע... לסוף האָבן די פאַרביטערונגען געפּלאַצט... — זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריגן.

צום אָנפאַנג האָט זי זיך נאָך געשעמט אַרויסצווייזן איר גאַנצן כּעס... ביסלעכווייז האָט זי זיך אָבער צוגעוווינט צו דעם און די קריגערייען זענען אַלץ שאַרפער און שאַרפער געוואָרן... אויף צו ווערן שלום איז שוין קיין אָרט נישט געבליבן. האָט זיך פאַניע איינגאַנצן אַרויסגעקליבן פון צימער.

שבת, צוועלף בייטאָג, ווי נאָר די ענגע לופט פון פאַבריק איז

אויפגעריסן געוואָרן פון מאַנאַטאָנעם לאַנג - דויערנדן פייף, האָט טעמע זיך איבערגעטון און צו די קראָמען אוועקגעלאָפן. פאַרשיי־דענע קלייניקייטן פאַר זיך און פאַר איר צימערל איז זי געלאָפן איינקויפן.

אַ גאַנצן „פאַר־פסח״ האָט זי געמאַכט אין צימערל: פאַר־שמירט די אָפּגעריבענע ווענט, אויסגעקלעפּט נייע בילדער, אָרומ־געשייערט די קאַך - מאַשינקע, איבערגעקלעפּט די קונסט - ביילאַגע פון דער צייטונג אויפן קעסטל... אַלץ, אַלץ האָט זי צורעכט גע־מאַכט... און ‏ אַרבעטנדיק האָבן זיך איר נישט אויפגעהערט צו וועבן אין קאָפּ זיסע געדאַנקען וועגן זיין מאָרגנדיקן וויזיט... זי האָט שוין אַפילו געוווסט וואָס צו רעדן מיט אים; זי וועט אים דערציילן ווי „פריי״ פאַניע האַלט זיך, און ווי שלעכט און פאַר־דאָרבן זי איז אין כאַראַקטער. אַלץ, אַלץ וועט זי אים דערציילן...

— און אַדרבא, זאָל ער וויסן! — האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטול מיט אַ פּנים פון נצחון...

זונטאָג, גלייך נאָכמיטאָג, האָט זי זיך פאַרפּוצט און מיט מיידלשער אומגעדולדיקייט גענומען וואַרטן אויף אים.

לאַנג זענען געווען די מינוטן. יעדע רגע האָט זי איינגעגראָבן איר קוק אין האַנט - זייגערל און נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן זיך וואָס די צייט שלעפּט זיך אַזוי פּאַמעלעך. עטלעכע מאָל איז זי אויפן שכנותדיקן באַלקאָן אַרויסגעלאָפן און נייגעריק אָנגע־שטרענגט אירע אויגן; אפשר וועט זי אים דערזען פון וויטן.

איר גאַנצע אַרבעט איז אָבער געווען אַרויסגעוואָרפן.

— „ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ווי אַזוי, ווי אַזוי״..? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט נאָכדעם ווי די נאַכטיקע פינסטערניש האָט איר אַ ווייע געטון אין פּנים. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער קאַלטער ימיקער ווינטל וועלכער האָט, מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, אָנגעהויבן מילד צו בלאָזן, רוימט איר שטיל אין אויער אַריין: „ער וועט נישט קומען, נישט קומען, נישט קו־מען״...

אַלע אירע האָפענונגען זענען אין דער מינוט צערונען גע־וואָרן. אויף אייביק, אויף אייביק צערונען געוואָרן...

— דער גאַנצע וואָך איז — צייט זי איז אין דער נייער היים — נישט אירע. די אַנדערע זעקס טעג געהערן שוין לאַנג צו די מוראַדיק גרויע ווענט פון דער פאַבריק. אירע זענען נאָר די זונ־טאָגס געווען: אַ האַלבע וואָך האָט זי געלעבט מיט די דעראינערונ־גען פון פאַרגאַנגענעם זונטאָג, און אַ האַלבע וואָך מיט די האָפע־נונגען אויפן קומענדיקן זונטאָג... און איצטער האָבן שוין די זונ־טאָגס אויך פאַרלוירן זייער באַדייטונג... פאַרקערט, אַנשטאָט אירע אַמאָליקע פרייליכע דערוואַרטונגען וועלכע דער זונטאָג פלעגט איר ברענגען, האָט זי איצטער אָנגעהויבן צו שרעקן זיך פאַר אים:

אַ גאַנצע וואָך איז איר קאָפּ פול מיטן גערויש פון די מאַשי־נען. די געדאַנקען ווערן פאַרהילכט פון שטענדיקן גערודער און דער געפיל ווערט פאַרטעמפּט פון די נאָכאַנאַנדיקע גרילצעריען... פילט זי אַזוי אַרום נישט זייער שטאַרק, די שווערקייט פון איר צוקונפט... אָבער זונטאָג, ווען זי בלייבט אַליין אין איר ענג צי־מערל ווערט איר בעטל פאַר איר פאַרוואַנדלט אין אַ קעסל פון פּעך און סמאָלע...

— גוואַלד, ווי דערלעבט מען שוין מאָרגן..! — קרעכצט זי וויטיקדיק ווען זי ליגט זונטאָג אין בעטל און וואַרפט זיך נערוועז, ווי אין ווילדער משוגעת, פון איין זייט אויפן צווייטן.

מ אָ ר ס י ק

מארסיק

ווילד פון אויפרעגונג און ציטערנדיק מיט אַלע זיינע גלידער איז ער ווי אַ משוגענער אין שטוב אַריינגעלאָפן. זיין, פון שרעק בלאַס־געוואָרן פנים האָט זיך געטוליעט אין מאַרסיקס געקודלטע, מיט בלוט פאַרשפריצטע האָר.

— אָרעמער מאַרסיק מיינער! — זענען זיינע טרערן געראָנען איבער דעם הינטלס שטאַרק צעקאַליעטשעטן האַלדז.

— מאַקס, וואָס איז געשען? — האָט זיך זיין פרוי דער־שראָקן, דערזעענדיק זיין ווילד - געוואָרענעם געזיכטס - אויסדרוק און מיט בלוט־פאַרפלעקט העמד.

— אַ מאַשין איז דאָס הינטל איבערגעפאָרן — האָט ער קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און באַלד צוגעגעבן: ראָזע, נאַ דיר געלט און פאָר מיט אים צו צו אַ דאָקטאָר. ער איז שטאַרק פאַרוווּנדעט...

ראָזע איז בלאַס געוואָרן. איר שטענדיק ליכטיק, צופרידן פנים האָט זיך מיט אַן אומעט פאַרצויגן. און אירע אויגן האָבן גענומען בלאָנדזשען איבערן פאַרנעם פון רייך - אויסגעמעבלירטן צימער, ווי זיי וואָלטן עפּעס זוכן, פאַר איר זייער וויכטיקעס.

— ניין! איכל נישט פאָרן! — האָט זי נידעריק אָבער אַנט־שלאָסן אויסגערעדט.

— ראָזע..! — האָט מאַקס באַפוילן.

— איך קען נישט... — האָט זי זיך געבעטן מיט איר פאַר־לוירנקייט מער ווי מיטן מויל.

ער האָט איר אַ ווײַלע אָנגעקוקט; באַטראַכט איר בלאַס פנים און אירע גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן. זי האָט אויסגעזען אַזוי מאָדנע. ווי אַ פאַרגליווערטע איז זי געשטאַנען און מורא געהאַט אַ ריר צו טון זיך פון אָרט. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן און

נישט געוווסט ווי אזוי. איר אומבאהאָלפנקייט האָט פאַרשטיקט די לופט פון צימער און נישט געלאָזן עפענען ס׳מויל...

מאַרסיק האָט דערפילט די אָנגעשטרענגטע שטילקייט, וועלכע האָט געביסן די צערודערטע נערוון פון זיינע באַלעבאַטים, און אָנגעהויבן צו וואָיען. ער האָט צוגעדריקט זיין פאַרבלוטיקט קעפּל צום באַלעבאָס׳ האַרץ און רחמנותדיק געהויקעט:

— הו, הו, הו... הו, הו, הו... — זענען אים די אויגן שיר נישט אַרויסגעקראָכן פון זייערע לעכער.

דעם הינטלס פאַרקלעמט ברומען האָט אויסגעטשוכעט מאַקסן פון זיין פאַרטראַכטקייט. ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם ביז גאָר פאַרווייטיקטן מאַרסיק און איז ווייכער געוואָרן. דער צער פון דער וועלט האָט זיך אין דער מינוט אויסגעלייגט אויף זיין פּנים און פול מיט תחנונים האָט ער זיך ווידער גענומען בעטן ביי זיין פרוי:

— ראָזעלע, פאָר מיט אים צום דאָקטאָר, טייערינקע מיינע... זע ווי ער מוטשעט זיך...

— פאָר אַליין! — האָט זי מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף אים און איר פּנים איז נאָך ערנסטער געוואָרן.

— איך קען דאָך אָבער נישט איבערלאָזן דעם אָפּים אַליין..!

— טאָ לאָז נישט איבער! — האָט זי נישט אַרויסגענומען די אויגן פון דעם אַלטן צייטונג, וועלכער איז איר גראָד אַריינגעפאַלן אין די הענט און אינגאַנצן אַ פאַרכמורעטע געקוקט אויף די, פאַר איר צעגויפנגאַסענע, בוכשטאַבן פון פּאַפּיר.

— מ׳קען דאָך אָבער נישט איבערלאָזן דאָס הינטל אַזוי...

— פאַרוואָס נישט?!

— וואָס הייסט..? ער וועט דאָך נאָך אויסגיין!

— וועט ער אויסגיין... נו, איז וואָס?! — האָט זיין הכנעה־דיק בעטן אָנגעצונדן אירע בלוטן.

— ראָזעלע..!

— איי מאַקס, לאָז מיך צורו....

— אָבער טייערינקע...

— אַז מיך אַרט נישט, אַז ער וועט פּגרן! — האָט זי זיך

פאַרכלינעט מיט די ווערטער וועלכע האָבן זיך די גאַנצע צייט גע־ריסן פון איר האַלדז און מוראדיק געשטיקט איר צאַרטע פרויען־נשמה.

— וואָס?! — האָט ער אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער פון איר פּלוצלונגדיקן אויסבּרוך אויסגעדונערט מיט אַלע זיינע כּוחות — דיך אַרט נישט..? הע! ס׳אַרט דיך גאָרנישט..? אָבער מיך אַרט עס שוין דוקא יאָ — האָט ראָזע דערפילט די פייערדיקע בייזקייט פון זיינע אויגן, הגם זי האָט אויף אים נישט געקוקט.

— איין מינוט נאָר, אָרעמינקער מיינער! — האָט מאַקס אַ גלעט געטון די בלוטיקע ווונד פון צעקאַליעטשעטן הינטל און אַוועקגעלייגט אים אויפן בעט ביז וואַנען ער וועט זיך איבערטון.

— ער לאָזט טאַקע איבער אַ פולן אָפּים מיט מענטשן און לויפט מיטן הינטל צום דאָקטאָר!

— און מאַרסיק וועט נאָך אַלצאיינס געזונט ווערן...! — האָט ראָזע אָנגעהויבן צו שווערן, חרטה געהאַט אויף איר פרי־ערדיקע איינגעשפּאַרטקייט, אויף איר פאַרביסענע עקשנותדיקייט און געטראַכט ווי אַזוי זי קען עס נאָך פאַרגלעטן...

— און איך האָב די גאַנצע צייט געמיינט, אַז איך האָב נאָר איין הונט אין שטוב! — האָט מאַקס איבערגעריסן דעם פאָדים פון אירע מחשבות, צערטלעך אַריינגענומען מאַרסיקן אין זיינע אָרעמס און געגומען שפּרייזן צו דער טיר.

ראָזע האָט אַ ציטער געטון. זי האָט אַרויסגעלאָזט די ציטונג פון אירע הענט און אַ קוק געטון אויף איר מאַן. געוואָלט האָט זי אויסזידלען אים; אויסשרייען אַלע אירע באַליידיקונגען. ווען זי האָט אָבער דערזען זיינע נערוועזע טריט און ביז גאָר פאַרעקשנט פּנים אין איר בייזקייט פאַרשוואונדן און דערפילט האָט זי אַ ווייטיק געמישט מיט שרעק. וויי־געטון האָט איר די אויסערגעוויינלעכע לי־בע וואָס מאַקס האָט אַרויסגעוויזן צום הינטל און געשראָקן האָט זי זיך, אַז זי אַליין האָט שוין זיין ליבע אויף אייביק פאַרלוירן...

— איך אַליין האָב דאָך אים בולט באַוויזן ווי ווייט איך פאַרשטיי פון וואַנען ס׳נעמט זיך זיין ליבע צו מאַרסיקן!

— מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך דאָך פאַרגרעסערט דעם ריס אין אונזער פאַמיליע־לעבן..!

— גיב מיר געלט, וועל איך צופאָרן מיט אים צום דאָק־טאָר! — האָט זי גענומען ציטערן פון נערוועאישקייט.

— מוחל, מוחל! — האָט מאַקס אַ בורטשע געטון אונטערן נאָז און גלייך פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך.

ראָזע איז געבליבן אליין. זי איז געזעסן אַ צענויפגעקאָר־טשעטע אויפן סאָפּקע און געקוקט אויף דער אַלטער ציַיטונג וועל־כע האָט זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד. אין די אויערן האָט איר נאָך געהוזשעט דער ווידער - קול פון מאַקס' זעץ מיטן טיר און די געדאַנקען אין איר מח האָבן געיאָגט איינע די אַנדערע.

— ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אַז ער זאָל אַזוי אין כעס ווערן! — האָט זי זיך גאַרנישט געקענט שענקען.

— און אַלץ צוליבן פאַסקודנעם מאַרסיקן..!

— אַז אויסגעריסן זאָל ער ווערן מיט דוניען צוזאַמען! — האָט זי זיך גאָר קיין אָרט נישט געקענט געפינען און גענומען אַרומלויפן הין און צוריק איבערן צימער.

איר אויג איז געפאַלן אויף די פאַרטריקנטע טראָפּנס־בלוט מיט וועלכע די פאָדלאָגע איז פול געווען און זי איז ווידער גע־בליבן שטיין ווי אַ פאַרגאַפטע:

— ווי אַ מענטש קען זיך עס פאַרלירן!

— וואָס האָב איך געהאַט צום אָרעמען הינטל? — האָבן די מוסקולן אין איר פּנים אַ ציטער געטון; זי האָט זיך דערמאָנט איר אומגעלומפּערטע פאַרביסנקייט און נאַרישע רשעותן.

— אומגליקלעכער מאַרסיק מיינער, וואָס ביזטו געווען שול־דיק? — האָט זי נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די פאַר־טריקנטע בלוט־פלעקן און איר **רחמנות צום** הינטל איז פון מינוט־צו־מינוט גרעסער געוואָרן.

— זאָל זיין, אַז מאַקס האָט אויך אַזוי רחמנות געהאַט אויפן הינטל..?

— אפשר..? ער פאַרמאָגט דאָך טאַקע אַ שטאַרקע ליבע פאַר־

לעבעדיקע באשעפענישן! — כאפט זי זיך אָן אָן געדאַנק מיט איר גאַנצן ווילן.

— אָבער ניין! ס'קען נישט זיין! — האָט זי באַלד חרטה און איר פּנים ווערט גלייך פינסטערער:

זי דערזעט ווי צעשראָקן מאַקס — מיט מאַרסיקן אויף די הענט — איז אַריינגעלאָפן אין שטוב. ווי בלאַס זיין פּנים איז געווען. מיט וואָס פאַר אַ רחמנות ער האָט זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל גלייך לויפן צום דאָקטאָר. מיט וויפל ליבע און צערטלעכקייט ער האָט שפּעטער דאָס הינטל אויפן בעט אוועקגעלייגט, און מיט וואָס פאַר אַ רציחהדיקע אויגן ער האָט זי אָנגעקוקט און איר האַרץ ווערט צעשפּרונגען פון שוואַרץ־וויייטיק.

— ניין. ווען דאָס הינטל דערמאָנט אים נישט דוניען וואָלט זיין רחמנות צו אים אַזוי גרויס נישט געווען!..

— אוודאי נישט! — מורמלט ראָזע אוים שטיל און נעמט בייסן די נעגל פון אירע פינגער. זי זיצט שוין ווידער אַ צענויפגעקאַרטשעטע אויף דער סאָפקע און פאַרטיפט זיך אַליין אין די בייז־טריבע געדאַנקען וואָס די דערינערונגען צעפלעכטן אין איר מוח.

שוין צוויי יאָר, טראַכט ראָזע ווייטער, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַן און אַ נעסט פון פרייד און גליק האָבן זיי ביידע געבויט. ווי אַ שטיל, פּליסיק וואַסער איז זייער לעבן געגאַנגען; די אויפּריכטיקייט האָט זיך פון זיי אויף איין מינוט נישט אָפּגעקערט און די האַרציקע איבערגעגבנהייט האָט זיי אַפילו אויף אַ רגע נישט פאַרלאָזט. ביז דוניע האָט זיך אין זייער שטיל־פייגלשן נעסט אַריינגעריסן און מיט איר העלישע תאוה איבערגעבערענט במעט אַלע פעדים פון ליבע און טרייהייט וואָס האָבן זיך אויסגעוועבט צווישן איר מיט מאַקסן.

— און איך אַליין האָב איר דאָך באַקאַנט מיט מאַקסן!

— און נאָך נישט אויפגעהערט צו לויבן איר וואַרעמע פריינדלעכקייט..!

אַז ווער האָט זיך עס גאָר געקענט ריכטן, אַז זי זאָל פאַרקניפּלען אינטימע באַציונגען מיט איר חברטעס מאַן..?

און ער, מאקס אליין, האט טאקע געשריגן אויף איר, אויף ראזען; זיך שטארק געבייזערט למאי יעדער איינער געווינט איר צוטרוי:

— ניין ראזע, טארסט נישט זיין אזוי נאיוו!

— געדענק, דיין אנטוישונג וועט זיין א שווערע!

— אט דיין אייגענע חברטע, דיין דוניעטשקע אליין, וועט מיך נאך ארויסכאפן פון דיר..! — האט ער מאדנע געשמייכלט.

זי האט אבער נישט געגלויבט. ס'איז איר שווער געווען פארצושטעלן זיך, אז דוניעס אינטערעס צו מאקסן זאל דערגיין ווייטער ווי צו א שוין חתונה געהאטן מענטש און צו איר חבר־טעס מאן.

— זאל זיך דיר דאס נאר נישט דוכטן!

— וואס פאר א געדאנקען ס'פלאדיען זיך דיר אין קאפ..!

— גיי שוין, גיי! — האט זי אפילו נישט געוואלט הערן וואס ער זאגט.

ערשט ווען זי האט באמערקט, אז צו־אפט גייט מאקס אוועק פון שטוב איבערלאזנדיק זי אליין — א זאך וואס האט זייער זעלטן געטראפן זינט זיי האבן חתונה געהאט — און אז פונקט דעמאלט איז אויך דוניע נישטא אין דער היים, האט זי זיי גענומען נאכקוקן. ס'איז שוין אבער געווען צו שפעט; אינגאנצן א פאר טעג איידער דוניע איז אוועקגעפארן צו איר אייגענעם מאן. און אזוי איז זי געבליבן די אפגענארטע, די בארויבטע און די נארישע.

ווען דוניע איז געקומען זעגענען זיך מיט זיי האט זי גע־בראכט מארטיקן. געזאגט האט זי, אז זי גיט עס איר, ראזען, א מתנה. געגעבן האט זי עס אבער מאקסן; זי האט אוועקגעלייגט דאס הינטל אויף זיין קני, צארט א גלעט געטון זיין קודלאטע קעפל און בשעת־מעשה געקוקט אויף מאקסן.

— מאקס, ווי געפעלט אייך מיין הינטל? — האט זי מאדנע א שמייכל געטון.

— איר גיט דאך דאס ראזען נישט מיר!..

— וואָס מאַכט דאָס אויס? — האָט זיך דוניע פאַרלוירן און אויסגעשמעלט אַ פּאָר תּמעוואַטע אויגן.

— ס'מאַכט שוין יאָ אויס, פּאַסקודסטוואָ איינע..! — האָבן זיך די ווערטער געריסן פון ראָזעס האַלדז. זי האָט אָבער פאַר־שטשימעט די ליפּן און געשוויגן, נישט געוואָלט אַרויסווייזן איר גליענדיקן ווייטיק. און ווען דוניע האָט אַראָפּגענומען דאָס הינטל פון מאַקס' קני און אַריינגעלייגט אים אין ראָזעס שויס האָט זי נאָך אַפילו געפּרוווט באַדאַנקען איר:

— זייער אַן אָנגעלייגטע מתּנה!

— איך ווייס אַז דו שאַצט דאָס אָפּ!

— זאָרג זיך נישט, מאַקס איז אויך צופרידן מיט מאַר־סיקן! — האָט זיך ראָזע קוים דערוואַרט די מינוט, אַז זי זאָל זיך שוין אָפּזעגענען און אַוועקגיין.

געמיינט האָט זי, ראָזע אַז מיט דוניעס אַוועקפאָרן ווערט זי פּטור פון אַלע אירע צרות. זי האָט אָבער אַ טעות געהאַט; קיין רואיק לעבן האָט זי שוין מער קיינמאָל נישט געהאַט. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן מאַקס' איבערגעבנהייט צו מאַרסיקן. דאָס הינטל איז געוואָרן איר בייזער שונא, איר שטענדיקער קאָנ־קורענט. און וואָס מער מאַקס האָט זיך געשפּילט מיט אים, אַלץ גרעסער איז געוואָרן איר שנאה צו אים און אַלץ שטאַרקער איר ווילן פּטור צו ווערן פון אים.

— אָדער איך, אָדער ער! — האָט זי נישט איינמאָל גע־טראַכט ווען מאַקס האָט, אַ ביז גאָר צופרידענער, געגלעט און געצערטלט דאָס הינטל. זי האָט זיך אָבער שטענדיק געהיט, אַז קיינער זאָל נישט אויפכאַפּן אירע שווערע מחשבות.

נאָר דער צופאַל, וואָס די מאַשין איז איבערגעפאָרן מאַרסיקן, האָט זי צופיל איבערראַשט. איר פרייד, אויף דער הייסער מינוט, איז אַזוי גרויס געווען, אַז זי האָט פאַרגעסן אָן אַלץ און אַלעמען. דערפאַר טאַקע האָט זי זיך אַזוי איינגעקשנט און נישט געוואָלט פאָרן מיט אים צום דאָקטאָר; בשעת־מעשה האָט זי אַליין נישט

געפילט ווי ווייט זי ווייזט אַרויס איר טיף־באַגראָבענעם פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון איר געפּערלעכן שונא — מאַרסיק...

מאַקס האָט קוים באַוויזן אַריינצוגיין אין שטוב. די אויגן זיינע זענען געווען צעשראָקן און דאָס פּנים, — ווילד פאַרצאָרנט און קליין, אומבאַהאָלפן.

— אוי, וואָס איז געשען? — איז ראָזע געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלוירענע.

— מאַרסיק, מאַרסיק איז געשטאָרבן..! — האָט ער זיך אוועקגעזעצט, איינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אויף איינעם פון די דערבייאיקע שטולן.

— באַרואיק זיך טייערער, אַ שאָד דיין געזונט! — האָט זיך ראָזע געבעטן ביי אים.

— אָ, וואָס רעדסטו? סמ׳געדאַרפט זען ווי ער האָט זיך גע־מוטשעט פאַרן טויט...

— אָבער ס׳איז דאָך שוין פאַרפאַלן.

— זיינע אויגן האָבן זיך אויסגעבערגלט און ס׳איז אין זיי געלעגן אַזוי פיל געבעט, אַזוי פיל רחמים...

— פאַרגעס אָן דעם, מאַקסעלע...

— דער צער איז דאָך אַזוי גרויס, אַזוי גרויס... — האָט מאַקס אָפּגעווישט אַ פּאָר טרערן פון זיין רעכט אויג.

— ער וויינט!... — האָט ראָזע דערפילט אַ וויטיק אין האַרצן. באַלד האָט אָבער אַ פריידיקער יובל אויפגעשאַלט אין איר:

— מילא, אָבי פּטור געוואָרן! — האָט זי געטראַכט און גע־נומען באַרואיקן איר מאַקסן:

— שאַ טייערינקער! שאַ קעצעלע! — האָט זי נישט אויפגע־הערט צו טרייסטן אים און געגלעט מיט איר צאַרטע האַנט זיין פאַרוויינט פּנים.

ער איז רואיקער געוואָרן. פאַרוואָרפן זיין מידן קאָפּ אויף איר האַרץ און שווער געאָטעמט. געזוכט איינצושטילן זיך אַליין. אָבער פּלוצלינג — טאַקע גאָר אומדערוואַרטעט — האָט ער זיך,

ווי אין ווילד משוגעת, פון אונטער איר האנט א ריס־געטון, שארף אריינגעקוקט איר אין פנים און אין זיינע אויגן האט זיך א פייער־דיקער האס צעצונדן:

— דו ביזט שולדיק! — האט ער אויסגעקריצט מיט די ציינער.

— מאקס...!

— יאָ. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז גלייך נאָכן אומגליק וואָלט מען אים נאָך געקענט אָפּראַטעווען.

— אָבער... — האָט ראָזע נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו זאָגן. זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן; געפילט נאָר, אַז עפּעס אין איר האָט זיך צעשטורעמט, צעבושעוועט און מאַקס ברענענ־דיקע אויגן האָבן איר, אַזוי אויך באַליידיקטע נשמה, נאָך מער צערייצט.

— נו, אַזוי האָב איך געוואָלט! — האָט זי געזאָגט טראָציק: בכיוון כדי אַ בים צו טון אים.

— אַזוי גאָר? העי! — האָט ער שפּאָטיש איבערגעפּרעגט און זיינע אויגן זענען נאָך ווילדער געוואָרן.

— אוודאי אַזוי.

— מרשעת איינע!

— נו, בין איך אַ מרשעת, איז וואָס ווילסטו? — האָט זי שוין הנאה געהאַט פון זיין ווייטיק.

— וועסט שוין זען...!

— זע וואָס ביזטו אַזוי אין כעס? וועסט שוין דוניען אַזוי אויך נישט פאַרגעסן! נישקשה, ס'איז אָן געפאַר! — איז איר שוין שווער געווען איינצוהאַלטן אַלץ אין זיך.

— אוודאי. אוודאי וועל איך זי נישט פאַרגעסן! — האָט ער אויסגעשריגן מיט רציחה, גענומען שפּאַנען איבערן צימער און, ווי אַ ווילד פאַרוווּנדעטע חיה, נישט אויפגעהערט צו ברומען:

— אוודאי וועל איך דוניען נישט פאַרגעסן! אוודאי נישט...!

דער בלוטן ־ געלויף פון ראָזעס קערפּער האָט איר אַ זעץ גע־טון אין פנים. שווערע טראָפּנס שווייס האָבן זיך אויסגעשלאָגן אויף איר לייב; זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען.

— אַזוי גאָר, אַזוי גאָר? — האָט זי קוים אויסגעמורמלט און אין קאָפּ איז איר מיטאַמאָל ענג געוואָרן. דער געדאַנק, אַז מאַקס ווייסט שוין פון איר ווייטיק האָט איר ווי מיט נאָדלען גע־שטאָכן. און טיף, טיף אין די פאַרבאַהעלטענישן פון איר פרויען־נשמה האָט איר שוין שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי מיט מאַרסיקן האָט דאָס אומגליק געטראָפן.

א ב י ג ו ן

א ניגון

אין קאָרידאָר פלעגן מיר זיך שטענדיק טרעפן. מיר האָבן בײדע געװוינט אײנע אנטקעגן די אַנדערע: איך אַלײן, אין אַ קלײן ענג צימערל; זי אַלײן, אין אַ קלײן ענג צימערל.

איך, אַ זון פון אַ רב און זי — די טאָכטער פון אַ פאַנאַטיש־קאַטױלישער פאַמיליע אין שפּאַניע האָבן זיך געפונען אין דער זעלבער לאַגע: אין גלות, איך — אַן אַנטלאָפענער פון פױלן; זי — אַ פאַריאַגטע פון שפּאַניע.

אין מינוטן װען איך פלעג מײַן אַלײנקײט צו שטאַרק דערפילן, דעם צער פון עלנטן און פאַרװאָגלטן דערשפירן, פלעג איך, פאַר זיך אַ שטיל־פאַרבענקטן אַלטן ײדישן ניגון אונטערמורמלען. אײנעם פון יענע ניגונים װעלכע איך האָב אין מײַן פריסטער קינדהײט בײַ מײַן טאַטן אין שטוב אײַנגעזאַפּט און שפּעטער פון די ישיבות געשעפּט...

איך האָב געװוּסט אַז דװקא אָט די ניגונים װאָס זענען פון פײַנלעכן צער און שטילער האָפענונג געװעבט, געפעלן זײער שטאַרק די טאָכטער פון דער פאַנאַטיש־קאַטױלישער פאַמיליע אין שפּאַניע. און אפשר טאַקע דערפאַר האָב איך זײ, נאָך מיט מער האַרץ און געפיל, געזונגען.

— „אוסטעד עס איטאַליאַנאַ?״ (איר זײַט אַן איטאַליענער?) — האָט זי מיך אַמאָל געפרעגט.

— נײן. פאַרװאָס מײנט איר עפּעס אַזױ?

װײַל אײַערע ניגונים זענען אַזױ טרױמעריש, פול מיט שטילער ראָמאַנטישער בענקשאַפט װי די נאַכטיקע בלױע הימלען פון איטאַליע.

— ניין. איך בין נישט קיין איטאַליענער. איך בין אַ „כודיאָ‟ (ייד).

— כודיאָ???

— סי, סעניאָריטאַ (יאָ, פריילין), — האָב איך געזאָגט און באַלד צוגעגעבן: — און וואָס ווידער וונדערט איר זיך אַזוי?

— איך?.. איך וונדער זיך כּלל נישט. איך בין נאָר איבער־ראַשט פון דעם וואָס איך האָב געטראָפן אַזאַ ייד.

— דע ווערדאַס? (באמת?) פאַרוואָס?

— ווייל צוליב אַ ייד האָב איך צום ערשטן מאָל מיין טאַטנס שטוב פאַרלאָזן.

— ? ? ?

— איך האָב אַמאָל מיין פרומען קאַטוילישן טאַטן געזאָגט, אַז דער גאַנג פון דער געשיכטע וועט נאָך צווינגען שפּאַניע צו באַצאָלן פאַר דעם אומזיסט - פאַרגאָסענעם יידישן בלוט — האָט ער מיך דערפאַר פון הויז פאַרטריבן...

— טאַקע..?

— יאָ. און שפּעטער ווען מ'האָט אויסגעפונען וועגן מיין טעטיקייט אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג פון שפּאַניע, האָב איך געמוזט מיין געבורטס־לאַנד פאַרלאָזן...

— און ס'טוט איך נישט באַנג? — האָב איך זי אין פאַר־וונדערונג געפרעגט.

— באַנג??? כאַ־כאַ־כאַ... — האָט זיך איר געדיכט מיידלש געלעכטער צעקלונגען...— באַנג?!... פאַרוואָס זאָל מיר באַנג טון?..

— איך ווייס אַליין נישט. עפּעס דערציילט איר וועגן דעם מיט אַזאַ טיפן צער...

— צער?... — איז זי אינגאַנצן אָן אַנגעצונדענע געוואָרן — און וועגן אייערע יידעס די פאַרברענטע אויפן אויטאָ־דע־פע, דערציילט איר נישט מיט קיין צער?!...

— אודאי.

— און פונדעסטוועגן — איז זי נאָך מער אין עקסטאַז אַריין — זענט איר אויך צופרידן פון דעם... אייער נשמה ווערט

געווים פון באגייסטערונג צעפלאקערט ווען איר דערמאנט יענע קדושים.

— אודאי.

— אט דאס איז עס, פריינט מיינער — האט זי געזאגט און באלד צוגעגעבן אין טיפער פארטראכטקייט — ס'איז צער און פרייד צוזאמען: פרייד וואס שעפט איר יניקה פון צער; דערפאר איז זי שטארקער, מעכטיקער...

מיר זענען בײדע אנטשוויגן געווארן. טיף פארטראכט זיך. פון זיך אליין האב איך אן אלטן יידישן ניגון אנגעהויבן אונטער־ברומען. אנגעהויבן האב איך שטיל, פון מינוט צו מינוט איז אבער מיין קול אלץ העכער געווארן, העכער און לויטערער. מיין יידיש הארץ האט פון מיר ארויסגעזונגען...

ווען איך בין שטיל געווארן האב איך איר קול דערהערט:

— איר ווייסט — האט זי צו מיר געזאגט — אייגנטלעך ליגט דאך אין אייערע יידישע ניגונים באהאלטן די גאנצע נשמה־דיקע פרייד פון א מיט בלוט־און לעבן־דורכגעקעמפטע אידייע...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

א זייער שווערן טאג האב איך דאן געהאט. שעהן גאנצע האב איך איבער די האוואנער גאסן געוואנדערט, געבלאנדזשעט.

דער קאפ איז מיר טעמפ געווארן פון די אן־סדרדיקע מחש־בות וואס האבן זיך מיר א גאנצן טאג געפלאנטערט אין מח און אין הארצן האט זיך א ווילדער שטורעם צעבושעוועט. איך האב זיך געשראקן ארייננצוגיין אין מיין עלנט צימערל און דערפאר אין איר טיר אנגעקלאפט.

— „מירא" (זע נאר), וואס איז מיט דיר געשען? — האט זי אין פארווונדערטער שרעק געפרעגט ווען זי האט דערזען מיין צעפודלטן קאפ האר און ווילד־צעזייטע אויגן...

— גארנישט.

— וואס הייסט?...

— אזוי איז דאס.

— פונדעסטוועגן?... זע ווי דו קוקסט אויס... — האָט זי זיך בײַ מיר געבעטן.

איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט. און שטיל, זייער שטיל, אָנגעהויבן צו זינגען.

— נו?... — האָט זי געמאָנט מיט די אויגן מער ווי מיטן מויל.

— נו־נו־נו... — האָט זיך מײַן ניגון נאָך הארציקער צע־קלונגען.

איך ווייס נישט ווי לאַנג זי האָט זיך בײַ מיר געבעטן איך זאָל איר דערציילן וואָס מיט מיר איז געשען, ביז איך האָב איר געענטפערט:

— וואָס מיר איז, ווייס איך אַליין נישט, אָבער אַז דו קאָנסט מיר העלפן, ווייס איך יאָ.

— „דע ווערא?" (טאַקע?) — איז זי געוואָרן נײַגעריק.

— „סי טערעסיטא" (יאָ, טערעסינקע), העלפן קאָנסטו מיר, דאַרפסט נאָר וועלן...

— איך וויל, איך וויל! — האָט זי זיך געבעטן, ווי אַ קינד.

— געדענק! וועסט נאָך חרטה האָבן, טערעסינקע — האָב איך זי געוואָרנט.

— ניין, ניין, ניין! איך וועל נישט חרטה האָבן. ניין, ניין, ניין! זאָג מיר נאָר ווי אַזוי...

איך בין אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. אײַנגעגעסן מײַן עלנטן קוק אין איר ליב פּנים און אָנגעהויבן:

— איך וויל זיך לייגן אין דײַן אַזוי ריינעם בעט. דו זאָלסט זיך זעצן בײַ מײַן צוקאָפּנס, פּלעכטן מיט דײַנע צאַרטע פינגער מײַן קודלאַטן קאָפּ האָר, גלעטן מיר ס'פּנים און צאַרט, ווי נאָר דו אַליין קאָנסט, זינגען אַ פאַרבענקטן ניגון... איך וועל אײַנשלאָפן און ס'וועט מיר גרינגער ווערן.

— סי? (יאָ?) ס'וועט דיר גרינגער ווערן? — האָט זי אויס־גערופן מיט נישט ווייניק פאַרוווּנדערונג.

— סי, סי, סי — האָב איך אויסגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון, און זיך דערפילט נאָך אומעטיקער ווי פריער.

זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר, גענומען קעמען מיט אירע פינגער מײַנע האָר, געקוקט מיר אין די אויגן מיט מוטער־לעכן ווייטיק און געזאָגט: — אַמאָל זעסטו אויס ווי אַ גאַר, גאַר גרויסער מענטש. וועלטן גאַנצע קאָנסטו, דוכט זיך, דאַמאָלט אײַ־בערקערן, און אַמאָל ווידער, ווערסטו קליין און אומבאַהאָלפן, ווי אַ פּיצל קינד... ,,פּאָברעסיטאָ דע מי אַלמאַ׳׳ (אָרעמינקער פון מײַן נשמה)...

מײַן קאָפּ איז שווין אין איר שויס געלעגן. איר האַנט האָט זיך לאַנגזאַם געצויגן איבער מײַן פּנים. פּלוצלינג האָט זי מיט איר מיטלסטן פינגער מײַן אונטערשטע ליפּ אָפּגעבויגן און ווייך גע־פרעגט:

— ווילסט אַ קוש?

איך האָב זי אָנגעקוקט נײַגעריק און צעשראָקן.

— ווילסט?... — האָט זי נאָך ליבלעכער געפרעגט.

— אומהו...

— יאָ? דו ווילסט?... אָבער איך וויל נישט... — האָט זי אײַנגעאָנצן אַ צעשמייכלטע אײַנגעפּרעסט מײַן קאָפּ צווישן אירע הענט.

איך האָב זיך פאַרשעמט, באַהאַלטן פון איר מײַנע אויגן און געמאַכט זיך ברוגז.

— קום, קום אָרעמינקער — האָט זי ווידער אָנגעהויבן — זײַ נישט בייז... קום, קום אָרעמינקער — האָט זי צערטלעך אײַ־בערגעחזרט און אויסגלייכנדיק מײַן קאָפּ האָט זי זיך עטוואָס אײַנ־געבויגן און אונזערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן...

זי — אַ טאָכטער פון אַ פאַנאַטיש־קאַטוילישער פאַמיליע אין שפּאַניע, אפשר נאָך אַן אור־אור־אייניקל פון גרוים־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ, און איך — אַ זון פון אַ יידישן רב, וואָס ציט זײַן יחוס אפשר פון דן יצחק אברבנאל — האָבן זיך אַזוי האַרציק צעקושט, שטום פאַרשטאַנען און אידיליש צוזאַמענגעלעבט זיך...

און אָנגעהויבן האָט זיך עס דווקא פון אַ ניגון. פון אַן אַלטן יידישן ניגון...

צלמימלעך

צלמימלעך

צוויי זענען זיי. צוויי אינטימע און איבערגעגעבענע חברטעס. זיי האָבן זיך נאָך קיינמאָל נישט איבערגעווערטלט, שטענדיק צוזאַמען געווען, און נישט אָפּגעטרעטן איינע פון די אַנדערע אפילו אויף איין מינוט.

די באַקאַנטע זייערע האָבן זייער אָפט געשמועסט וועגן דער איבערגעגעבענער ליבע צווישן די צוויי חברטעס, גענייע און ליובע. אָפּטמאָל, ווען אימיצער פון זיי האָט געדאַרפט זען גענייען, פלעגט ער זיך נאָכפרעגן: „וואו קאָן מען טרעפן ליובען?״ און אַז ער האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט ליובען, איז זיין פראַגע געווען: „וו קאָן מען געפונען גענייען?״. ס׳איז שוין געווען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע און גאַנץ זיכערע זאַך, אַז קוים וועט מען נאָר געפינען איינע פון זיי, וועט שוין די אַנדערע אויך זיין. חברה האָט דאָס גוט געוווסט, און נישט איין וויץ האָבן זיי געשאַפן אויף דעם חשבון.

— גענייע, וו איז דיין צווייטע העלפט?

— ליובע, וו האָסטו איבערגעלאָזן דיין נשמה?

— וואָס מאַכט דער „סיאַמער צווילינג״? — האָבן די חברים גאָרנישט אויפגעהערט צו קיבעצן די צוויי אינטימע חברטעס.

אַמאָל האָט זיי זייערער אַ באַקאַנטער, אַ שטיקל לץ, געטראָפן אין גאַס. און נאָכדעם ווי ער האָט זיי פריינטלעך באַגריסט, האָט ער אַ פרעג געטון:

— היי, מוידן, וו איז די שטריק?

די מיידלעך האָבן אים אָנגעקוקט.

— די שטריק, די שטריק וו איז? — האָט ער איבערגעחזרט נאָך מיט מער ערנסט ווי פריער.

די חברטעס האָבן אַ וואָרף געטון זייערע אויגן איינע אויף די אַנדערע; זיך גוט אַרומגעקוקט פון אַרום און אַרום און זענען געבליבן שטיין מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן.

— נו, די שטריק, מיט וועלכע איר האָט זיך ביידע צוזאַמענ־געבונדן. — האָט ער געענטפערט מיטן זעלבן ערנסטן קול.

— אָ! — האָבן ביידע מיידלעך אויסגעשריען אין איין קול און לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיי זענען אַרויפגעפאַלן איינע דער אַנ־דערער אויפן האַלז און האַרציק צעלאַכט זיך, טאַקע אַזוי האַרציק ווי נאָר קינדער קענען.

און נאָכדעם, ווי דער באַקאַנטער איז שוין אַוועק, האָט ליובע ליבלעך אַריינגעקוקט אין איר חברטעס אויגן און געזאָגט:

— נאַרישע מענטשן, זיי מיינען, אַז פריינטשאַפט ווערט מיט שטריק געפלאָכטן!

— מאַלע, וואָס מענטשן מיינען! — האָט גענִיע געענטפערט און פעסטער צוזאַמענגעפרעסט ליובעס פינגער וועלכע זי האָט די גאַנצע צייט פון איר האַנט נישט אַרויסגעלאָזט.

חברטעס זענען זיי שוין נישט פון היינט. זיי געדענקען אַליין נישט גענוי, ווען און ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַגעגנט. אַלנפאַלס, איז שוין אָבער אַ לאַנגע צייט אין דעם. ס'איז שוין באַלד אַכט יאָר ווי זיי לערנען זיך צוזאַמען, און פאַר דער גאַנצער צייט זענען זיי איינע נעבן דער אַנדערער אויפן זעלבן שול־בענקל געזעסן.

די פעיִקערע פון זיי איז גענִיע און די רייכערע — ליובע.

ליובע האָט זיך נאָך אָבער קיינמאָל נישט איבערגענומען מיט איר רייכקייט, און גענִיען איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו גרויסן זיך מיט אירע פעיִקייטן.

דער לערער זייערער ווייס, אַז אויב איינע פון זיי האָט נישט צוגעגרייט די לעקציעס, האָט ער שוין די צווייטע אויך נישט וואָס צו פרעגן. ווייל געלערנט האָבן זיי ביידע צוזאַמען, און אויב זיי זענען מיט עפּעס געווען פאַרנומען, זענען זיי אויך געווען צוזאַ־מען.

און אמאָל, ווען דער לערער געפינט זיך אין אַ גוטע שטימונג, גיט ער אַ פרעג:

— געניע, ליובע האָט צוגעגרייט אירע לעקציעס?

— ניין. כ'האָב קיין צייט נישט געהאַט, — ענטפערט געניע און לאָזט אַראָפּ אירע גרויסע, שמייכלענדיקע אויגן.

די תּלמידים פון קלאַס צעלאַכן זיך פונם לערערס איינפאַל. און זיי, געניע מיט ליובען, קוקן זיך איבער בגנבה ווי צוויי נאַאיווע, אומשולדיקע פאַרליבטע, און שווייגן.

ערשט שפּעטער, ווען זיי קומען אַהיים, טיילן זיי זיך מיט זייערע איינדרוקן פון שול און פון גאַס. אין דער היים פילן זיי זיך אַ סך פרייער אין זייערע האַנדלונגען. ביי זיך אין שטוב קאָנען זיי דאָך טון וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט.

טרעפט טאַקע אַמאָל, אַז ליובע פאַלט פלוצלינג אַריין אין באַגייסטערונג, כאַפּט אַרום געניען, דריקט איר צו פעסט צו זיך און שרייט אויס:

— „אוי געניע, געניע, אוי טייערע, טייערע!"

— וואָס ווילסטו, משוגענע? — פרעגט געניע מיט אַ געמאַכטער בייזקייט, און זוכט אַרויסצורייסן זיך פון איר חברטעס געזונטע אָרעמס.

— אָ, ס'איז דאָך אַזוי גוט צו זיין אַמאָל משוגע! — דריקט איר ליובע צו נאָך שטאַרקער און פאַרשטשירעט אַזש די ציינער פון אויפגערעגטקייט.

— גיי שוין, גיי! — רייסט זיך געניע קוים אַרויס פון איר חברטעס הענט, און אַ פריידיקער שמייכל פאַרשפּרייט זיך אויף איר ביז גאָר צערויטלט פּנים.

— דו הייבסט אפילו נישט אָן צו פאַרשטיין מיך!...

— וואָס?!

— גאָרנישט! — מורמלט אויס ליובע אַ צעקלעמטע און בלייבט שטיין אינמיטן צימער, ווי אַ פאַרלוירענע.

— אויב אַזוי ביסטו דאָך טאַקע משוגע! — פּרוווט געניע פאַריאָגן איר חברטעס פּלוצלינגדיקן אומעט און פילט אַליין נישט ווי איר אייגענער עלנט וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

אין צימער ווערט שטיל. ביידע, סיי גניע און סיי ליובע זיצן מיט אראפגעלאזענע נעזער און שווייגן. זיי גיאנטשען זיך מיט זייער שטילן צער. גניען פארדריסט אויף איר גאנצן אויפטו: ווען נישט זי, וואלט ליובע אזוי אומעטיק נישט געווארן. און זי, ליובע, קאן זיך נישט העלפן: שוועבט זי נישט אין די העכסטע הימלען פון גליק, מוז זי זינקען אין די פינסטערע תהומען פון אומגליק. פרייד אדער צער, עפעס מוז זי אבער פילן...

גניען האט זיך אפגעריסן אין הארצן: וואס הייסט, ליובע פארט אוועק קיין פאריז, פארטצוזעצן איר שטודיום? און זי גע־ניע, וואס וועט זי טון?... מיט וועמען וועט זי דא בלייבן אין אזא פינסטער שטעטל? און ווו וועט זי זיך אהינטון אן איר אינטימ־סטע חברטע?

— מ'קאן דאך פשוט משוגע ווערן! — האט זי זיך גאר קיין ארט נישט געקאנט געפינען.

דאס פנים אירס האט זיך אויסגעצויגן, א היפש ביסל לענגער געווארן און אירע שטענדיק רויקע אויגן האבן זיך אויפגעהערט צו באוועגן. זיי זענען ווי פארגלעזערט געווארן. שעהן נאכאנאנד האט זי געקאנט אפזיצן אויף דער סאפקע, נישט אראפנעמען איר קוק פון דעם אנטקעגנגדיקן פענסטער און האלטן אין איין בייסן די נעגל פון אירע פינגער.

— אז ווער האט זיך עס געקאנט ריכטן אויף אזא אומגליק?

— איז איר שווער געווען צו באפרייען זיך פון די בייז־מאטערנדע געפילן אירע.

— וואס ביזטו לעצטנס אזוי צעטראגן? — איז ליובע אמאל צו איר צוגעשטאנען.

— גארנישט, גארנישט!... — האט זי זיך געוואלט ארויס־דרייען און אנגעשטרענגט זיך ארויפצוציען א פריילעכערע מינע אויפן פנים.

ס'איז איר אבער נישט געלונגען. ליובע האט דערפילט, אז גניע פרייט זיך נישט מיט איר גליק, וואס זי פארט קיין פאריז. און פארשטאנען האט זי, אז ביי איר חברטע אין הארצן האט זיך

אַנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ ווערימל פון אייפערזוכט צו איר.

ליובע האָט איר אָבער נישט באַשולדיקט, אפילו נישט ביז געוואָרן אויף איר. פאַרקערט, טיילוויז האָט זי מיטגעפילט געניען אין איר פאַרביטערונג צו איר שווערער לאַגע, וועלכע לאָזט איר נישט פאָרן שטודירן אין אויסלאַנד, פונקט ווי זי, ליובע, טוט. און פאַרדראָסן האָט איר, הלמאי געניע קאָן נישט געניסן פונם זעלבן גליק.

— זאָרג זיך נישט, געניע! — האָט זי זיך ביי איר געבעטן.

— איך זאָרג זיך כלל נישט...

— נאָר וואָס דען?

— כ'וויים אַליין נישט, — האָט געניע נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. נאָר באַלד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון: — און דיך אַרט גאָרנישט, וואָס דו פאָרסט אַוועק פון מיר?...

— אָ, וואָס רעדסטו געניע?? הלואי קאָן איך דיך מיטנעמען, וואָלט כאָטשבי מיין האַרץ גאַנץ געוועזן — האָט ליובע געענטפערט אַ ביז גאָר אומעטיקע. און אין אַ מינוט אַרום איז זי פּלוצלינג לע־בעדיקער געוואָרן און אויסגעשריען: — שאַ, ווייסט וואָס? כ'על זען, זייענדיק דאָרטן. מעגלעך, אַז פאַר דעם געלט, וואָס דער טאַ־טע מיינער וועט מיר שיקן, וועלן מיר זיך ביידע קאָנען דורכלעבן. איך וועל דיר שרייבן און דו וועסט קומען. דו וועסט דאָך קומען?... ערנוואָרט. אַזוי וועט דאָס זיין! דו וועסט זען — האָט ליובע אַריינגעכאַפּט די חברטע אין אירע אָרעמס און אַליין נישט געפילט, ווי שטאַרק זי דריקט איר צו.

געניע איז נישט פריילעכער געוואָרן. זי האָט נאָר קרענקלעך אַ שמייכל געטון פון ליובעס ווילדן איינפאַל, דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין האַרצן און איז געבליבן אַזוי ערנסט ווי פריער.

— געניע!!! — האָט איר ליובע אָנגעהויבן צו טרייסלען.

— ? ? ?

— געניע, מאַך זיך נישט קינדעריש!

— איך מאַך זיך נישט.

— געניעטשקע, וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, קינדערלע מיינס?

— איז ליובען געגאַנגען אין לעבן אַרויסצורופן בײַ איר חברטע אַ געלעכטער. ס'איז איר אָבער נישט געלונגען.

— קאָנסט דאָך נישט זאָגן, אַז ס'איז מיר גוט!... — האָט געניע גענומען אַרומווישן דעם שווייס וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים.

— זיכער נישט. אודאי קאָן איך נישט זאָגן, אַז דיר איז גוט — האָט ליובע געענטפערט און באַלד צוגעגעבן: אָבער פונדעסט־וועגן האָסטו אויך נישט קיין שום אורזאַך דו זאָלסט זיך דאַרפן פילן אַזוי שלעכט.

— אָ, וואָס רעדסטו, ליובע? וואָס רעדסטו? זאָג אַליין, וואָס בלײַבט מיר איבער צו טון?

— וואָס הייסט, וואָס בלײַבט דיר איבער צו טון? און וואָס וואָלסטו געטון, ווען איך פאָר נישט אַוועק?...

— איך ווייס?... — האָט געניע קוים אַרויסגערעדט און איז נאָך אומעטיקער געוואָרן. — אָרעם איז טאַקע אָרעם — האָט זי ווי נישט־ווילנדיק אַרויסגערעדט און טרערן האָבן זיך אין אירע אויגן באַוויזן.

זי האָט געכאַפּט אויף דער גיך איר מאַנטל און גענומען אַוועק־גיין פון הויז. זי האָט איצטער געוואָלט זײַן אַליין. איינינקע אַליין. ליובע האָט איר אָבער פאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט זי אַוועקגע־זעצט נעבן זיך, אויף דער סאָפע, אַריבערגעגלעט די האַנט איבער איר האָלז, געגלעט איר די באַק, געווישט אירע טרערן און דערבײַ שטיל צוגעזונגען אַ האַרציקן ניגון פון אַ באַקאַנט רוסיש פאָלקס־לידל.

שפּעטער, נאָכדעם ווי ליובע איז שוין געווען אַ לענגערע צייט אין פּאַריז, האָט געניע כמעט ווי פאַרגעסן דעם שטילן בייסיקן צער וואָס זי האָט געפילט די ערשטע פּאָר וואָכן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן איר חברטעס אָפּפאָרן. און אַז זי האָט זיך דאָס אַמאָל יאָ דערמאָנט, איז עס פאַר איר געווען אַ זייער אומאָנגענעמע דעראינערונג.

— פּע, פּע! — פלעגט זי אַ מאַך טון מיט דער האַנט אין דער

לופטן פונקט ווי זי וואָלט וועלן פּאָרטרייבן פון זיך דאָס ביטערע געפיל, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין איר ווי אַ זלידנע פליג און געצופּט ביי דער נשמה.

— נישט פאַרגינען אַן אייגענע חברטע ס'שטיקעלע גליק! — האָט זי זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי אַזוי זי האָט דאָס געטון.

און אירע בריוו צו ליובען אין פאַריז זענען שוין געווען פול מיט ליבע און אויפריכטיקע איבערגעבנהייט. זי האָט איר דערמו־טיקט, געשטאַרקט און געוואָרנט, אַז זי זאָל זיך איננאַנצן איבער־געבן צו די לימודים און שאַפן זיך אַ קאַריערע אין לעבן.

— „קווי נאָן פּראָופּיקעט, דייפיקעט!" (דער וואָס פּראָגרע־סירט נישט, רעגרעסירט!) — האָט זי איר אין יעדן בריוו, אויף אַן אַנדער אופן, דערמאָנט דאָס לאַטייניש שפּריכוואָרט וואָס זיי האָבן נאָך אין גימנאַזיע געלערנט.

ליובע האָט אָבער ביטולדיק געשמייכלט פון גענייעס „מאַראַ־לע" בריוו. און דאָס לערנען זיך האָט זי אויך נישט גענומען ערנסט.

איידער זי איז נאָך אַרויסגעפאָרן פון דער היים האָט זי שוין געהאַט געחלומט וועגן שיינע פּרינצן און רייכע יונגעלייט וואָס וועלן איר דאָרטן, אין פאַריז, פאַלן צו די פיס און בעטן איר ליבע. און זי, ליובע, וועט זיי אַלעמען אַנטזאָגן. קוקן אויף זייערע ביז גאָר פאַרצווייפלטע פּנימער, האָפענונגסלאָזע אויגן און אַנקוועלן פון נחת... און אויב קיין פּרינצן זענען נאָך נישט געקומען בעטן איר ליבע, האָט זי אָבער אין פאַריז געפונען אַ היפּש קרייזל פון „אייביקע" סטודענטן, וועלכע האָבן זיך גענומען שאַרן אַרום איר נישט־אָרעמער קעשענע... און צוזאַמען מיט זיי האָט זי זיך גענו־מען אַרומשלעפּן איבער די קינסטלער־קאַפעען און ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס.

ווען־נישט־ווען, אויב אימיצער פון דער חברה האָט נאָר גע־האַט אַן איבעריקן גראָשן, פלעגן זיי קויפן אַ פילם, אַרויספאָרן אין אַ שענערן געגנט, הינטערן שטאָט, און זיך פאָטאָגראַפירן:

— מ'דאַרף דאָך וווינען אין דער היים, אַז מען געפינט זיך אין פּאַריז און מען לעבט אַ טאָג!

און איינמאָל, ווען ליובע האָט באַטראַכט די שוין פון פריער גענומענע פאָטאָגראַפיעס, איז איר אַ זעלטענע המצאה איינגעפאַלן:

זי האָט אויסגעקליבן די שענסטע פאָטאָגראַפיע, געמאַכט אַ צלמל איבערן קאָפּ פון בחור וועלכער איז נעבן איר געשטאַנען, בייגעלייגט עס אין בריוו צו געניען און איר געשריבן:

„אָט דער סטודענט וואָס שטייט נעבן מיר, מיטן צלמל איבערן קאָפּ, איז שרעקלעך פאַרליבט אין מיר. ער טרעט ממש פון מיר נישט אָפּ. ער גייט אויס נאָך מיינע טריט און וואַרנט מיך, אַז אויב ער וועט נישט געווינען מיין ליבע, איז זיין איינציקער אויסוועג — זעלבסטמאָרד.

— אוז איך?

— איך קאָן אים נישט אָנקוקן. ער האָט מיר שוין אַזוי דערעסן, אַז ס'עקלט מיך פון אים. נאָר איך ווייס פשוט נישט ווי אַזוי אָפּצוטשעפּען זיך פון אים. אפשר קאָנסטו מיר געבן אַן עצה, טייערע געניעטשקע מיינע...

ווען זי האָט דערהאַלטן געניעס ענטפער און דערפילט ווי ווייט איר חברטע איז אויפגערעגט פון דער געשעעניש, וואָס זי האָט שוין אַ געליבטן — און נאָך אַזאַ אינטערעסאַנטן דערצו — איז זי נאָך מער באַגייסטערט געוואָרן:

— אויב אַזוי, איז זי דאָך טאַקע נישט געפאָרן אומזיסט קיין אויסלאַנד!

און קיין פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן אין פּאַריז נישט געפעלט. און מיט וועמען צו פאָטאָגראַפירן זיך — אויך נישט. האָט זי טאַקע פון דאַמאָלט אָן, אין יעדן בריוו צו געניען, בייגעלייגט אַ פאָטאָגראַפיע. און אויף יעדער פאָטאָגראַפיע, איבער אימיצנס קאָפּ, געמאַכט אַ צלמל. דאָס צלמל האָט געמיינט, אַז דער, וואָס געפינט זיך אונטער זיין שוץ, איז אין געפאַר געריכט צו ווערן פון די געדאַנקען, ווייל זי, ליובע, האָט אים נישט ליב.

די צלמימלעך האָבן ווידער אויפגעוועקט אין געניען איר

אמאָליקן קנאה־געפיל צו איר חברטע. יעדעס נייע צלמל האָט איר אין א געדריקטער שטימונג אריינגעבראַכט און א שווערן פּאַרדרוס פאַרשאַפט. — א פּאַרדרוס פון וועלכן זי האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט באַפרייען און וועלכער איז מיט יעדן נייעם צלמל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן.

זיצט זיך גענִיע אַן איינגעטוליעטע, אין ווינקל אויף דער סאָפקע און האַלט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס אין האַנט. זי האָט היינט ווידער דערהאַלטן פון ליובען א בילד מיט א צלמל איבער א קאָפּ. און דער „פאַרליבטער'' פון אונטערן היינטיקן צלמל איז שוין נישט קיין פּראָסטער סטודענט, נאָר אַן „אמתער דאָקטאָר''.

— ליובע אין פּאַריז האָט אַזוי פיל און איך קאָן איר אפילו וועגן איין ליבע נישט שרייבן!... — טראַכט גענִיע, און ברעכט שיר נישט אויס אין א געוויין פאַר צער און זעלבסט־באַליידיקונג

איר פאַרדרוס וואַקסט פון מינוט צו מינוט. און א נייגעריקייט צו באַטראַכטן אַלע סטודענטן, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן וועלכע האָבן זיך פאַרליבט אין ליובען, נעמט איר אַרום. זי זוכט דערפאַר אויס אַלע פאָטאָגראַפיעס **מיט די צלמימלעך און בלעטערט** זי איינס נאָך איינס. און וואָס לענגער זי גריבלט זיך אין זיי אַלץ שטאַרקער קלעמט איר דאָס האַרץ.

פּלוצלינג גיט זי א ציטער און שפּרינגט אויף פון אָרט: א געדאַנק האָט א פינקל־געטון אין איר מח:

זי גייט אַריין צו זיך אין צימער. נעמט אַרויס פון איר מיידלשען „אַרכיוו־קעסטעלע'' די פאָטאָגראַפיע וואָס זי האָט לעצטן שבת גענומען מיט א גרופּע יונגלעך און מיידלעך, און איבערן קאָפּ פון א יונגל וועלכער איז צופעליק נעבן איר געשטאַנען, מאַכט זי א צלמל.

זי איז ביז גאָר אויפגערעגט. פריידיקע טרערן גלאַנצן אין אירע אויגן. איר באַגייסטערונג איז אַזוי גרויס, אַז זי קאָן קוים איינזיצן אויף אַן אָרט די עטלעכע מינוט וואָס זי שרייבט דעם בריוו צו ליובען. אַז ליובע וועט איר גלויבן אין איר אויפריכטיקייט איז ביי איר גאָר קיין ספק נישט. געוויס וועט ליובע נישט

צווייפלען, אַז דער יינגל, וועלכן זי האָט געשילדערט פאַר אַן אוי־
סערגעוויינלעך אינטערעסאַנטן איז אין איר שטערבלעך פאַרליבט;
אַז ער פאַרפאָלגט איר אויף שריט און טריט און סטראַשעט, אַז
ער וועט זיך „נעמען דאָס לעבן", אויב זי וועט אים איר „יאָ־
וואָרט" נישט געבן. און זי, גענייע, קאָן אים אפילו נישט אָנקוקן.

איצט, איצט ליובעטשקע מיינע, קאָן איך דיר ערשט מיטפילן
אין דיין שרעקלעכן קאַמף וואָס דו האָסט אויסצושטיין פון דיי־
נע משוגעים — שרייבט גענייע צום סוף. און ביילייגנדיק די פאָ־
טאָגראַפיע גייט זי אָפּשיקן דעם בריוו.

אינדרויסן, ביי דעם רויטן בריוו־קאַסטן, בלייבט זי שטיין אַ
פאַרטראַכטע. דער בריוו ליגט שוין אינעווייניק, אָבער זי, גענייע,
קאָן זיך פון אָרט נישט רירן. אַ מאָדנער געדאַנק איז איר איינגע־
פאַלן: — ווער ווייס? אפשר זענען ליובעס צלמימלעך נישט ווערט
מער פון מיינע?

און פּלוצלינג האָט זיך איר קאָפּ אויסגעלייטערט. דער גרויזנ־
דער פאַרדרוס פון דער גאַנצער צייט איז פאַרשוואונדן געוואָרן.
נעוואונדערט האָט זי זיך נאָר פאַרוואָס זי האָט דאָס די גאַנצע צייט
נישט פאַרשטאַנען. און זיכער איז זי געווען, אַז אין מאַמעס האָט
ביידנס צלמימלעך געבוירן...

יום־כיפור

יום-כּפּור

— חיים אין זיינע יאָרן האָט שוין געפאַסט!

— מיר דוכט זיך, אַז לאה האָט שוין אויך געפאַסט צו עלף יאָר!

— איך געדענק נישט צי דעם גאַנצן טאָג, אָבער אַ האַלבן טאָג האָט זי געוויס געפאַסט — האָט דער טאַטע געענטפערט.

— ניין. טאַקע דעם גאַנצן טאָג — האָט די מאַמע צוגעגעבן פאַרטראַכטערהייט.

— אודאי דעם גאַנצן טאָג! — האָט לאה, מיין שוועסטער, זיך אָפּגערופן און דערביי אַ קוק געטון אויף מיר ווי איינער זאָגט: זעסט, איך אין דיינע יאָרן האָב שוין טאַקע געפאַסט!!!

איך אַליין האָב שוין דאַמאָלט פון לאַנג געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַסטן דעם קומענדיקן יום־כּפּור. בסוד, אַז קיינער זאָל דערפון נישט וויסן, האָב איך שוין אפילו געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע קאָפּיקעס פון די גראָשנס „מיט זיך", וואָס די מאַמע פלעגט מיר געבן אין חדר, און דערפאַר געקויפט, ביים שטעטלשן אַפּטייקער די שטאַרק שמעקנדיקע טראָפּנס מיט וועלכע איך האָב גערעכנט אַדורכצושטופּן דעם תּענית... איך האָב דאָס אָבער געהאַלטן בסוד... קיינעם נישט געוואָלט דערציילן וועגן דעם... דערפאַר האָב איך איינגאַנצן געשוויגן; געמאַכט זיך, ווי איך וואָלט גאָרנישט געהערט, וואָס טאַטע־מאַמע רעדן צווישן זיך.

נאָך דער „סעודה־המפסקת" האָט די מאַמע אַלעמען געגעבן הייסע טיי, כּדי דער דורשט זאָל זיי, בשעתן תּענית, נישט מאַטערן. ווען זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז טיי נעבן מיר האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן:

— חנה־רחל, טרינק דו פריער! ער׳ט נאָך קאָנען טרינקען שפּעטער און אפילו מאָרגן אויך!...

דעם טאַטנס ענטפער האָט מיך שטאַרק געטראָפן. ס׳האָט מיר פאַרקוועטשט דאָס האַרץ און די טיי האָב איך שוין נישט געקאָנט טרינקען. טרערן האָבן זיך גענומען שפּאַרן פון מיינע אויגן... איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן נישט צו דערציילן דעם טאַטן וועגן מיין מאָרגנדיקן תענית...

ווען איך האָב זיך יענעם יום־כפור ביינאַכט געלייגט שלאָפן איז מיין איינציקער ווונש געווען, אַז איך זאָל מאָרגן וואָס שפּע־טער אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, כדי איך זאָל האָבן אַ קלענער־ן טאָג. אַז איך וועל פאַסטן איז שוין ביי מיר גאָר קיין ספק נישט געווען.

שוין פון אינדערפרי אָן איז דער בית־מדרש געווען פול; פול מיט מענטשן און פול מיט אימה און יראת־הכבוד.

איינגעהויקערטע יידן מיט שווער - פאַרזאָרגטע פּנימער פון דער שטענדיק פאַרהושכטער וואָכעדיקייט זייערע, האָבן זיך פון זייערע טאָג - טעגלעכע זאָרגן באַפרייט און איינגעהילט אין וויסן צו די הימלישע ווייסקייטן זיך צו דערהויבן.

נישט רירנדיק זיך פון אָרט בין איך די גאַנצע צייט געשטאַ־נען נעבן טאַטן. ער האָט מיך אונטער זיין טלית איינגעהילט און צוזאַמען מיט אים האָב איך די טרויעריקע תפלות געזאָגט. די גאַנצע צייט האָב איך געפילט ווי איך וואַקס... ווי ס׳קומט מיר צו עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער פון מיין גלייכן, פאַרמאָגט דאָס נאָך נישט...

— גיי עפּעס עסן — האָט מיר דער טאַטע אַזייגער צוועלף געזאָגט.

— איך וויל נאָך נישט.

— דו האָסט נאָך גאָרנישט געגעסן פון נעכטן אָן?

— ניין.

— טאָ גיי אַזוי אַרום אויפן שול־הויף; רו זיך אָפּ אַביסל!—

האָט ער ליבלעך צוגעגעבן, זייענדיק צופרידן פון מיין בונהדיק דאַוונען.

— אז איך וויל נישט. — האָב איך באַשיידן געענטפערט.

דער טאַטע איז שטיל געוואָרן. און מיך האָט גלייך פאַרדראָסן, הלמאי איך האָב אים נישט געפאָלגט. די לופט אין בית־מדרש האָט אָנגעהויבן צו שטיקן. די גרויסע, פון נעכטן אָנגעצונדענע, ליכט האָבן אָנגעהויבן אויסצוגיין און דער גערוך פון דעם חלב אין די פושקעס זאמד האָט פאַרסמט די לופט... איך האָב געחלשט אַרויסצוגיין... אָנשעפּן זיך אַביסל מיט פרישע לופט... ס'האָט מיר אָבער נישט געפּאַסט... און געוואַרט האָב איך דערפאַר ביז נאָך מוסף... ערשט דאַמאָלט האָב איך זיך, צוזאַמען מיט אַ מענגע דערוואַקסענע, אויפן שול־הויף אַרויסגעריסן.

איך בין געבליבן שטיין פון דער זייט און באַטראַכט די שטי־פעריש־אַרומלויפנדיקע קינדערלעך. ס'גאַנצע שטעטל קינדער זענען אויפן שול־הויף געווען. כמעט אַלע פון זיי האָבן קליינע ווייסע פעקעלעך אין די הענט געהאַלטן... דאָס זענען געווען די עסנס, מיט וועלכע זייערע מאַמעס האָבן זיי, פאַרן אַוועקגיין צום דאַווע־נען פאַרזאָרגט... דאָ און דאָרטן האָבן זיך אַ פּאָר יונגלעך גע־ראַנגלט צווישן זיך... וווּ־נישט־ווו איז געשטאַנען אַ קינד מיט אַ פול מויל און אַ שטיק עוף אין דער האַנט — אַן איבערבלייבעניש פון דער נעכטיקער כפּרה... ווען־נישט־ווען איז אַ מאַמע פון דער ווייבערשער שול אַראָפּגעלאָפן און געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלוי־רענע אויפן מיטן שול־הויף צווישן קינדערשן געלויף... איר זון האָט זי געזוכט... און דערזעענדיק אים, רופט זי אים צו, פאַריכט די קליידער אויף אים, מאַכט גלייך זיין פאַרקאַטשעט היטעלע, פרעגט אים עפּעס, קושט אים אָן און לויפט צוריק אַוועק אַ טיף־קוועלנדע...

— דו פאַסטן? — האָט איינער פון די קינדער מיך געפרעגט, אַראָפּשלינגענדיק זיין לעצטן ביסן.

— יאָ — איז מיין אָפּגעהאַקטער ענטפער געווען.

— זעט. ער פאַסט! — האָט דאָס יונגל צו די איבעריקע קינ־דער אויסגעשריען, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף מיר.

— מיט א לעבל ברויט!

— מיט א הון!

— מיט צען זעמעלעך!

— מיט דריי מאָל עסן!

— נו, זאָל ער ווייזן די צונג! — האָבן זיך דערהערט אויס־רופן.

— ווייז די צונג, ווייז די צונג! — האָבן די קינדער נישט אויפגעהערט צו שרייען און אריינגענומען מיך אין א קרייז.

ס׳האָט מיר נישט געפּאסט צו פאַרהערן זיך מיט זיי. האָב איך זיי דערפאַר גאָרנישט געענטפערט און גענומען צוריקגיין אין בית־מדרש.

צוקומענדיק צו דער טיר האָט מיר א בארג דורכגעשוויצטע, ענגע לופט א פּאטש געטון אין פּנים. דער גערוך, וואָס האָט זיך פון אינעווייניק דערטראָגן, האָט ווי פאַרצאַמט דעם וועג און נישט געלאָזן מיך אריינגיין... דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צו ציען... צו חלשן... א קוק־טוענדיק פון דער זייט אין בית־מדרש אריין, האָב איך געזען, אז דער זייגער איז נישט מער ווי צוויי. איך האָב באַשלאָסן צוצוגיין אהיים; אפשר וועל איך קאָנען איינ־שלאָפן און אזוי ארום פאַרלייכטערן מיין ערשטן תענית...

די גאַסן זענען געווען פּוסט, ליידיק. קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען נישט געקאָנט זען... אויסער ווו־נישט־ווו א מיידלשן קאָפּ אין א פענסטער איינגעשפּאַרט... ערשט, גייענדיק אַליין אין גאַס, האָב איך דעם הונגער מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט דער־פילט... איך האָב שוין געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען אהיים און אין בעט אריינלייגן זיך...

דער ריח פון פרישן, מילכיקן געבעקס האָט מיר אין נאָז א האַק געטון — דורכגייענדיק אונזער קיך — און האָט מיך ווי פאַרשיכורט... ווי א ווילדע אויסגעהונגערטע חיה האָב איך דער־פילט דעם געשמאַק וואָס ליגט אין יעדן ביסן... כ׳האָב די שפּייז־שאַפע געעפנט און גייציק אריינגעצויגן אין זיך דעם ריח פון די שפּייזן...

דער רייץ פון שמעקן איז אוועק. איך האָב אויפגעבראָכן א

זעמעלע און צום נאָז צוגעטראָגן... איין ברעקל איז אויף מיין ליפּ אראָפּגעפאַלן... ווי אַ פייכטע האַנט אָן אַן אייזערנע, פאַרפרווירענע טיר־קליאַמקע, האָט זיך עס צו דער ליפּ צוגעקלעפּט... און די אי־בעריקע זעמל פון מיין האַנט האָט נישט אויפגעהערט צו רייצן זיך מיט מיר:

— איי, ווי געשמאַק!

— גיב נאָר אַ ביס!

— טאַקע, נישט מער ווי אַ לעק מיטן צונג!...

איך האָב געוואָלט אַנטלויפן און נישט געקאָנט. איך האָב זיך פון אָרט נישט גערירט ביז די תּאווה אין מיר האָט גובר גע־ווען און איך האָב אַ ביס געטון...

מער עסן האָב איך נישט געקאָנט און נישט געוואָלט. דער אַפּעטיט מיינער איז גלייך פאַרשלאָגן געוואָרן... אַ ביז גאָר פאַר־צערטער האָב איך זיך קוים, קוים אין בעט אַריינגעלייגט...

— — — „דאָס רעכנט זיך נישט, דאָס רעכנט זיך נישט!"

— האָב איך אין פאַרצווייפלטער עקשנות הויך אויסגערעדט. און אויפהייבנדיק זיך פון בעט בין איך גלייך צום טאַטן אין בית־מדרש אוועקגעלאָפן.

די לופט אין בית־מדרש איז געווען זייער אַ געדיכטע. די מענטשן האָבן אויסגעזען פאַרמוטשעט, פאַרוועלקט און אָפּגעלעבט. די שווערקייט פון אָרום איז געווען אומדערטרעגלעך. ווי אַ ביז גאָר מאַסיווער וואָלקן האָט די אויסגעאָטעמטע לופט געדריקט אויף די קעפּ... איך האָב זיך קוים דורכגעשטופּט צום טאַטן... ער, דער טאַטע מיינער, איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט פאַרטיפט אין יום־כּפּורדיקע מחשבות... דערפילנדיק מיך האָט ער זיך אויף אַ וויילע אומגעדרייט און גלייך געפרעגט:

— נו, האָסט שוין עפּעס געגעסן?

— ניין...

— טאַקע?!

— יאָ...

— וואָס רעדסטו? — האָט אימיצער אין מיר אַ פרעג גע־

טון און אַ ווערימל אין האַרצן האָט אָנגעהויבן אויסצוטאָטשען: שוין נאָכן תּענית... דו האָסט געגעסן... געגעסן...

— „דאָס רעכנט זיך נישט, דאָס רעכנט זיך נישט." — האָב איך צו זיך שטיל אויסגעמורמלט און אין געדאַנק האָב איך גאָר־נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „דאָס רעכנט זיך נישט, דאָס רעכנט זיך נישט!..."

צו נעילה האָט דער טאַטע ממש נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט מיר: ער האָט מיך געטוליעט צו זיך, געגלעט מיר ס'פּנים, גע־קוקט מיר אַלע ווײַלע אין די אויגן: — שוין! שוין באַלד נאָכן תּענית! — האָט ער צערטלענדיק מיך געטרייסט.

און יעדע לאַסקע זײַנע האָט מיר שטיקער געזונט געקאָסט: פּונקט אין דער מינוט וואָס ער האָט מיך אָנגעהויבן צו צערטלען האָט דער „אימיצער" אין מיר גענומען בייזערן זיך: דו האָסט דאָך געגעסן, גנב איינער... האָסט דאָך שוין געבראָכן דײַן תּענית, ממזרוק וואָס דו ביסט...

און אין יענע מינוטן האָב איך שטיל פאַרמאַכט די אויגן כּדי נישט צו זען דעם „בייזן שונא" וואָס וויל מיך פון מײַן גליק בארויבן. און שטיל, אין זיך, מיט כּוונה אויסגעתּפלהט: — „דאָס רעכנט זיך נישט, דאָס רעכנט זיך נישט"...

נאָך נעילה האָב איך זיך אַביסל לייכטער דערפילט. איך בין מער ווי זיכער געווען, אַז גאָט האָט מײַן האַרציקע תּפלה אָנגענו־מען און מיר מוחל געווען דעם ביסן...

מעריב האָט מען נאָך נישט געטאָרט דאַווענען. דער טאַטע מײַנער איז אין בית־מדרש געבליבן, און איך האָב זיך אויף אַ ווײַ־לע אינדרויסן אַרויסגעכאַפּט.

דערזעלבער שול־הויף און דיזעלבע קינדער, נאָר די פריילעכ־קייט איז פאַרשוווּנדן. אומטיקע פינסטערקייט האָט זיך איבער־ן גאַנצן אַרום געשפּיגלט און נאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך צו די ווענט פון די בתּי־מדרשים געטוליעט. אַלע קינדער האָבן אויסגע־זען ווי אַנטוישטע. גולם־אַרטיק — מיט אָפענע מײַלער און פאַר־

וואנדערטע אויגן איז יעדערער אויף זיין אָרט געשטאַנען... און האָט אימיצער פון זיי אַ זשומיקן געשריי אַרויסגעלאָזן האָט עס זייער פרעמד אָפּגעקלונגען אין דער אַרומיקער קדושה...

— דו פּאַסט טאַקע? — האָט מיך דער בייטאָגיקער יונגל ווידער געפרעגט. נאָר דאָס מאָל מיט מער ערנסטקייט.

— יאָ! — איז מיין זיגערישער ענטפער געווען.

— אוי, ער פּאַסט דאָך נאָך! ער פּאַסט דאָך נאָך! — האָט ער זיך צו די איבעריקע קינדער געווענדעט.

— טאָ ווייז די צונג — האָבן די נייגעריקע קינדער וועלכע האָבן זיך גלייך אויפגעקליבן אַרום מיר, אויסגעשריען.

איך האָב אַרויסגעשטעקט מיין צונג...

— אוי ווי ווייס!

— ער פּאַסט טאַקע!...

— זעסט דאָך, אַז ער פּאַסט, זעסט דאָך!... — האָבן קינדער שטיל און פאַרוואונדערט איינע צו די אַנדערע געמורמלט און בשעת־מעשה נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף מיר...

— און דער ביסן זעמל?...

— נאַרסט דאָך זיי אָפּ, גנב איינער!

— האָסט דאָך געגעסן, טרפהנער האַלז וואָס דו ביסט!... — האָט דער „אימיצער" אין מיר געהאַלטן אין איין פּראָטעסטירן און אָן רחמנות געשטאָכן מיין האַרץ...

— „דאָס רעכנט זיך נישט, דאָס רעכנט זיך נישט!" — האָב איך, אויסדרייענדיג אַביסל דעם קאָפּ, אויסגעשעפּטשעט און מיט לאַנגזאַמע טריט אין בית־מדרש אַריין...

ביים עסן האָט מיך דער טאַטע לעבן זיך אַוועקגעזעצט און געבעטן דער מאַמען, אַז מיר זאָל זי דעם ערשטן עפּעס געבן אין מויל אַריין...

— ער האָט דאָך געפּאַסט דעם גאַנצן טאָג! — האָט דער טאַטע צופרידן באַטאָנט און מיט מאַמעשער צאַרטקייט זיין ווייכע האַנט איבער מיין פּנים אַריבערגעפירט...

— אהא! טאקע?... — האבן דער ברודער און די שוועסטער אויסגעשריען אין איין קול.

— יא, — האב איך שוואך געזאגט.

— „ס׳איז דאך א ליגן!...״

— „האסט דאך נישט געפאסט!״ — האט דערזעלבער „אי־מיצער״ איינגערוימט מיר אין אויער...

כ׳האב א דריי געטון מיטן קאפ און א פאטש טוענדיק מיט דער האנט אויף הינטן, ווי איך וואלט וועלן פאריאגן אימיצן, האב איך נאכאמאל איבערגעחזרט: „דאס רעכנט זיך נישט, דאס רעכנט זיך נישט!...״

מ ש ו ג ע

משוגע..

אין באַגלייטונג פונם וואַך־דאָקטאָר בין איך צו איר אין צי־מער אַריין.

זי איז אויף דעם, צו דער וואַנט צוגעשמידטער, אייזערן בעטל געלעגן. אַ לאַנג ווייס העמד האָט איר גאַנצע נאַקעטקייט אַרומגע־נומען.

„זי גלויבט יאָ, זי גלויבט נישט. זי גלויבט יאָ, זי גלויבט נישט״, האָט זי שטיל, ווי פאַר זיך, געמורמלט און דערביי גע־פרווט צוזאַמענטרעפן די מיטלסטע פינגער פון אירע הענט. פּלוצלינג איז זי שטיל געוואָרן, אויסגעסטאַרטשעט די אויגן, ווי־טיקדיק צוזאַמענגעפרעסט דעם שטערן, קאַנוולסיוו פאַרקרימט ס׳פּנים און ווילד אויסגעשריען:

— „ריוועלע, טאָכטער מיינע, זע! זע, ריוועלע, איך, דיין מאַמע, בעט דיך, טאָכטער מיינע, אַז דו זאָלסט נישט גלויבן... גלויב זיי נישט, ריוועלע! ס׳איז אַ ליגן!.... דיין מאַמע איז נישט קיין זונה... און דו, ריוועלע, ביסט נישט די טאָכטער פון אַ גאַסן־פרוי...

— ווי פילט איר זיך פרוי זילבער? — האָט זי דער דאָקטאָר אַ פרעג געטון.

דער קלאַנג פון די אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָט איר דער־שראָקן. זי האָט זיך באַלד אויפגעזעצט, פאַרצויגן ס׳העמד איבער די פיס — איר נאַקעטקייט זאָל זיך נישט אַרויסזען און געוואָרפן איר קוק פון דאָקטאָר אויף מיר און פון מיר אויפן דאָקטאָר.

— דאָקטאָר, איז דאָס דער ריכטער?... — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק שאַרף אויף מיר, און דערביי אַרייגעלייגט אַ פינגער אין

מויל און אויסגעבערגלט אירע אויגן ווי א קליין געפייניקט קינד אײדער ס'ברעכט אויס אין א געוויין.

— ניין, פרוי זילבער. דער ריכטער האט היינט קיין צייט נישט געהאט.

— זי איז פינסטערער געווארן, ארויסגענומען דעם פינגער פון מויל, א ווארף געטון זיך אויפן בעטל, אויסגעצויגן זיך אין דער גאנצער לענג און געבליבן ליגן ווי א פארגליווערטע.

איך בין צוגעגאנגען נענטער צו איר און צערטלעך א פרעג געטון:

— פרוי זילבער, ווי פילט איר זיך?

— וואס איז אייער דאגה? — האט זי, באוועגנדיק נערוועזיש דאס פנים, אויסגעברומט.

— איך בין דער סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט צו שיצן טובערקולאזע און מענטאלע קראנקע און...

— איך בין דאך אבער נישט קראנק! — האט זי מיך נישט געלאזן דערערעדן.

— אבער וואס ארט אייך, אז...

— וואס, וואס ארט מיך?... — האט זי שטארק פארשטשירעט די ציין, געזונט איינגעקלאמערט דעם קאפ צווישן אירע אנגעשטרענגטע פויסטן און, ווי אין ווילדער משוגעת, גענומען ווארפן זיך פון איין זייט אויפן צווייטן.

— פרוי זילבער... — האב איך אין א פאר מינוט ארום ווידער געפרווט ציען איר אויפמערקזאמקייט.

אבער אירע פארגלאצטע אויגן האבן מיך דערשראקן. איך האב זיך א ריר געטון פון ארט, א ווונק געטון צום דאקטאר און גענומען ארויסגיין.

— וואס? איר גייט שוין אוועק? — האט זי פלוצלינג אויסגעשריען אינגאנצן א צעווייטיקטע.

— אז איר ווילט מיט מיר נישט רעדן — האב איך איר אנגעקוקט מיט רחמנות.

זי האט זיך פארטראכט. ס'איז לייכט געווען צו דערקענען איר געדאנקען־אנשטרענגונג. און מיטאמאל האט זי אויסגעשריען:

— שא איר ווילט זען א שיינע זאך?

— פארוואס נישט?... — האב איך זיך אוועקגעזעצט אויפן צום וואנט צוגעשמידטן, שטול.

— ג ל י ן, ג ל י ן, ג ל י ן, ג ל י ן: — האט זי אויסגעקלונגען מיט דער צונג ווי מיט א גלעקל, זיגעריש א קוק געטון אויף מיר און געפרעגט:

— איר האט געהערט?

— יא.

— וואס האט איר געהערט?

— קלינגענדיק...

— א, זייער גוט. נאר פארוואס שטעלט איר זיך נישט? — האט זי, א ביז גאר צערודערטע געפרעגט.

— צו וואס?..

— כא, כא, כא! — האט זיך איר ווילד געלעכטער צע־קלונגען — נארישער מענטש וואס איר זענט! ווייסט איר דען נישט ווען מ'קלינגט קומט דער ריכטער?

איך האב זיך געשטעלט און פארגאפט געקוקט אויף איר. זי האט זיך אויסגעגלייכט, עטוואס אויפגעהויבן דעם קאפ, א ביסל אויסגעהוסט זיך און לאנגזאם אנגעהויבן צו רעדן:

— אין דעם גט־פראצעס פון הער זילבער מיט זיין פרוי ווערט פרוי זילבער אנערקענט פאר אן אויסגעלאסענע פרוי. ממילא קען זיך זייער קינד, ריווע, מער נישט געפינען אונטער איר השגחה, און מוז, פון היינט אן אריבערגיין אין רשות פון פרוי זילבערס געגטן מאן — ריוועלעס טאטע.

— נו, וואס זאגט איר, ס'איז שיין, הא..? — האט זי מיט גאליקער איראניע געפרעגט.

איך האב נישט געוווסט וואס צו ענטפערן. באין־אופן נישט געקענט ארויסנעמען א ווארט פון מויל. אין הארצן ביי מיר האט זיך א גוואלדיקער שטורעם צעברויזט. ס'האט ווייטיק־דיק צוגעדריקט, געפייניקט און גענאדלט. האב איך זי נאר אנ־געקוקט מיט רחמנות און געשוויגן.

— אהאָ, איר שווייגט אויך!? — האָט זי אויסגעדונערט מיט רציחה.

— וואָס קען איך זאָגן? — איז מיין תּמעוואַטער ענטפער געווען.

— זאָגן, האַ? איר האָט נישט וואָס צו זאָגן?.. כאַ, כאַ, כאַ!.. איר זענט אויך אוודאי דעם ריכטערס אַ מענטש... — האָט זי נישט אויפגעהערט צו גריזשען מיך מיט אירע אויגן און איר קול איז אַלץ העכער און העכער געוואָרן:

— איך וואָלט אייך דערשטיקט מיט אייערע ריכטער צוזאַמען... מענטשן מיט שטיינערנע הערצער, אָן אַ סימן פון מיטגעפיל, זעצט איר אוועק צו ריכטן און אין זייערע הענט לאָזט איר איבער דעם גורל פון טויזנטער אומגליקלעכע... איך וואָלט אייך דערשטיקט, דערשטיקט!.. מיך האָט איר געמאַכט פאַר אַ זונה און מיין טאָכטער, ריוועלען מיינע, פאַר די טאָכטער פון אַ — — — אוי — האָט אימיצער אין איר אויסגעקרעכצט און זי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן.

דער דאָקטאָר האָט זי קוים צו זיך געבראַכט. זי איז ווידער געלעגן אין בעט ווי בעת איך בין אריין. זי איז נאָר עטוואָס רויטער געוואָרן און די אויגן האָבן זיך ווי קוועקזילבער באַוועגט.

— שאַ, איר האָט אַ ווייב? — האָט זי מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— ניין.

— ניין? האַ? ניין! איר נאַרט מיך אוודאי אָפּ...

— ניין.

— ניין, — האָט זי זיך דערפילט ווי אין אַ פאַרלעגנהייט און באַלד ווידער געפרעגט:

— שאַ, און אַ מאַמען האָט איר?

— יאָ.

—ווי הייסט זי?

— רחל...

— רחל, רחל, רחל. — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דעם נאָמען. נאָכדעם איז זי פון בעט אראָפּ, אויסגעגלייכט

זיך, א מינוט מיך שאַרף אָנגעקוקט און פּלוצלינג אויסגעקלונגען מיט דער צונג פּונקט ווי מיט א גלעקל: גלין, גלין, גלין!..

— איר האָט געהערט? — האָט זי מיך געפרעגט.

— יאָ.

— וואָס האָט איר געהערט?

— קלינגענדיק.

— טאָ פאַרוואָס שטעלט איר זיך נישט? — האָט זי מיך געפרעגט — שטעלט זיך און הערט אויס מיין אורטייל! איר זעט דען נישט, אַז איך בין א ריכטער?

איך האָב זיך געשטעלט.

— רחל, די מאַמע פון אַט דעם הער — האָט זי אָנגעהויבן ווייזנדיק אויף מיר, — ווערט אָנערקענט פאַר אַן אויסגעלאַסענע פרוי, ממילא איז דער הער דער זון פון א זונה...

— איר זעט ווי איר ציטערט!.. — האָט זי זיגעריש אויסגעשריגן, דערזעענדיק ווי בלאַס איך בין געוואָרן — כאַ, כאַ, כאַ! ס'טוט אייך ווי? עהע! ס'טוט ווי... כאַ, כאַ, כאַ! אָבער דאָס איז גאָרנישט — האָט זי ווייטער גערעדט שוין מיט א שוואכער קול און מיט טרערן אין דער שטימע — פרעגט אייער מאַמען דעם ווייטיק דערפון. זי וועט דאָס אייך דערציילן... יאָ, יאָ, אייער מאַמע ווייסט... אייער מאַמע...

איר הארץ האָט זיך ווי ים-כוואַליע פון שטורעם, א הויב געטון, און זי איז זיך אין א היסטערישן געוויין פאַרגאַנגען...

נאָכדעם, ווי דער דאָקטאָר האָט זי בארואיקט, האָב איך זיך, שטיל, ווי א גנב, פון צימער ארויסגעשאַרט און פון יענער זייט טיר, דורכן לעכל פון שלאָס אריינגעקוקט.

א מינוט איז זי שטאַרק נערוועאיש געווען, נישט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך פון איין זייט אויפן צווייטן; נאָר באַלד האָט זי זיך בארואיקט, איז געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענע, מיטן פּנים אַרויף און פאַרטראַכט געמורמלט:

— זי גלויבט יאָ, זי גלויבט נישט, זי גלויבט יאָ, זי גלויבט נישט.

לאַנגזאַם, ווי פאַר זיך אליין, האָט זי דאָס אָנגעהויבן צו

חזרן און געפּרוווט דערבײַ צוזאַמענטרעפֿן די מיטלסטע פֿינגער פֿון אירע הענט. פּלוצלינג איז זי שטיל געוואָרן, ווילד אויסגע־סטאַרטשעט די אויגן, שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסט דעם שטערן און פֿאַרקרימענדיק דאָס פּנים פֿון שוואַרץ־ווייטיק האָט זי אויס־געשריגן:

— ריוועלע, טאָכטער מײַנע, זע! זע, ריוועלע, איך, דײַן מאַמע... איך בעט דיך טאָכטער מײַנע, גלויב זײַ נישט!.. גלויב נישט!.. ס'איז אַ ליגן, אַ ליגן! דײַן מאַמע איז נישט קיין זונה, דו ביזט נישט די טאָכטער פֿון אַ גאַסן־פֿרוי...

שוועסטער

שוועסטער

1

מענערשע טריט האָבן זיך געהערט אויף די טרעפּ.

ליזע האָט פריידיק אַ ציטער געטון; דער געדרודער פון די טריט האָט איר פרעסנדן אומעט פאַרטומלט. אימיצער קומט דאָך צו זיי.

אויף די שפּיץ - פינגער איז זי צו דער שוועסטערס בעט צוגעלאָפן. פאַרדעקט מיטן ליילעך אירע האַלב־נאַקעטע פיס און שטיל, אַז זי זאָל איר חלילה נישט אויפוועקן, אויף איינעם פון די שטולן געזעצט זיך.

קליפּ - קלאַפּ...

— אַריין..!

— כ'האָב געמיינט אַז קיינער איז נישטאָ! — איז וועלוולס גוט־אָונט געווען.

— פאַרוואָס..?

— ס'איז עפּעס אַזוי שטיל; פון יענער זייט טיר האָב איך געהערט דאָס קלאַפּן פון אייער זייגער...

— וואָס איז דער וואונדער..? — האָט זיך אַ פאַרליטענער שמייכל פאַרצויגן אויפן אויבערשטן טייל פון ליזעס פּנים. געזאָגט האָט זי אָבער גאָרנישט. זי האָט נאָר, אינגאַנצן אַ צער־רחמנותטע, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ צו דעם בעט, וווּ איר פּלוצלינג קראַנק געוואָרנע שוועסטער איז געשלאָפן.

— אַזוי פרי?! — האָט איר וועלוול אָנגעקוקט מיט אומרו.

— זי איז נישט געזונט.

— וואָס איז איר?

— כ׳וויים אַליין נישט...

— דאָך אַזוי..?

— אַ שטאַרקער קאָפּ־ווייטיק...

— דאָס גאָר..? טאָ וואָס זענט איז אַזוי צעדרומשקעט..? — האָט וועלוול געוואָלט אויפמונטערן איר.

— ווער ווייסט..? — האָט ליזע אַליין אויך נישט געוווסט וואָס ווייטער צו זאָגן. זי האָט אַ וואַרעמען קוק געטון אויפן גאַסט און אָנגעוויזן אים אַ שטול.

וועלוול האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער האָט איצ־טער קיין צייט נישט; דאַרף זיך זייער נויטיק זען מיט אימיצן... אויב מ׳וועט אים נישט פאַרהאַלטן צולאַנג וועט ער זיך נאָך שפּעטער אַריינכאַפּן; זען וואָס ריווע מאַכט.

— פאַרגעסט נישט צו דערמאָנען מיך פאַר איר! — האָט וועלוול אַ מאָדנעם שמייכל געטון און איז פון שטוב אַרויס.

מענערשע טריט האָבן זיך געהערט אויף די טרעפּ.

ליזע איז געבליבן זיצן איינגאַנצן אַ צערודערטע; דער גע־רויש פון די טריט האָט געגריזשעט אירע נערוון — אימיצער איז אַוועק פון איר.

אין צימער איז געוואָרן שטיל. צו־שטיל אַפילו. יעדער סקריפּ פון שטול האָט פאַרגריילצט די אָנגעשטרענגטע שטילקייט. די טונקעלע שיין פון לאָמפּ איז געווען אַ פאַראומערטע, אַ פאַר־בענקטע און די פאַרזשמורעטע שאָטנס אויף די ווענט האָבן נאָך פאַרגרעסערט, דעם אַזוי אויך גענוג גרויסן, עלנט...

— און איך נאַר קלער נאָך צו וועלוול איז פאַרליבט אין ריווען! — האָט ליזע נישט געקענט פאַרגעסן זיין שמייכל און גענומען בייסן די נעגל פון אירע פינגער.

— וואָס קומט אָבער אַרויס דערפון, אַז אָן מיר גיט זי זיך נישט אַ ריר פון אָרט; ווען נאָר וועלוול רופט איר אין ערגעץ מוז איך מיט־גיין...

— און אָפּנאַרן איר, זאָגן, אַז אייגער אַ באַקאַנטער האָט מיך אַליין איינגעלאַדן אַרויסצוגיין מיט אים, קען איך נישט; זי גלויבט מיר נישט, זי גלויבט נישט...

— כאָטש נעם און דינג אַ בחור, אַז ער זאָל מיט מיר פאַר־בּרענגען אַ שבּת־צו־נאַכטס... אַ נישט וועט נאָך ריווע אויך פאַר־זעסן ווערן און אַליין צוליב מיר, צוליב מיר טאַקע... — איז ליזען מיטאַמאָל נאָך ענגער געוואָרן אין קליינעם צימרל.

זי האָט אַ קוק געטון אויף איר קראַנקע שוועסטער, אויסגע־לאָשן דאָס ליכט, צוגעשאַרט אַ שטול צום באַלקאָן און אַרויסגע־קוקט אינדרויסן.

טראָפּנס פון טריבן רעגן האָבּן זיך אָנגעקלאַפּט אָן דעם צע־מענטענעם אָנשפּאַר פון באַלקאָן. מענטשן מיט געבּויגענע קעפּ זענען געגאַנגען אויפן אַנטקעגנדיקן טראָטואַר. זיי האָבּן זיך גע־טוליעט ענגער צו די הייזער און פאַרשנעלערט זייערע טריט. אין אַ דערבּייאיק הויז האָט מען די עלעקטרי אָנגעצונדן, פון שכנות־דיקן צימער האָט זיך אַ קול פון אַ וויינענדיק קינד דערטראָגן. ערגעץ־ווו האָט אַן אויטאָמאָבּיל אַ טרובּע געטון און ליזעס צער איז אויסגעוואַקסן: זי האָט נאָך שאַרפער דערפילט די איינזאַמ־קייט פון איר לעבּן און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון אַ וואַרעמעןווינקל מיט אַ נאָענטן חבר; אַ ליבּע נשמה וועלכע וואָלט געקענט פאַרטרייבּן איר מיידלשן עלנט, איינשטילן דעם ווייטיק פון אירע, שוין לאַנג פאַרשטיקטע, מיידלשע ליידנשאַפטן...

— ליזע..?!

— ריווע..? — האָט זי זיך שנעל אַ הויבּ געטון פון שטול.

— ווו ביזטו?

— אָט־אָ־דאָ. נו, ווי פילסטו זיך?

— אַ סך בּעסער... ווי שפּעט איז דאָס איצטער?

— נאָך צוועלף...

— טאַקע? אַזוי שפּעט? פאַרוואָס גייסטו נישט שלאָפן?

— כ'האָבּ געמיינט אפשר וועסטו מיך נאָך דאַרפן האָבּן...

— ניין. גיין... גיי שלאָפן... ביזט דעם גאַנצן אָוונט געווען אַליין..?

— ניין. וועלוול איז געקומען.

— ער איז דאָ לאַנג געזעסן?

— ניין. עטלעכע מינוט נאָר...

— פאַרוואָס?

— איך ווייס אַליין נישט. ער האָט זיך זייער געאיילט; אי־בערגעלאָזן זיין גרוס פאַר דיר און איז אַוועק.

— אַט אַ נאַר! — האָט עס ריווען פאַרדראָסן.

— וואָס עפּעס?..

— וואָס הייסט..? ווי אַנטלויפט ער דאָס אַזוי גיך; לאָזט דיך איבער איינגאַנצן אַליין און בעט דיך נישט אפילו מיט־גיין...

— איך וואָלט זאָ־ווי־זאָ נישט געגאַנגען...

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וואָלט דיך נישט איבערגעלאָזן איינע אַליין, אַ קראַנקע אין בעט.

— אַזוי גאָר..? איך בין גאָרנישט אַזוי קראַנק און דו האָסט רואיק געקאָנט אַוועקגיין! — האָט ריווע געפּרוווט אַ שמייכל טון.

— פונדעסטוועגן... — האָט ליזע שטיל געענטפערט און די אויגן אירע זענען מיטאַמאָל גרעסער געוואָרן; אַ גליקלעכער געדאַנק איז איר אין דער רגע איינגעפאַלן: די ערשטע מינוט האָט זי גאָרנישט געגלויבט, אַז זי אַליין טראַכט עס טאַקע; גע־מיינט האָט זי אַז ס'איז נאָר אַ שאָטן פון אַ מחשבה... וואָס ווײַ־טער איז דאָס איר אָבער אַלץ קלערער געוואָרן, קלערער און אויס־געלייטערטער, ביז ס'האָט זיך איינגאַנצן אויסגעפורעמט אין איר מוח.

— יאָ, יאָ. אַוודאי אַזוי, אַוודאי..! — האָט זי אַליין נישט געפילט ווי אירע ליפּן מורמלען שטיל.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ריווע נישט פאַרשטאַנען.

— גאָרנישט..! — איז געווען ליזעס ענטפער צו איר שוועס־טער. איר אַליין האָט שוין אָבער דער געדאַנק נישט אָפּגעלאָזן. אַ ביז גאָר פאַרטראַכטע האָט זי זיך אין איר אייזערן בעטל אריינ־געוואָרפן. און ווען זי האָט אויסגעצויגן אירע אייגעשרומפּענע גלידער איז זי שוין זיכער געווען, אַז קומענדיקן שבת וועט זי קראַנק ווערן...

2

שבת נאָך צוועלף אַ זייגער, גלייך ווי זיי זענען אַרויס פון פאַבריק, האָט זיך ליזע אָנגעהויבן צו קרימען. פון מינוט צו מינוט אַלץ אַ העכערן קרעכץ געטון, און דערביי שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסט דעם שטערן מיט איר רעכטע האַנט.

ריווע, איר שוועסטער, איז אויפגעציטערט געוואָרן ווען זי האָט דערזען ווי ליזע ברעכט זיך.

— וואָס איז דיר ליזע? — האָט זי צעשראָקן געפרעגט.

— גאָרנישט. — איז ליזעס שוואַכער ענטפער געוועו.

— ס'מוז דאָך דיר יאָ עפּעס זיין! כ'זע דאָך; ביזט נישט מיט אַלעמען...

— אָט, מאַלע וואָס...

— פונדעסטוועגן..? — איז ריווע צוגעשטאַנען צו איר שוועסטער.

— דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי... נאָר שרעק זיך נישט, איך בין זיכער אַז ס'וועט באַלד איבערגיין.

— אפשר וועסטו אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר?

וואָס נאָך? — האָט ליזע אַ קוק געטון אויף איר מיט פאַרוואונדערטע אויגן.

— וואָסי, פאַרוואָס נישט..? — האָט ריווע ווי פאַר זיך געמורמלט און באַלד צוגעגעבן: מ'טאָר דאָס טאַקע נישט פאַרלאָזן... די „גריפּע'' גייט איצטער זייער שטאַרק אַרום. היינט האָבן ווידער געפעלט דריי אַרבעטערקעס אין פאַבריק. און מער פעלט דאָך אונז נישט ווי דו זאָלסט נאָך חלילה קראַנק ווערן...

— גיי נאַרעלע איינע. אָט האָסטו אויך געהאַט אַ קאָפּווייטיק לעצטע וואָך. נו, איז וואָס..? ביזט דאָך, אַ דאַנק גאָט, געזונט...

— הלואי אויף דיר געזאָגט געוואָרן! — האָט ריווע, אַ ביז גאָר גערירטע אויסגעשעפּטשעט.

אויף זייער וועג אַהיים האָבן זיי מער גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. יעדע איינע פון זיי איז געווען פאַרטיפט אין אירע

אייגענע געדאַנקען... ליזע האָט געזען און גוט פאַרשטאַנען, אַז איר שוועסטער איז שטאַרק אומרואיק און פאַרקלעמט... אָבער אָנשטאָט מיטצוהעלפן איר, ווי שטענדיק, איז זי גאָר „היינט" שטאַרק צופרידן געווען פון דעם... דאָס האָט איר געוויזן, אַז ריווע איז איר אין גאַרנישט חושד. און וואָס שווערער דער אומעט האָט זיך אויסגעלייגט אויף ריוועס פנים אַלץ פריילעכער איז ליזען געוואָרן אויפן האַרצן...

און ריווע איז געווען אַ פאַרקלעמטע: אַלץ וואָס זי האָט, וואָלט זי אַוועקגעגעבן אַבי נאָר צו פאַרלייכטערן דאָס שווערע טרויעריקע לעבן פון איר פאַרעלטערטער שוועסטער, און ווי אויף צו־להכעיס שלעפּט זיך נאָך דער שוועסטער אַ צרה נאָך אַ צרה... אַט האָט זיך גאָר אויף איר אָנגערוקט עפּעס אַ ווייטיק, וואָס זי וויל אַליין נישט אויסזאָגן פון אים, און איין גאָט ווייסט מיט וואָס זי וועט נאָך אָפּשניידן...

— פאַרוואָס קומט דאָס אונז? — רייסט זיך אַ קרעכץ פון ריוועס פאַרקלעמטע האַרץ און זי נעמט נישט אַראָפּ איר אויג פון ליזעס צעווייטיקט פנים.

ווען זיי זענען געקומען אַ היים, אין זייער אָרעם עלנט צי־מערל, האָט זיך ליזע די „קראַנקע" געפילט פריילעך און אויפגע־רוימט און ריווע, די געזונטע, איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ קראַנקע מיט אַ שטילן טרויער אין אירע גרויסע אויגן.

— לייג זיך צו אַ ווײַלע! — האָט זי זיך געבעטן ביי דער שוועסטער.

— באַלד, האָט ליזע געענטפערט, — כ'על דיר נאָר העלפן אַביסל אויפראַמען דאָס צימער.

— מ'דאַרף נישט, מ'דאַרף נישט. איך וועל אַליין אויפ־ראַמען!

— ניין. ס'מאַכט נישט אויס. איך בין נאָך חלילה נישט אַזוי קראַנק... — האָט ליזע נישט געוואָלט נאָכגעבן.

לאַנג האָבן זיי זיך געאַמפּערט און געשפּאַרט. אויסגעפירט האָט אָבער ליזע, די עלטערע. און ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבן אַביסל צוגעראַמט זייער קליין צימערל — אַן אַרבעט וואָס איז

אויף זיי שווער געפֿאַלן נאָך די שווערע אַרבעטס־וואָך — האָט זיך ליזע, מיט אַ קרומע מינע, אין איר אייזערן בעטל אַריינגעלייגט און געבעטן ריווען, אַז זי זאָל איר אַרומבינדן דעם שטערן מיט אַ נאַס האַנטוך.

3

אין אָוונט איז, ווי אַלע שבת־צו־נאַכט, געקומען וועלוול. ביידע, סיי ליזע און סיי ריווע, האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט אים. ליזע — ווייל מיט זיין אָנקומען האָט זי שוין געזען איר גאַנצן גערדאַנק אַ לעבעדיקן, און ריווע האָט זיך אַליין אויך נישט געקענט קלאָר מאַכן, פֿאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי דערפֿרייט מיט אים... זי האָט נאָר געוווּסט, אַז מיט זיין קומען איז איר פֿריילעכער געוואָרן: פֿריער, אָן אים, האָט זי זיך געפֿילט גאַרנישט אָן ערך אומעטיקער ווי איצטער, מיט אים. עפּעס האָט זיך צוזאַמען מיט דער אָנקומענדיקער נאַכט אַן אומעט פֿון יאָרן פֿאַרקליבן צו איר אין האַרצן און וואָס פֿינסטערער ס׳איז געוואָרן דער אינדרויסן, אַלץ אומעטיקער ביי איר אויפֿן האַרצן... און דערפֿאַר טאַקע האָט זי היינט געוואַרט אויף וועלוולס אָנקומען מער ווי אַלעמאָל... אַפֿילו געהאַט פֿאַרגעסן זיין שטענדיקע גלייכגילטיקייט און קאַלטקייט... און זיכער איז זי געווען, אַז ער וועט זיך האַרציק צערעדן מיט איר און אַזוי אַרום פֿאַרטרייבן דעם אומעט, פֿאַרלייכטערן די אומבאַהאָלפֿענע עלנטקייט.

זי האָט אָבער אַ טעות געהאַט: וועלוול האָט עם זייער רואיק אויפֿגענומען; אויף זיין פּנים איז כּמעט קיין שום ענדערונג נישט געווען צו דערקענען, ווען ער האָט דערזען ליזען אין בעט, און רואיק ווי זיין גאַנץ אויסזען האָט ער אַ פֿרעג געטון:

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

— אָט גאָרנישט, דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל וויי... — האָט ליזע מיט אַ קראַנקן שמייכל געענטפֿערט.

— איר האָט זיך פֿאַרקוקט אויף ריווען..?

— ס׳קען זיין...

— אַבי איך האָב גערעכנט נעמען אייך ערגעץ ווו — האָט ער מיט באַדויערונג אַרויסגעזאָגט.

— נו, און איין מיידל איז פאַר איך ווייניק? — האָט ליזע, מיט באַהאַלטענע פרייד, געפּרוּווט ווײַזלען זיך.

— ווער זאָגט דאָס דען..?

— טאָ וואָס איז די מניעה?

— איך ווייס אַליין נישט... — האָט װעלוול אויסגעצויגן און אַ קוק געטון אויף ריוועֶן.

— אָ, וואָס רעדט איר? האָט ריווע אין פּאַרוווּנדערונג געפרעגט — ווי אַזוי קען איך איבערלאָזן מיין שוועסטער אַליין? בפרט נאָך ווען זי איז קראַנק און...

— ס'מאַכט נישט אויס, ס'מאַכט נישט אויס — האָט איר ליזע איבערגעריסן. איך קען אַליין אויך זיין... מיין קרענק איז נאָך גאָרנישט אַזוי געפערלעך...

וועלוול האָט אַוועקגענומען זיינע אויגן פון ליזען און זיך מיט זיי איינגעגעסן אין ריוועֶן. ער האָט געוואָלט דערקענען לויטן אויסדרוק פון איר פּנים וואָס פאַר אַ רושם די שוועסטערס רייד האָבן אויף איר געמאַכט... ריווע האָט אים אָבער לאַנג נישט געלאָזט זוכן דעם ענטפער אויף איר פּנים און באַלד געענטפערט מיטן פולן מויל:

— ניין. איך וועל נישט גיין.

— ריווע..! האָט ליזע אויף איר אַ קוק געטון מיט שרעק.

— אַז איך וויל בעסער זיין מיט דיר...

— אָבער... — האָט ליזע נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו זאָגן.

— וואָס אָבער..? נישקשה, וועלוול וועט זיך אויף מיר נישט באַליידיקן.

— אוודאי נישט! — האָט וועלוול געענטפערט און אָנגעהויבן רעדן פון עפּעס אַנדערש.

און קיינער פון זיי, נישט וועלוול און נישט ריווע, האָבן נישט געוווּסט און פאַרשטאַנען ווי גרויס ליזעס ווייטיק איז געווען; אַלע אירע חלומות — מיט וועלכע זי האָט זיך אַזוי געשפּילט די גאַנצע וואָך — זענען אין דער מינוט אויסגערונען געוואָרן. זי איז שיר נישט אויף אַן אמת קראַנק געוואָרן.

4

ליזע האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט געקענט צומאַכן. נישט אויפגעהערט צו ציטערן פון שרעקלעכן פּאַרדרוס: מילאַ, זי איז שוין אַ פּאַרפאַלענע... זי איז שוין איבער דרייסיק... און כאָטש די באַקאַנטע זאָגן איר שטענדיק, אַז זי זעט אויס אַ סך יונגער, ווייסט זי אָבער, אַז ס'איז נאָר צוליב דעם ווייל זיי ווילן איר נישט מצער זיין... באמת זעט זי אָבער אויס אַ סך עלטער... וואָסי, זי האָט דען קיין שפּיגל נישט?.. און די אויגן אירע דינען דאָך איר אויך דערוויילע... פאַרשטייט זי דערפאַר גוט ווו זי האַלט אין דער וועלט, און איין גאָט ווייסט צו זי וועט נאָך אַמאָל חתונה האָבן, זיך באַפרייען פון איר עלנט... ריווע איר שוועסטער איז דאָך אָבער אַ סך יונגער פון איר... ריווע איז דאָך נאָך ערשט זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט. זי זעט נאָך אויס גאַנץ יונג און געשמאַק... וועלוול אַליין וואָלט מיט איר חתונה געהאַט... ער איז דאָך אַזוי פאַרליבט אין איר. האָט ער אָבער פּשוט קיין געלעגנהייט נישט איר דאָס צו זאָגן... יעדעס מאָל ווען ער לאַדט איר איין ערגעץ־ווו, וויל זי אַליין נישט גיין... זי וויל נישט איבערלאָזן אירע עלנטע, עלטערע שוועסטער אַליין... זינט מ'האָט זייערע עלטערן דערהרגעט, זענען זיי כמעט קיינמאָל נישט אַרוים איינע אָן דער אַנדערער... און פאַר די עטלעכע יאָר וואָס זיי זענען אין דעם „פרעמדן" לאַנד, האָבן זיי זיך נאָך מער איינגעטוליעט און צונויפגעקניפּט איינער מיט דער צווייטער... און מיט ביידן קען דאָך וועלוול נישט חתונה האָבן...

אָט דער געדאַנק מאַטערט ליזען, מער ווי איר אייגענע אַלטקייט און „פאַרזעסנקייט"; אויסער די שוועריקייט פון איר איינגענעם פּעקל יאָרן, פילט זי אויף זיך אויך די שרעק פאַר דער אַלט - מיידלשקייט פון איר יונגערער שוועסטער...

און איר יונגערע שוועסטער ריווע איז נאָך גוט צו איר; און דאָס וואָס ריווע איז אַזוי גוט צו איר און זי וויל איר קיינמאָל נישט איבערלאָזן אַליין — ווייטיקט איר אויך גענוג:

יעדעס מאָל ווען ריווע זאָגט איר אַ גוט־וואָרט, פילט זי ווי

מ׳וואָלט איר געשניטן דאָס האַרץ מיט אַ מעסער... און ס׳דוכט זיך איר, אַז ווען ריווע הערט איר אויף צו באַהאַנדלען אַזוי גוט און האַרציק, וואָלט זי זיך גאָר ענעריגשער און יונגער דערפילט... אַזאַ געפיל קריגט דעמאָלט ליזע, און אַלע אירע אָנשטרענגונגען, צו באַפרייען זיך פון אים, העלפן נישט.

דערציילן דאָס ריווען קען זי נישט. זי ווייסט, אַז דאָס וועט איר זייער באַליידיקן, מוראַדיק ווי טון. און הגם מיט איר איי־גענעם שכל קען זי נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר שוועסטער יאָל זיך פילן אַזוי געטראָפן, פונדעסטוועגן טוט זי דאָס נישט... זי שטיקט זיך אַליין מיט אירע בייזע מחשבות און זוכט אַנדערע וועגן ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דעם פינסטערן לעבן אירן...

אָט איז איר איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק קראַנק צו מאַכן זיך, כדי איר שוועסטער אַליין זאָל זיך קענען צונויפקו־מען מיט וועלוול. נו, איז דאָס איר אָבער נישט געלונגען... ריווע, איר שוועסטער, האָט עס אוודאי נישט אויפגעכאַפּט, נישט פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן מיין דערפון און דערפאַר נישט גע־וואָלט אַוועקגיין מיט וועלוולען אַליין...

— אָט אַן אומגליק! — גיט ליזע אַ טראַכט און נעמט זיך וואַרפן פון איין זייט אויפן צווייטן.

— ליזע, דו שלאָפסט נאָך נישט? — גיט איר אַ פרעג די שוועסטער פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן בעטל.

— ניין.

— פאַרוואָס..?

— איך וויים אַליין נישט.

— ס׳טוט דיר נאָך ווי דער קאָפּ?

— ניין.

— ניין..?

— ניין.

— געבן דיר אַ נאַס האַנטוך צום שטערן?

— ניין.

— ניין..?

— ניין.

אויף א ווײַלע איז שטיל געוואָרן. יעדע איינע פון זיי האָט זיך באַמיט צו ליגן רואיק אין בעט, נישט צו שטערן דער אַנדע־רער דעם שלאָף. בײַ ליזען אין מוח האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן שווערע געדאַנקען, ס'האָט זיך איר מיטאַמאָל פאַרוואָלט דער־ציילן די שוועסטער דעם גאַנצן בלוטיקן אמת אירן... אַז זי איז גאָרנישט קראַנק געווען. דער קאָפּ האָט איר גאָר קיינמאָל נישט ווי געטון... און אַז זי האָט זיך עס בלויז געמאַכט קראַנק כּדי זי, ריווע אַליין, זאָל קענען אַוועקגיין מיט וועלוולען... ווײַל זי איז זיכער, אַז וועלוול האָט זי ליב... און אַז ער וואָלט שוין מיט איר לאַנג חתונה געהאַט ווען זי, די עלטערע שוועסטער, שטייט זיי נישט אין וועג...

אוודאי, אוודאי אַזוי — טראַכט ליזע ווײַטער — זי מוז דאָס איר דערציילן... זי זעט דאָך שוין אַז זי מוז... אַנדערש וועט ריווע קיינמאָל נישט אַרויסגיין מיט וועלוולען אַליין... און זי וועט נאָך אויך פאַרזעסן ווערן...

אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס? ווי הויבט מען דאָס איר אָן צו זאָגן? ווי קען מען דאָס אַזוי עפּעס א פּאַרוויטיקט האַרץ..? און ריווע וועט איר נאָך אַרויסווײַזן גרויס רחמנות אָדער מיט־געפיל, ווי זי רופט דאָס... און ריוועס רחמנות טוט דאָך איר אַזוי ווי...

זי האָט זיך פאַרלוירן אין געראַנגל פון אירע אייגענע גע־דאַנקען און אַליין נישט געפילט ווי זי הויבט אָן צו רעדן:

— ריווע, דו שלאָפסט?

— ניין.

— פאַרוואָס..?

— איך ווייס אַליין נישט.

— ס'טוט דיך עפּעס וויי?

— ניין.

— ניין..?

— ניין.

און ווידער איז שטיל געוואָרן אין קליינעם צימערל. ליזע

האָט שוין אָבער נישט געקענט איינרוען און אין א פּאָר מינוט אַרום איבעראַניים אָנגעהויבן:

— ריווע..?

— וואָס?!

— גאָרנישט! — האָט ליזע געענטפערט און אין א ווײַלע אַרום צוגעגעבן:

— ריווע דו ווייסט?

— יאָ...

— דו מיינסט אז דער קאָפּ האָט מיר טאַקע ווי געטון?

— נאָר וואָס..?

— איך האָב זיך געמאַכט...

— וואָס..?!

— אָט דאָס וואָס דו הערסט.

— וואָס מיינסטו?! — איז ריווען אַלץ שווער געווען צו פאַרשטיין איר שוועסטערס רייד.

— אָט דאָס וואָס איך זאָג.

— צו וואָס האָסטו דאָס געטון..? — האָט זיך שוין ריווע אינגאַנצן אויסגעטשוכעט פון איר פאַרחלומטקייט.

— איך ווייס אַליין נישט...

— וואָס הייסט..?

ליזע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן און נישט געקענט. ס'האָט איר אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלז, און געפילט האָט זי, אַז צוזאַמען מיטן ערשטן וואָרט וואָס זי וועט אויסרעדן, וועט זי אין א שרעקלעכן געוויין אויסברעכן: און אַזוי ווי וויינען האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי דערפאַר געשוויגן. דאָס שווייגן האָט איר אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן; דער שטראָם טרערן האָט זיך אַליינס אַרויסגעריסן און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך איר נאָך שטילערער געוויין **צעטראָגן...**

ריווע איז פון איר בעטל אַרויס, צוגעגאַנגען צו איר על-טערע שוועסטער. אַריינגענומען איר אין אירע אָרעמס, צאַרט געגלעט אירע האָר און נישט אויפגעהערט צו בעטן איר, אַז זי זאָל זיך באַרואיקן.

— ריווע, דו ווייסט? — איז ליזע עטוואָס מונטערער געוואָרן.

— וואָס, שוועסטער?

— איך האָב זייער געוואָלט אַז דו זאָלסט אַוועקגיין מיט וועלוועלען אַליין...

— וואָס הייסט..?

— כ'וויים... ער וואָלט אַוודאי נעַנטער געוואָרן צו דיר...

— משוגענע! — האָט ריווע זיך אַ צאַפּל געטון.

— ער מיינט אפשר מיט דיר חתונה צו האָבן... — האָט ליזע ווייטער גערעדט.

— לי—זע!..

— יאָ שוועסטער, יאָ. דו האָסט עס אפשר געדאַרפט טון...

— ליזע..? — האָט איר ריווע ווידער איבערגעריסן.

— אַוודאי האָסטו עס געדאַרפט טון... מילא איך, איך בין שוין פאַרפאַלן... איך בין שוין אַלט, אָפּגעלאָזן, אָן לעבן... אָבער דו, דו ריווע...

— ליזע..?! —

— איך ווין נישט ריווע, איך ווין נישט. — האָט זי גענומען ווישן די אויגן.

— ליזע דו שרעקסט מיך! — האָט זיך ריווע אויך צעוויינט.

— שרעק זיך נישט שוועסטער, כ'וויים וואָס איך רעד... און דערפאַר טאַקע זאָג איך עס דיר... מוזט דאָך וויסן דעם אמת... קוקן דעם לעבן גלייך אין די אויגן. מיר זענען יתומות... טאַטע־מאַמען האָט מען דערהרגעט... דאָ זענען מיר אין אַ פרעמד לאַנד... פאַרוואָרפענע, עלנטע און איינזאַמע... קיינער קען אונז נישט און מיר קענען קיינעם נישט... ענדיקט זיך די אַרבעט אין פאַבריק, האָבן מיר נישט אַ סענט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען... און נישט אַ מענטשן צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן... און אויב איך מוז שוין זיין אַזוי איז נאָך אָבער דיין ברירה ביי דיר אין די הענט... טאָ האָב חתונה, ריוועלע, וועל איך זיך באַטשבי קענען צוטוליען צו אַ גליקלעכע שוועסטער.

— ליזע, וואָס רעדסטו? בּאַרואיק זיך..! — האָט ריווע אָנגעהויבּן מיט טרערן אין די אויגן. — נישקשה, דו זעסט נאָך גאַנץ גוט אויס... אַלע נעמען דיך יונגער ווי דו בּיזט... איך האָבּ נאָך צייט... פריער האָבּ דו חתונה און נאָכדעם וועל איך זען...

— ניין. איך וויל אַז קומענדיקן שבת זאָלסטו אַליין אַוועק־גיין מיט וועלוולען.

— און דו?

— איך וועל זיך מאַכן קראַנק.

— ניין!

— יאָ...

— ניין..!

— פאָלג ריווע, פאָלג מיך! אַט טאַקע צוליב דעם ווייל דו האָסט נאָך צייט, דאַרפסטו מיך פאָלגן — האָט ליזע ווידער אָנגעהויבּן צו וויינען.

— ניין. איך קען נישט...

— אָבּער, איך בּעט דאָך דיך.

— פאַרוואָס זאָלסטו מיך בּעטן ווען דו ווייסט אַז ס'טוט מיר וויי..?

— טאָ פאַרוואָס זאָלסטו מיך נישט פאָלגן ווען דו ווייסט אַז ס'טוט מיר וויי? — האָט ליזע קוים אויסגערעדט. און אַרומ־נעמענדיק איר שוועסטער זיך איבּעראַניים פאַרגאַנגען אין אַ שטיל געוויין.

לאַנג, לאַנג זענען זיי בּיידע אַזוי געלעגן איינגעטוליעט איי־נער אין צווייטן און געוויינט. בּיטער געוויינט. יעדע איינע פון זיי האָט געוויינט אי פאַר זיך און אי פאַר דער שוועסטער... ערשט אין שעהן אַרום האָבּן זיי זיך אַ בּיסל אויסגעניכטערט, און ליזע האָט די ערשטע אָנגעהויבּן:

— נו, וואָס זאָגסטו?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט ריווע קוים אויסגערעדט.

— זע, מוטשע מיך נישט!

— גוט...

— ווּעסטו אַרויסגיין מיט אים אַליין? — איז ליזע לעבע־דיקער געוואָרן.

— יאָ... — האָט ריווע, נאָך מער פאַרשעמט ווי פריער, געענטפערט.

— אָ, טייערינקע מיינע! — האָט ליזע אַרומגעכאַפּט די שוועסטער און נישט אויפגעהערט צו צערטלען איר.

און שפּעטער, ווען ריווע איז שוין געלעגן אין איר אייגן בעט, האָט נאָך ליזע לאַנג, לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. ריווע האָט געהערט פון וויַיטן ווי איר שוועסטער דרייט זיך און וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. האָט זי געוואָלט אַראָפּגיין, צוגיין צו ליזען און טרייסטן איר: פאַרזיכערן, אַז זי וועט איר נישט פאָלגן... אַז זי אַליין וועט נישט אַוועקגיין מיט וועלוועלען... און אַז זי וועט נישט חתונה האָבן פריער פאַר איר...

אַזוי האָט ריווע געוואָלט זאָגן איר עלטערע שוועסטער און בשום־אופן נישט געקענט. עפּעס האָט זי מורא געהאַט... און דערפאַר האָט זי איר גאָרנישט געזאָגט, מיט גאָרנישט געטרייסט איר און איז געבליבן ליגן אין איר אייגן בעטל אַ שטאַרק פאַר־קלעמטע...

— — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן, זונטאָג, זענען זיי ביידע זייער שפּעט אויפגע־שטאַנען. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אויסגעמיטן איינע די אַנדערע. זעלטן ווען אויסגערעדט אַ וואָרט צווישן זיך און בשעת־מעשה זיך געשעמט און געשראָקן אויפצוהויבן אַ ביסל העכער די אויגן. ווען זיי קאָנען וואָלטן זיי זיך פון זיך אַליין באַהאַלטן...

5

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי ביידע אומגעדולדיק געוואַרט אויפן שבת־צו־נאַכט. ריווע האָט, פאַר דער גאַנצער צייט, פשוט גע־שעמט זיך אויסצורעדן אַ וואָרט מיט ליזען. יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט ליזעס טויט - בלאַסן פּנים האָט זי זיך דערפילט זייער שולדיק קעגן איר אייגענע שוועסטער... און נאָך

אַלעמען האָט איר פונדעסטוועגן גענוג געדרייצט דער קומענדיקער שבת־צו־נאַכט: „אפשר וועל איך טאַקע חתונה האָבן מיט וועלוור־לען..?״ — האָט איר געצערטלט אַ געדאַנק אין די מינוטן ווען איר שוועסטער איז נישט געשטאַנען אַנטקעגן די אויגן...

— און שפּעטער וועט נאָך אפשר ליזע אויך חתונה האָבן..? — האָט זיך ריווע געוואָלט איינגאַנצן באַרואיקן

און ליזע האָט זיך אַליין אויך נישט געקענט קלאָר מאַכן פאַרוואָס זי איז אַזוי אומגעדולדיק. געפילט האָט זי נאָר אַז זי איז זייער נייגעריק צו וויסן וואָס דער קומענדיקער שבת־צו־נאַכטס וועט זיי ברענגען. זי האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס האָט גאָר געקענט געשען; זי איז דאָך, דאַכט זיך, אַליין צו־געשטאַנען צו איר שוועסטער, אַז זי זאָל איר פאָלגן... זי אַליין האָט זיך דאָך ביי איר געבעטן אַז זי זאָל אַרויסגיין מיט וועלוור־לען... און פונדעסטוועגן האָט זי איצטער אָנגעהויבן מורא צו האָבן דערפאַר...

— ריווע האָט גאָר קיין חרטה נישט אויף איר צוזאָג!

— אדרבא, זי וועט גאָר אויס זייער צופרידן..! — האָט אַ ניי וועדימל אָנגעהויבן צו עקבערן ליזעס האַרץ... און געשראָקן האָט זי זיך טאָמער וועט טאַקע ריווע ווערן אַ כּלה... עפּעס איז איר אויסגעקומען, אַז מיט דעם ווערט אונטערגעשריבן אַ מין גאַ־ראַנטיע, אַז זי, די כּלהם עלטערע שוועסטער, בלייבט שוין אויפן גאַנצן לעבן אַ פאַרזעסענע מויד...

די אָנגעצויגנסטע צייט האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבן שבת נאָך צוועלף אַ זייגער, ווען זיי זענען ביידע שוויגנדיקע פון פאַ־בריק אין צימער אַריין און מער נישט געדאַרפט גיין צוריק צו דער אַרבעט ביז מאָנטאָג אינדערפרי.

קיינע פון זיי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך אַליין. יעדע איינע פון זיי איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטע צום אָרט און מורא געהאַט אַ ריר צו טון זיך. ריוועך האָט זיך פאַרוואָלט פרעגן איר שוועסטער: „למאי זי ליגט זיך נאָך נישט אין בעט..?״ זי האָט דאָס אָבער, פאַר קיין פאַל, ביי זיך נישט געקענט פועלן...

און שפּעטער, ווען ליזע האָט זיך שוין געהאַט אַליין אַריינ־געלייגט אין בעט מיט אַ נאַס האַנטוך אַרום שטערן, האָט איר ריווע געוואָלט זאָגן, אַז ס'איז נאָך צו פרי... אַז זי וועט דאָס נאָך קענען טון אין אַ שעה אַרום... אַז זי קען וואַרטן ביז ס'וועט גוט פינסטער ווערן... און אַז זי דאַרף נאָך איר נישט ענג מאַכן דאָס צימער אַזוי גיך...

ריווע האָט אָבער דאָס אויך נישט געקענט זאָגן. זי איז געשטאַנען אויף איין אָרט און געשטומט, מורא געהאַט אַז זי וועט נאָך צופיל אויפריען דעם באַרג צרות וואָס ליגט אין בעט און רופט זיך „ליזע"... איר שוועסטערס צער און ווייטיק איז אַפילו אויף איין מינוט נישט אָפּגעטרעטן פון אירע אויגן, ביז זי האָט זיך אַליין גענומען שטראָפן: „למאי זי איז געווען אַזוי פאַרדאַרבן און אַ גאַנצע וואָך אומגעדולדיק געוואַרט אויפן שבת־צו־נאַכטס ווען וועלוול וועט זיך איר אין ליבע דערקלערן..."

וועלוולס קלאַפּ אין טיר האָט זיי ביידן אויפגעוועקט פון זייער קרענקלעכער פאַרטראַכטקייט. זיי האָבן זיך דערפילט עט־וואָס געלינדערט און שטאַרק דערפרייט זיך מיט אים.

— נאָך אַלץ פון פאַראַכטאָגן? — האָט וועלוול געפרעגט ליזען דערזעענדיק איר אין בעט.

— ניין. ס'איז פון היינט.

— קיין טשאָלנט עסט איר דאָך נישט. טאָ וואָס פאַר־שאַדט אייך אַזוי דער שבת?

— אָט דאָס וויל איך טאַקע אַליין וויסן.

— רופן אפשר אַ דאָקטאָר? — איז ער ערנסטער געוואָרן.

— ניין. מ'דאַרף נישט.

— אויב אַזוי זענט איר נישט קראַנק. —

— בין איך טאַקע נישט, — האָט ליזע געלאַכט.

— וועט איר זיך אפשר אָנטון און אַרויסגיין אין ערגעץ?

— ניין. דאָס קען איך נישט.

— און איר ריווע, ווילט נאָך היינט אויך נישט איבערלאָזן די שוועסטער אַליין..?

— איך וויים אַליין נישט...

— גיי, גיי ריווע! וואָס וועסטו זיצן מיט מיר אַליין? אויף דיין מזל קען איך נאָך איבעראַכטאָג ווידער קראַנק ווערן... גיי, גיי! איכל בעסער אויסלעשן די עלעקטרי, זיך אויסשלאָפן און ס'וועט מיר גרינגער ווערן.

— נו, טאָ וואָס זיצט איר? ס'איז שוין שפּעט! — האָט זיך ווערוול געאיילט.

ריווע האָט איר שנעל אָנגעטון. אוועקגעשטעלט לעבן זיך שוועסטערס בעט אַ שטול מיט אַ גלאָז קאַלט וואַסער, און פאַר־זיכערנדיק איר, אַז זי וועט זיך לאַנג נישט זאַמען האָט זי קוים אויסגערעדט אַ „גוטע נאַכט" און איז אַוועק מיט ווערוולען.

ווי נאָר ס'האָט זיך דערהערט דער קלאַפּ פון דער אונ־טערשטער טיר, אַזוי האָט ליזע אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעך גע־וויין. דער צער און עלנט פון אַלע אירע יאָרן האָט זיך ביי איר צוזאַמענגעקליבן. און איר האַרץ האָט זיך געהויבן, געריסן אין פיינלעכן ווייטיק.

— צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט טון? — האָט זי גע־טראַכט ווישנדיק די אויגן מיט איר, פון טרערן אויסגעווייקט, טאַשן־טיכל. — אָט, ריווע וועט שוין אויך חתונה האָבן און איך אַליין בין פאַרלוירן... שוין בלייבן אַז אַלטע מויד ביז אין טויט אַריין...

זי האָט מיט אירע אָנגעשטרענגטע פויסטן ענג צוזאַמענ־געפרעסט איר האַרץ ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז ס'זאָל נישט צעריסן ווערן פון שמערצלעכן ווייטיק...

6

שפּעט ביינאַכט.

— וואָס הערט זיך? — האָט ליזע אומגעדולדיק געפרעגט, גלייך ווי ריווע איז אַריין אין צימער.

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט..?

— גאָרנישט... גאָרנישט... — האָט ריווע שטיל איבערגע־

חזרט, און אריינגעוואָרפן זיך אין בעטל, נישט אויסטוענדיק אַפילו די קליידער.

— וואָס הייסט, ער האָט דיר גאָרנישט געזאָגט? — איז ליזען אַלץ שווער געווען צו פאַרשטיין דאָס.

— ניין.

— טאָ וועגן וואָס האָט ער די גאַנצע צייט גערעדט מיט דיר? — האָט ליזע געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג און שטיל־פריידיקן ציטער.

ריווע האָט געוואָלט בעטן די שוועסטער, אַז זי זאָל איר איצט גאָרנישט פרעגן... אַז זי זאָל בעסער שווייגן... איר לאָזן צורו... זי האָט דאָס איר אָבער נישט געקענט בעטן; ערשט איצט האָט זי דערפילט, ווי ווייט זי האָט געלאָזן איר שוועסטער מקריב זיין זיך פאַר איר... וויפיל האַרצווייטיק זי האָט איר גוטע ליזען פאַרשאַפט... און — ווי זי וואָלט געוואָלט אויסלייזן איר זינד — געפרווט איר פאַרגרינגערן:

— וועגן אַלץ האָט ער מיט מיר גערעדט נאָר נישט וועגן „דעם"...

— ווי אַזוי קען דאָס זיין? — האָט איר ליזע אַלץ נישט אָפּגעלאָזן.

— זעסט דאָך... האָסט אומזיסט געקרענקט שוועסטער... — האָט זיך ריווע, אינגאַנצן אַן אויפגערעגטע, אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

לאַנג, לאַנג האָט נאָך ריווע נישט געקענט איינשלאָפן. ליזע האָט געהערט פון ווייטן ווי איר שוועסטער דרייט זיך און וואָרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. האָט זיך איר פאַרוואָלט אויפשטיין, צוגיין צו ריוועס בעט און איר דערוואַרעמען אַביסל... זאָגן איר, אַז זי איז נאָך יונג. אַז זי וועט נאָך חתונה האָבן. אַז וועלוול אַליין וועט נאָך מיט איר חתונה האָבן. זאָל זי נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָך נאָר געווען דאָס ערשטע מאָל... זי דאַרף זיך אָבער נישט נעמען צום האַרצן דערפון... איז נישט היינט וועט זיין איבעראַכטאָג... וועט זיין איבער צוויי וואָכן... אָבער זיין וועט דאָס זיכער זיין... זי, ליזע, וועט זיך נאָך אַמאָל קראַנק מאַכן... און

אויב ס׳וועט נויטיק זיין וועט זי זיך נאָך אַ סך מאָל קראַנק מאַכן...

אַזוי האָט ליזע געוואָלט זאָגן איר יונגערע שוועסטער און בשום אופן נישט געקענט... זי האָט געצווייפלט צי זי איז, מיט זיך אַליין, אויפריכטיק: ס׳האָט זיך איר געדאַכט, און זי איז כּמעט ווי זיכער געווען, אַז מער קראַנק מאַכן וועט זי זיך שוין קיינמאָל נישט... קיינמאָל נישט... — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן, זונטאָג, זענען זיי ביידע זייער שפּעט אויפגעשטאַנען. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי אויסגעמיטן איינע די אַנדערע. זעלטן ווען אויסגערעדט אַ וואָרט צווישן זיך, און בשעת־מעשה זיך געשעמט, און געשראָקן אויפצוהייבן אַביסל העכער די אויגן: ווען זיי קענען וואָלטן זיי זיך פון זיך אַליין באַהאַלטן...

ס ו ד ו ת

סודות

— שוין ווידער אַ סוד אויף מיין קאָפּ! גוואַלד, וואָס ווילן זיי פון מיינע אַלטע יאָרן..?! — האָט דער אַלטער הערש־לייב אַ קרעכץ געטון, ווינאַר די טיר פון צווייטן צימער האָט זיך צוגע־מאַכט. און דערפילט האָט ער ווי די נאָגעניש אין זיין האַרצן ווערט אַלץ שווערער און שווערער.

— שאַ, — האָט ער פּלוצלונג אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אין דער לופטן ווי ער וואָלט געוואָלט פּאַריאָגן פון זיך די בייזע מחשבות, און שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, האָט ער זיך צוגע־שאַרט צום שלאָף־צימער אין וועלכן זיין זון און שנור זענען אַריין. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין אויער צו דערהערן וואָס זיי רעדן צווישן זיך.

— ניין, ניין, ניין! איך וועל דאָס אים קיינמאָל נישט זאָגן! — האָט דער זון געמורמלט אַן אויפגערעגטער.

— אָבער דו מוזט דאָך! — איז די שנור געבליבן איינגע־שפּאַרט.

— ווער זאָגט דאָס, אַז איך מוז?

— זעסט נישט, אַז ער שטויסט זיך שוין אַליין אָן?

— נו, וועט ער זיך אַליין אָנשטויסן. אָבער איך מיט מיין מויל.

— ש־ש־ש...! ער קען נאָך דערהערן, — האָט די שנור אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין זונס מויל.

— ווי צו מיינע יאָרן, אַז איך האָב אַזוינס דערלעבט! — האָט זיך דער אַלטער הערש־לייב שיר נישט פונאַנדערגעוויינט. און מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט פאַלן לעבן טיר אין חלשות,

האָט ער זיך קוים מיט די לעצטע כּוחות צום דערבייאיקן שטול צוגעשאַרט.

אַ לעצטער שטראַל פון דער פאַרגייענדיקער זון האָט אָנגעפילט דאָס צימער מיט שטילן אומעט. די אָפּגעריסענע קינדערשע קולות וועלכע האָבן זיך פון נאָס דערטראָגן האָבן נאָך שאַרפער געמאַכט די אָנגעשטרענגטע שטילקייט פון אין־הויז. נאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך געגנבעט אויף די ווענט און אויסגעמישט זיך מיט דער בלייכקייט פון הערש־לייבס פּנים.

— אוי, וואָס איז דאָ געשען? — האָט זיך דער זון דערשראָקן ווען ער האָט, אַרויסגייענדיק פון צווייטן צימער, דערזען זיין טאַטנס טויט־בלאַסן פּנים.

— שווער, רופן אפשר אַ דאָקטאָר? — האָט די שנור, מיט אויסערגעוויינלעכער צערטלעכקייט צוגעלייגט איר האַנט צו זיין שטערן.

„ווי גוט זיי זענען דאָס פּלוצלינג צו מיר געוואָרן! ווי זיי ציטערן דאָס פּאָר מיין לעבן! מיין גאָט, ס'אַרא פאַלשקייט! פּונקט ווי אַן אומגעטרייע פרוי צו איר אָפּגענאַרטן מאַן...״ — האָט דער אַלטער הערש־לייב געטראַכט אין זיך. און צו די קינדער האָט ער געזאָגט: — ניין. מ'דאַרף נישט. ס'וועט באַלד איבערגיין.

— אָבער, טאַטע, זע ווי דו זעסט אויס! — האָט זיך דער זון נישט געקענט איינהאַלטן.

— ס'איז גאָרנישט! — האָט דער אַלטער הערש־לייב אַפילו נישט אַ קוק געטון אין זיין זייט.

די קינדער האָבן זיך שטום איבערגעוווּנקען. „אָרעמער טאַטע, דו ווייסט דאָך גאָרנישט, ווי ליב מיר האָבן דיך!״ האָבן זיי ביידע געוואָלט אויסשרייען. זיי האָבן דאָס אָבער נישט געטון. הערש־לייבס אָפּגעהאַקטער ענטפער האָט זיי דערשראָקן. אַ גריזשענדער אומעט האָט זיך פאַרקליבן אין זייערע הערצער און געגאַנגט, געזויגן ס'חיות פון אינעווייניק...

אין צימער איז מאָדנע ענג געוואָרן. קיינער פון זיי האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען: דער אַלטער טאַטע האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויפן זון מיט דער שנור און זיי, די קינ־

דער, האָבן נישט געוואגט אויפצוהייבן זייערע אויגן צום אַלטן צעצער׳טן טאַטן... פונדעסטוועגן האָט קיינער פון זיי דאָס צימער נישט פאַרלאָזן. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן אין כּחות: ווער וועט אויסהאַלטן לענגער דעם פּרעסנדן אומעט...

פאַרן שוואַכערן האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אַלטער הערש-ליב. מיט די לעצטע כּחות האָט ער זיך אין אַ וויילע אַרום פון צימער אַרויסגעשאַרט און אין זיין אייגן בעטל זיך אַריינגעוואָרפן..

נישט אַלעמאָל איז דעם אַלטן הערש-לייבן אַזוי שלעכט געווען ביי די קינדער. נישט נאָר איז אים נישט שלעכט געווען, נאָר ס׳האָט אים טאַקע פון קיין פויגל-מילך נישט געפעלט.

— טאַטע, קום, איכ׳ל דיר קויפן אַן אַנצוג.

— שווער, איר ווילט אפשר אַ גלאָז מילך אָדער אַ פּאָר אייער?

— שאַ, דער טאַטע שלאָפט! — האָט ער פיל מאָל געהערט ווי די שנור האָט אויפמערקזאַם געמאַכט איר מאַן, ווען ער איז אַריין אין שטוב מיט אַ גערודער.

— טאַטע, קום גאָר מיט אונז אין טעאַטער! — האָבן זיך די קינדער (דאַמאָלט איז נאָך די שנור ביי אים פאַררעכנט געווען ווי אַ קינד) נישט איינמאָל געבעטן ביי אים.

און הגם ער האָט זיך מערער מאָל אַנטזאָגט פון די איבעריקע פאַרגעניגנס האָט עס אים דאָך נישט ווייניק פרייד פאַרשאַפט.

— מיינע קינדער זענען טאַקע פאַרט אַנדערש ווי לייטישע! — האָט הערש-לייב דאַמאָלט אָפט געטראַכט.

און ער האָט גאָר קיין טעות נישט געמאַכט אין חשבון. די קינדער האָבן אים טאַקע זייער ליב געהאַט. די גאַנצע ליבע, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זייערע הערצער פאַר אַ קינד, וואָס איז קיינמאָל צו זיי נישט געקומען, האָבן זיי אים, דעם אַלטן טאַטן אָוועקגעגעבן...

אפילו דער סוד פון זייער סודען זיך איז אויך געלעגן אין זייער אויסערגעוויינלעכער ליבע צום טאַטן. זיי האָבן בשום-אופן

נישט געוואָלט, אַז ער, דער טאַטע, זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם זונס געפאַלענע, כּמעט אינגאַנצן פאַרלוירענע, געשעפטן.

די ערשטע צייט האָבן זיי עס געהאַלטן פאַר אַן „איבערגאַנג" אַזאַ: מאַלע וואָס ס'מאַכט זיך! און אַז מ'פאַרלירט אַ פאָר הונ־דער דאָלער דאַרף מען שוין לויפן מיט צער צום טאַטן? — האָט הערש־לייבס זון זיך געישובט מיט זיין פרוי. און זיי האָבן באַ־שלאָסן צו האַלטן עס בסוד פון „אַלטן".

און נאָכדעם איז שוין געווען צו־שפּעט צו אַנטפּלעקן דעם סוד. דער גאַנג באַרג־אַראָפּ איז געווען אַ שנעלער, אַ האַסטיקער. זיי האָבן זיך שוין געדאַרפט ווייזן פאַרן טאַטן ווי אמתע אָרי־מעלייט, און פאַרשאַפן דעם „אַלטן" אַזעלכע אומגעהויערע יסו־רים האָבן זיי נישט געקאָנט.

און וואָס ערגער זייער לאַגע איז געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיי זיך געהיט, אַז זייער אַלטער איבערגעגעבענער טאַטע זאָל זיך, חלילה, נישט דערוויסן פון דעם טיפן צער וואָס זיי טראָגן אין זייערע הערצער. און וואָס מער זיי האָבן זיך געהיט פאַרן טאַטן, אַלץ מער סודות האָבן זיי געהאַט. און וואָס מער זיי האָבן זיך געסודעט, אַלץ גרעסער איז דעם טאַטנס צער און ווייטיק גע־וואָרן...

די ערשטע פאָר מאָל האָט דער אַלטער הערש־לייב גאָרנישט חושד געווען זיינע קינדער: „מאַן און ווייב, מאַלע וואָס זיי דאַרפן רעדן צווישן זיך..." — האָט דער אַלטער טאַטע געוואָלט פאַר־טיידיקן די קינדער און פאַרלייכטערן זיין ווייטיק...

אָבער שפּעטער, ווען דאָס סודען זיך איז געוואָרן אַ ביז גאָר אָפטע דערשיינונג און ס'איז כּמעט נישט אַריבער קיין טאָג, אַז מאַן־און־ווייב זאָלן נישט אַריינגיין אין שלאָף־צימער אויססודען זיך, האָט זיך דער טאַטע דערפילט זייער שלעכט. ער האָט זיך פשוט קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אַ געדאַנק, אַז ער איז דערעסן געוואָרן זיינע איינענע קינדער, האָט גענומען עקבערן זיין מח. און דער געדאַנק האָט אים שיר נישט משוגע געמאַכט.

— ניין. איך קאָן דאָס שוין מער נישט אויסהאַלטן, — האָט אים אָרומגעכאַפּט דער יאוש, ווען ער האָט זיי דערזען דאָס לעצ־

טע מאָל אריינגיין אין צימער. און אַליין נישט פילנדיק ווי מיאוס ס'איז, האָט ער זיך אונטערגעגנבעט הינטער דער טיר.

— אהא, דער זון מיינער בעט זיך: „ניין!" — האָט דער אַלטער הערש־לייב געטראַכט שטייענדיק הינטער דער טיר. ער האָט,נעבעך, נישט קיין האַרץ צו זאָגן עפּעס שלעכטס דעם אַלטן טאַטן...

די שנור שרייט אָבער: „דו מוזט דאָך!"

— מיין קינד ווערט זיך נעבעך: „ווער זאָגט דאָס, אַז איך מוז?"

— די „מכשפה" דונערט אָבער, אַז איך שטוים זיך שוין סיי ווי סיי אָן, אַז איך בין איבעריק... און...

— ש־ש־שאַ!... די מרשעת פאַרמאַכט נאָך מיין קינד ס'מויל... זי האָט מורא, אַז איך וועל דערהערן אירע טייערע ווערטער...

קיין אָוונט־ברויט האָט שוין הערש־לייב נישט געגעסן. און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער כּמעט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן דעם שמועס וואָס ער האָט אונטערגעהערט. און וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם אַלץ ענגער איז אים געוואָרן אין מח.

— ניין, ניין און ניין! — האָט ער כּמעט אויסגעשריען אויפן קול — מאָרגן זאָג איך מיין קינד, אַז איך ווייס שוין פון אַלץ. און אַז ער זאָל זיך נישט זאָרגן, ווייל איך האָב אים נאָך טויזנט מאָל ליבער. און אַז ער דאַרף זיך נישט קריגן מיט דעם ווייב צוליב מיר... ווייל איך, דער טאַטע, גיי אַוועק פון הויז...

— וווהין וועל איך גיין???

— ווו די אויגן וועלן טראָגן, אַבי נישט צו פאַרשטערן מיין קינדס שלום־בית און גליק — האָט דער אַלטער הערש־לייב דער־פילט אַ וואַרימע פליסיקייט איבער זיינע באַקן.

אַז די קינדער האָבן זיך נאָר געסודעט וועגן דערציילן אים, דעם טאַטן, די אמתע לאַגע זייערע, און אַז ער, דער זון זיינער, האָט געשריען, אַז ער וועט דאָס אים קיינמאָל נישט זאָגן, ווייל זיין האַרץ דערלאָזט אים נישט אָנצוטון אַזוי פיל צער דעם אַלטן טאַטן, און זי, די שנור, וואָס איז גאַנצע טעג מיט אים אין שטוב

און זעט ווי ער ווערט פון טאָג צו טאָג פינסטערער און איינגעזונ־
קענער, האָט געטענהט, אַז מ׳מוז אים דערציילן די אמתע לאַגע,
ווייל ער שלאָגט זיך שוין סיי־ווי־סיי אָן, — וועגן דעם אַלץ האָט
הערש־לייב דעם מינדסטן באַגריף נישט געהאַט.

— איך וועל אייך ארויסוואַרפן ווי די הינט! — האָט דער
אַלטער הערש־לייב פּלוצלינג דערהערט אַ געזונט, באַסאָווע קול,
און אויפעפענענדיק די אויגן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז שוין
זייער שפּעט.

— האַנט שוין היינט זאָלט איר זיך ארויסקלייבן פון מיין
הויז! — האָט דאָס באַסאָווע קול ווידער אויסגעדונערט.

— אָבער שרייט נישט אַזוי! דער טאַטע... — האָט זיך די
שנור געגומען בעטן.

— הערסט: „שרייט נישט!" מ׳קאָן דאָך צעפּלאַצט ווערן!—
האָט איר דאָס באַסאָווע קול איבערגעריסן.

דער אַלטער הערש־לייב איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט ניט־
טויט נישט־לעבעדיק, און ארויפכאַפּנדיק אויף זיך די אונטערשטע
קליידער, איז ער אין צווייטן צימער אריינגעלאָפן.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט הערש־לייב אַ וואָרף געטון
זיינע אַנגעשטרענגטע אויגן איבערן ארום.

אָבער, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַ קוק צו טון אויף זיי־
נע, צום טויט דערשראָקענע, בלאַס געוואָרענע קינדער, איז דאָס
באַסאָווע קול אויף אים ארויפגעפאַלן:

— קינדער האָט איר דען? ממזרים, גנבים, גזלנים זענען זיי!
וואָרט, כ׳על זיי!... — האָט ער אַליין נישט געוווסט ווי צו פאַר־
ענדיקן. און אָפּווישנדיק דעם ברי׳איקן שוים פון זיינע ליפּן, האָט
ער גלייך פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך.

— גוואַלד, וואָס איז דאָ געשען? — האָט דער אַלטער טאַטע
געפרעגט מיט די אויגן מער ווי מיטן מויל.

— גאָרנישט, טאַטע, גאָרנישט.

— אָבער עפּעס איז דאָך דאָ פאָרט געשען! — האָט דער
אַלטער אַלץ נישט אויפגעהערט צו ציטערן פאַר שרעק.

— ניין. טאַקע גאָרנישט, טאַטע.

— פונדעסטוועגן?...

— שוין עטלעכע חדשים, אַז מיר האָבן נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. ווײַל אונז דער בעל־הבית אַרויסוואַרפן פון הויז.

— וואָס הייסט?...

— זיי נישט בייז, טאַטע... דיר איז נישט באַקאַנט אונזער לאַגע... מיר האָבן עס די גאַנצע צייט באַהאַלטן פון דיר, ווײַל מיר האָבן דיך נישט געוואָלט מצער זיין אויף אַזוי פיל...

— וואָס ? ? ?

— דאָס וואָס דו הערסט — איז דער זון געבליבן שטיין ווי אַ פאַרמשפּטער.

— און וועגן דעם האָט איר עס זיך אפשר די גאַנצע צייט געסודעט? — האָט דער אַלטער הערש־לייב אויסגעשריען דעם גע־דאַנק וועלכער האָט נאָר וואָס אַ בליץ געטון אין זיין מח.

— יאָ, טאַטע, יאָ.

— טאַקע?! אָט דאָס גאָר איז עס געווען? — האָט דער אַל־טער טאַטע איבערגעפרעגט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער איבערראַ־שונג. און ווען ער האָט דערזען די ביז גאָר פאַרשולדיקטע און צע־שראָקענע פּנימער פון זיין זון און שנור — פון וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן אים דערציילט דעם גאַנצן אמת — האָט ער אין זיך דערפילט אַ שפע פון פרייד און גליק.

— נאַראָנים, וואָס האָט איר זיך וואָס צו זאָרגן? — האָט ער אויסגעשריגן פול מיט שמחה צו זיינע פאַרטרויערטע קינדער, און אַ קוואַל פון פריידיקע טרערן האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אַלטע, נישט־דערשלאָפענע אויגן.

„י ע ז ו ס"

„יעזוס"

1

לכתחילה האָט ער זיך אפילו נישט פאַרטראַכט וועגן דעם; ווען די מיטקוואַרטיראַנטן זיינע האָבן אים, די ערשטע פּאָר מאָל, נע'עצהט אַז ער זאָל אָנהויבן פעדלען מיט די געטער אָדער מיט „יאָשקען", ווי ער פלעגט דאָס רופן, האָט ער געמיינט, אַז זיי שפּאַסן דאָס נאָר... וואָס דען, ערנסט האָבן זיי געקאָנט זיין? וואָס זענען זיי נאַראָנים? וואָס הייסט?... ווי אַזוי קאָן דאָס זיי גאָר איינפאַלן, אַז ער זאָל זיך אַרומשלעפּן מיט די גויאישע געטער איבער די גאַסן פון האַוואַנע?... וואָס איז ער עפּעס אַ יונגעלע, אַ יונג בחורל וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו לעבן אויף דער וועלט? ווי קאָן דאָס גאָר געמאָלט זיין, אַז ער, אַ מיטליאָריקער ייד מיט באָרד און פיאות, אַ מוסמך וואָס איז כל ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה, זאָל מיטאַמאָל ווערן אַ געטער־הענדלער, אַ פאַר־שפּרייטער פון ישו־הנוצרי? ניין. אַפילו זיי אַליין מיינען דאָס אויך נישט ערנסט — האָט ער געטראַכט און נישט געפּרווט אַפילו ענטפערן זיי וועגן דעם. ער האָט נאָר שטיל אָפּגעקרעכצט, אַרומ־געווישט דעם שוויים פון פנים און ווידער געבליבן זיצן אומבאַ־וועגלעך, זייענדיק זיכער, אַז מער וועלן זיי אים וועגן דעם נישט דערמאָנען.

שפּעטער אָבער האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט: זיי, די מיטקוואַרטיראַנטן זיינע האָבן עס טאַקע געמיינט זייער ערנסט. זיי האָבן נאָר נישט געוואָגט אַרויסצוזאָגן דאָס אים גלייך מיטן פולן מויל, האָבן זיי דערפאַר אָנגעהויבן צו שמועסן מיט אים וועגן דעם אויף אַ שפּאַסיקן אופן און אין האַלבע ווער־

טער... זעענדיק אָבער, אַז ער שווייגט, אַז ער איז כּלל נישט אויפגעשפּרונגען פון אָרט ווי אַן אָפּגעבריטער — אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַט פאָרגעשטעלט — האָבן זיי זיך גענומען צו דעם ערנסטער; נישט אויפגעהערט צו באַווייזן אים, אַז ער טאָר גאָר קיין אַנדער פּרנסה נישט זוכן... אַז ווען אַפילו ס'מאַכט זיך אים טאָר ער דאָס אויך נישט אָננעמען ווייל גרעסערע פאַרדינסטן ווי ער, ספּעציעל ער, קאָן האָבן פון פּעדלען מיט די געטער, איז פּשוט אוממעגלעך צו געפינען.

— אָן, יעדן גאָט וואָס איר פאַרקויפט מאַכט איר דאָך טויזנט פּראָצענט ריוח!

— און די קובאַנער האָבן זייער ליב צו קויפן געטער!

— בפרט נאָך ביי אייך, ר' יוסף, וואָס איר זייט אַזוי ענלעך צו דעם ממזר, להבדיל!

— איר וועט זען ווי נייגעריק זיי וועלן זיין צו קויפן ביי אייך!

—און צאָלן וועלן זיי אייך וויפיל נאָר איר וועט אַליין בעטן!

— איך זאָג אייך, ר' יוסף, פּרוווט נאָר! איר וועט זען! די כּפּרה וועלן זיי ווערן פאַר אייך!.. אַפילו ווער ס'דאַרף נישט וועט אויך קויפן ביי אייך אַ גאָט!

אזוי האָבן די מיטקוואַרטיראַנטן געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט אים, אַז ער זאָל ווערן אַ געטער־הענדלער. זיי האָבן נישט געקאָנט צוזען זיין צער און ווייטיק; ווי ער גייט אַרום אַ האַלב - הונגעריקער, איינגאַנצן אַ צעקלעמטער, און האָט אַפילו נישט די מינדסטע אויסזיכט, ווען־נישט־איז צו פאַרבעסערן זיין לאַגע. אגב, האָבן זיי טאַקע געגלויבט, אַז די געטער וועלן פאַר אים זיין אַ קוואַל פון פּרנסה.

און וואָס ערנסטער די מיטקוואַרטיראַנטן זענען געוואָרן אין זייערע שמועסן מיט אים, אַלץ ערנסטער איז ער געוואָרן. ערנסטער און פאַרטראַכטער. געענטפערט האָט ער זיי נאָך אַלץ נישט, וואָרים, וואָס האָט ער זיי געקאָנט ענטפערן?... האָט ער דען געקאָנט אויסשניידן זיין האַרץ און ווייזן זיי ווי עס בלוטיקט, ווי יעדער וואָרט זייערס גיט דאָרטן אַ שאַרפן שניט, אַ ווייטיקדיקן צופּ?...

יוי אזוי קאָנען זיי דאָס פאַרשטיין, אַז זיי ווייסן נישט ווי אזוי ער איז אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן און וואָס פאַר אַן אָרט ער האָט, אין דער אַלטער היים, פאַרנומען... אַ רחמנות־געפיל צו זיך אַליין האָט ער דערפילט: די וועלט האָט אים אַ מיאוס־לאַנגן פלייִשיקן צונג אויסגעשטעלט: ער, יוספקע דער מתמיד, דער איי־שישאָקער עלוי, דער רב, ער דאַרף אַרומגיין פאַרשפּרייטן דעם ישו־הנוצרי איבער דער וועלט....

האָט ער נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט זיין לאַגע. און אין בלויע טראָפּישע פאַרטאָגן איז ער שוין אַרומגעגאַנגען איבער די ענגע גאַסן פון דער אַלטער האַוואַנע; געשלעפּט זיך פון איין ייִדי־שער פאַבריק אין דער צווייטער און אָנגעבאָטן זיין אַרבעט, — צוגעזאָגט צו טון אַלץ אין דער וועלט נאָר ער זאָל קאָנען עפּעס פאַרדינען... אומעטום האָט מען אים אָבער אָנטזאָגט: ווער דאַרף דאָס האָבן אַ ייִדן מיט אַ באָרד אין פאַבריק? ווער וועט עס וואַגן אַ געשריי צו טון אויף אים? ווי אַזוי קאָן מען אַזאַ איינעם אונ־טעראייַלן, יאָגן און טרייבן ווען ס'איז נויטיק?

— ווי קומט איר צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק?

— אין וואָלאָזשינער ישיבה לערנט מען דען שוסטעריי?..

— רבי, איר זענט צו איידל פאַר אונזער אַרבעט!.. — האָבן אים מענטשן אָנגעקוקט מיט רחמנות און נישט געוווּסט ווי צו העלפן אים.

— פאַרוואָס?... און אַז דער גרויסער ר' יוחנן איז געווען אַ שוסטער? — האָט ער זיך געבעטן רחמים.

— דאָס איז געווען אַמאָל, אָבער נישט היינט...

— און היינט?... היינט דאַרף שוין אַ ר' יוחנן נישט עסן?...

— ווילט זיך אים אויסשרייען. ער טוט דאָס אָבער נישט. ער איז שוין צופיל נידערגעשלאָגן. די בסדרדיקע אָנטזאָגונגען פייניקן אים אויס מער ווי דער נאָכאַנאַדיקער צוהונגערן. און דער נדבה־דיקער מיטגעפיל וואָס אַלע ווייזן אים אַרויס ווערט אים אַלץ שווע־רער און שווערער. פאַר זיך אַליין וואָלט ער זיך קיינמאָל אַזוי ניט דערנידעריקט. אין אַ קליין ליטוויש שטעטל זיצט אָבער אַ פרוי מיט דריי קינדערלעך און ווילן עסן; „כאָטשבי אויף ברויט צו

זאט'' — בעט זיך זיין ווייב אין איינעם פון אירע לעצטע בריוו צו אים. און דאָס וואָרט „ברויט'' איז אַזוי געשוואָלן, אויפגעבלאָזן; דורכגעווייקט אין אַן אויסגעווייטיקטע טרער פון אַן אומבאַהאָלפענער מאַמע...

— אם אין אני לי, מי לי! (אויב איך וועל זיך אַליין נישט העלפן, איז ווער וועט מיר העלפן!) — דערמאָנט ער זיך אָן דער משנה פון אבות.

— ניין. איך מוז זיך שטאַרקן...

— איך מוז קריגן אַרבעט! — רעדט ער אוים אויפן קול — כּדי צו דערמוטיקן זיך אַליין, — און אַרויסגייענדיק אין גאַס נעמט ער שפּרייזן ווייטער.

אַ בלאַסער, אַן אויסגעמאַטערטער, מיט אַ ביז גאָר פאַרייאושט פּנים איז ער געבליבן שטיין לעבן טיר און געוואָרפן זיינע גרויסע, הילפסלאָזע אויגן איבערן אַרום כּדי צו דערזען דעם בעל-הבית. פון צווישן די אַרבעטער איז אַ מיטליאָריקער ייד צוגעלאָפן צו דער טיר און האָט אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ פּאָר סענט... ער איז פאַרגליווערט געוואָרן: די אויגן האָבן זיך אים אויסגעכמאַרטשעט, דאָס מויל זיינס האָט זיך געעפנט, די פּאָר סענט זענען אים פון האַנט אַרויסגעפאַלן און אַליין איז ער ווי אַ משוגענער פון פאַבריק אַרויסגעלאָפן...

שפּעט ביינאַכט, ווען די מיטקוואַרטיראַנטן זענען אַהיים געקומען, איז ער אָנגעשטרענגטערהייט פון בעטל אַראָפּ, אַ ווילע באַטראַכט זיי און געזאָגט: „קינדער, איר וועט מיר מאָרגן העלפן אויפקויפן די געטער''. זיי האָבן אים געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר ווען זיי האָבן דערזען דעם צער פון זיינע אויגן האָט זיי ס'לשון אָפּגענומען.

.2

צונויפבינדנדיק ביידע פּעקלעך געטער צוזאַמען, האָט ער אינדערמיט אַ שטיק ליידיקן שטריק געלאָזט כּדי ער זאָל דאָס קאָנען איבערלייגן אויפן האַלז און אַזוי אַרום פאַרגרינגערן דאָס

טראָגן. ער האָט נאָר געדאַרפט צוהאַלטן די פּעקלעך מיט די הענט, אַז זיי זאָלן זיך נישט באָמבלען איבער זיינע זייטן און בויך.

דאָס אויבערשטע בילד פון דער רעכטער זייט האָט פאָרגע־שטעלט ווי די „הייליקע" מאַריע טוליעט צו זיך איר נאָר־וואָס געבוירן יונגעלע און ס'בילד פון דער לינקער זייט — יעזוסן אַלס דערוואַקסענעם.

אינדערמיט פון דיביידע בילדער האָט ער אַליין אויך אויס־געזען ווי גאָטס זון. די אויגן זיינע זענען געווען גרעסער ווי גע־ווינלעך און דאָס פּנים — בלאַסער ווי שטענדיק. אַזאַ טיפער איבערמענטשלעכער ווייטיק האָט געשטראַלט פון אים — טאַקע ווי אַן אָפּגלאַנץ פון דעמזעלבן ווייטיק וואָס ישו־הנוצרי האָט גע־האַט ווען מען האָט אים געפירט קרייציקן...

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ שרפהדיקער. פּערלדיקע טראָפּנס שווייס האָבן זיך געבלישטשעט אין זיין מילד - בלאַסן פּנים און די קליידער זיינע האָבן זיך איינגעקלעפּט אין זיין אויס־געמאַטערטן גוף.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווילע. איבערגעריסן דעם פּלאָנטער פון זיינע שווער־טרויעריקע רעיונות. אַראָפּגענומען פאַ־מעלעך די שטריק פון האַלז, אויסגעגלייכט זיין אָנגעווייטיקטן רוקן, אַראָפּגעשאַרט דעם שווייס וועלכער האָט גוואַלטיק געביסן זיין אָפּגעברענט פּנים און פון ווינקל אויג האָט ער אָפּגעווישט אַ פּאָר טרערן.

פון וויטן האָבן זיך שוין געזען די נידעריק־געבויטע ברע־טערנע הייזלעך פון דערבייאיקן „קאַמפּאָ" (דאָרף). אין דער שטילקייט פון אַרום האָט פון מינוט־צו־מינוט אָפּגעקלונגען דער ווידער־קול פון די דאָרפישע קינדער. ער האָט זיך דערפילט אַביסל מונטערער, לאַנגזאַם אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די צוויי פּעק גע־טער און אין פולן ציטער גענומען שפּרייזן ווייטער, ווייטער.

צו־ערשט האָבן אים באַמערקט די אויסגעמאָגערטע, בלאַסע קינדערלעך וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין גאַס. זיי האָבן גלייך איבערגעריסן די שפּיל און געבליבן שטיין ווי פאַרגאַפטע. דאָס טראָפּישע פייערל פון זייערע שוואַרצע אויגעלעך האָט זיך צע־

צונדן ביים דערזעהן אים: זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען „אַזאַ" מענטש לעבעדיק.

— מאמא, מאמא, און כעזוס וויענע! (אַ יעזוס קומט!) — האָט יעדערער פון זיי געגומען לויפן צו זיך אַהיים.

— מירא (קוק), מירא! — האָבן זיך די קליינגענדיקע קינ־דערישע קולכלעך צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף.

אין די דערבייאיקע פענסטער און טירן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפאַרן פרויען־קעפּ וועלכע האָבן זיך נייגעריק געהויכט אײנע איבער די אַנדערע.

— „סאַנטאַ־מאַריאַ!" (הייליקע מאַריאַ!).

— „קע מילאַגראַ!" (ס׳אַרא ווונדער!).

— „דיאָס מיאָ!" (גאָט מײַנער!) — האָבן זיי אַלע, אײנ־גאַנצן איבעראַשטע, געשעפּטשעט און נישט געקאָנט אָפּרייסן זייערע ביז גאָר אָנגעשטרענגטע אויגן פון דעם „מאָדנעם" מענ־טשען.

יוסף האָט זיך דערנענטערט צו איינע פון די הייזער און אָנ־געוויזן אויף יעזוסעס בילד. דאָס איז געווען אַ שטומער פאָרשלאָג, אַז זיי זאָלן קויפן ביי אים אַ גאָט. אָבער די פרויען — אין זייער טראָפּישער היים־בלוטיקייט — האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער ווייזט זיי ווי ריכטיק ער איז אויסגעמאָלן אויפן בילד... און פול מיט יראת־הכבוד האָבן זיי צו אים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַז ער זאָל אַריינגיין.

— ענטרע, סעניאָר! (קומט אַריין, הער!) — האָט יעדערע באַזונדער אויסגעמורמלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער הכנעה.

ער איז אַריין אין שטוב, אַראָפּגענומען די פּעק פון האַלז, זיך געזעצט אויפן וויג־שטול וואָס מ׳האָט אים אָנגעוויזן, און, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, גענומען פונאַנדערבינדן די „געטער".

פון די שטוביקע האָט זיך קיינער נישט געוואָגט צו זעצן. זיי אַלע און נאָך אַ פּאָר נאָענטע שכנות וועלכע האָבן שוין באַוויזן אַריינצוקומען, האָבן אים אַריינגענומען אין אַ קרייז און נישט אויפגעהערט צו עסן אים מיט זייערע גרויס־געוואָרענע אויגן.

— טיענעם היכאָ? (האָסט א זון?) — האָט א יונגי שיקסל ציטעריק געפרעגט.

— „דאָס" (צוויי).

— און זיי זענען אויך אזוי שיין ווי דו? — איז שוין א צווייטע געוואָרן אויפגערעגט.

— איך ווייס אַליין נישט...

— „מירא, על מיסמאָ טאַמפּאָקאָ סאוועֿ!" (זע, ער אַליין ווייס אויך נישט!) — האָבן זיך די מיידלעך דערפילט אין א מאָדנער פאַרלעגנהייט. א ווײַלע האָבן זיי זיך שטיל אָנגעקוקט און פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין א שעמעוודיק געלעכטער: „כהאַ־כהאַ־כהאַ, כהאַ־כהאַ־כהאַ" — האָט זיך זייער הייזעריק געלעכטער צעקלונגען איבערן אָרימען שטיבל.

— „קע פּאַסאָ"? (וואָס איז געשען?) — האָבן מאַמעס געקוקט מיט בייזקייט אויף די טעכטער.

— „נאַדאַ!" (גאָרנישט!) — האָבן זיך די שיקסלעך איינגעקלאַמערט איינע אין די אנדערע און געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז: „על מיסמאָ טאַמפּאָקאָ סאווע, טאַמפּאָקאָ סאווע!.." כהאַ־כהאַ־כהאַ, כהאַ־כהאַ־כהאַ־אַ־אַ, — האָט זיך זייער פאַרשטיקט ׳ געלעכטער ווידער צעגלעקלט און יעדערע פון זיי האָט זיך נאָך ענגער איינגעטוליעט אין איר חברטעס לייב...

— אי קאָמאָ טע יאַמאַס? (און ווי הייסטו?) — האָט זיך איינע פון די שיקסלעך פּלוצלינג אַרויסגעריסן פון איר חברטעס אָרעמס.

— כאָסע (יוסף).

— קאָמאָ?!... (ווי?) — האָבן עטלעכע פרויען אויסגעשריגן אין איין קול.

— כאָסע...

— כאָסע־כעזוס! (יוסף־יעזוס!) — האָבן דאָרפישע פויערטעס אָנגעהויבן צו מורמלען און צוזויפגערעדט זיך אויפן ווונק מער ווי מיטן מויל.

— און דיין זון ווי הייסט? — האָט זיך דאָס שיקסל נישט געקאָנט איינהאַלטן.

— כואַן.

— „כואַן, כואַן!“ — האָבן די שיקסלעך ווידער גענומען הזרן. אַ שוים האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון זייערע מיילער. פאַר־שעמטערהייט האָבן זיי איינע די אַנדערע, אויף אַ ווילד משונהדיקן אופן, אין צוווייטן צימער אַריינגעשטופּט.

אויף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. די אַרומיקע זענען נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דעם נאַר וואָס געשעענעם. יוסף אַליין האָט שוין אָבער מער קיין געדולד נישט געהאַט:

— נו, קאַמפּראַ? (קויפן?) — האָט ער געפרעגט אויפהויבנ־דיק זיינע אויגן אין וועלכע דער צער פון דער וועלט איז געלעגן. מער האָט ער, אויף שפּאַניש, נישט געקאָנט זאָגן וועגן דעם, נאָר ס'איז אים נישט נויטיק געווען אויך. יעדע איינע האָט ביי אים געקויפט אַ „גאָט“, געגעבן האַנט־געלט — פון וועלכן ער האָט שוין געהאַט אַ היפשן פאַרדינסט — און דאָס איבעריקע צוגע־זאָגט אויסצוצאָלן.

צוריק אַהיים איז ער געגאַנגען מיטן שטריק אַליין; אַלע גע־טער האָט ער פאַרקויפט. ער האָט זיך געפילט זייער לייכט, אַזוי גרינג ווי נאָך קיינמאָל נישט: קיין פּעק צו שלעפּן האָט ער נישט געהאַט און אויסערדעם האָט זיך נאָך אין אים צעשפּילט די האָ־פענונג, אַז ער וועט שוין מער נישט ליידן פון הונגער און נויט...

3

שפּעטער האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט און ס'איז אים פּשוט שווער געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי ער האָט זיך געביטן; מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילטיקייט ער האָט דאָס באַטראַכט יעזוסעס באָרד, אוועקגעגאַנגען נאָכדעם צו אַ קובאַנער שערער און אונטער־געשוירן זיין בלאָנד בערדל פּונקט ווי יעזוסעס אויפן בילד..

— דיין מאַמע האָט געמוזט זיין זייער אַ פרומע! — האָט אים דער שערער דאַמאָלט געזאָגט מיט אַ געוויסע זיכערקייט.

— פון וואַנען ווייסטו?...

— ווען זי האָט מיט דיר פאַרשוואַנגערט איז זי אודאי נישט

אָפּגעטראָטן פון יעזוסעס איקאָנע...

— ס׳קאָן זיין... — האָט זיך יוסף זייער געפרייט.

— ווי אַזוי האָט ער דאָס געטון?

— ער ווייס אַליין נישט. ער ווייס נאָר, אַז די קריסטלעכע פרויען, זיינע קונדן פון די ארומיקע דערפער, ווארטן אויף אים ווי יידן אויף משיחן. זיי פארגעטערן אים ממש און גיבן אים צו לייזן א סך מער ווי ער אַליין דערוואַרט.

ווער ער איז ווייסן זיי נישט. ער האָט זיי קיינמאָל נישט דערציילט, אַז ער איז א ייד; און עד־היום וואונדערט ער זיך נאָך ווי אַזוי ער האָט געקאָנט פארלייקענען זיין יידישן אָפּשטאַם... ער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל שפּאַניש (איבערהויפּט פסוקים פון נייעם טעסטאַמענט) און ער שמועסט מיט די פּויערטעס ווי אן אמתער „סאַנטאָ" (הייליקער).

און אַמאָל, אַז א קונד זיינער גיט אים א פרעג: „קע ערעס טו?" (וואָס ביסטו?) פּאַרגלאָצט ער די אויגן צום הימל און ציי־לענדיק די ווערטער הויבט ער אָן:

— וואָס מאַכט דאָס אויס ווער איך בין?...

— אַלע זענען גאָטס קינדער...

— און די „כודיאָס"? (יידן) — קאָנען זיך די ווייבער נישט איינהאַלטן.

— די „כודיאָס" זענען אויך גאָטס קינדער. זיי זענען נאָר די זינדיקע. זיי האָבן געקרייציקט אונזער „סעניאָר כעזוס"... אָבער אַלצאיינס זענען זיי גאָטס קינדער. אפילו כעזוס אַליין האָט זיי מוחל געווען, — פאַרענדיקט ער מיט א פרומען קרעכץ.

— און דו אַליין, האָסט טאַקע ליב די „כודיאָס"?

— אודאי.

— „דע־ווערדאַס?" (אין דער אמתן?)

— אי קע? (איז וואָס?) — שטעלט ער אָן א פאַרוואונדערט פנים און גיט באַלד צו: מיין ליבע צו זיי איז נישט אַזוי שטאַרק ווי צו די קריסטן, אָבער ליב האָב איך זיי... א זינדיקן קאָן מען אומקערן אויפן ריכטיקן וועג נאָר דורך ליבע, אַזוי האָט געזאָגט אונזער „סעניאָר כעזוס"...

— טיענע דערעטשאַ! (ער איז גערעכט!)
— אי ביען קע סי! (און נאָך ווי!)
— עס און װערדאַדערע סאַנטאַ! (ער איז אַן אמתער הײליקער!) — שלינגען די אַרומיקע פּרויען זײנע װערטער.
— און דו אַליין, האָסט שוין אַמאָל געזען אַן אמתן ייד? — קאָנען זיי אַלץ נישט שטילן זייער נייגעריקייט.
— יאָ.
— אַװו?...
— דאָרטן, אין אײראָפּע.
— און װי זעט ער אויס?..
— אַזוי װי מיר.
— טאַקע?!
— יאָ.
— „סי על לאַ דיסע, דעבע סער װערדאַד!" (אַז ער זאָגט דאָס מוז עס זיין אמת) — װינקען די פּויערטעס איינע צו דער אַנדערער, און זייערע פּנימער ווערן ערנסט און אָנגעשטרענגט װי אין מינוטן פון שטאַרקער דערהויבונג.

יוסף רעדט נישט מער. ער איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט זיך אַליין. ער לאָזט די פּויערטעס באַטראַכטן די מוסטערן פון די „געטער" (ער נעמט שוין אָן נאָר באַשטעלונגען װעלכע ער שיקט אָפּ דורך פּאָסט) און אַליין חשבונט ער גאָר בשעת־מעשה װו ער האַלט אין דער װעלט; װיפיל געלט ער האָט אין באַנק, װיפיל מען איז אים שולדיק און נאָך װיפיל טויזנטער ער איז בכח צו מאַכן אין משך פון קומענדיקן יאָר, אויב דאָס געשעפט װעט זיך אפילו פאַרבעסערן נישט מער װי אויף פופציק פּראָצענט...

— נו, דאַרף אַ מענטש דאַגהן?.. — צעגיסט זיך אַ גליקלעכער שמייכל אויף זיין פּנים און אין האַרצן טראַכט ער: אַ דאַנק דיר און אַ לויב דיר רבונו־של־עולם װאָס דו האָסט אַמאָל געבראַכט יעזוסן אויף דער װעלט...

.4

א נייער געטער־הענדלער האָט זיך אין זעלבן געגנט באַוויזן. טאָג־איין, טאָג־אויס האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די דער־פער, אָפּגעשטעלט זיך לעבן יעדן שטיבל, אַראָפּגעשאַרט דעם ברײ־איקן שווייס פון פּנים און האַלז און מיט אַ ציטער אָנגעקלאַפּט אין דער קובאַנער גאַסט־פרײַנטלעכער טיר.

— קאָמפּראַן אַלגאָ!... (קויפט עפּעס!) — האָט ער זיך גע־בעטן מיט אַלע זײַנע גלידער.

ברייט צעגאָסענע מאַמעס און לײַדנשאַפטלעך געפורעמטע טעכטער האָבן אים אָנגעקוקט מיט רחמנות. געטרייסט און גע־לאַסטשעט אים מיט די ווייכקייט פון דער שפּאַנישער שפּראַך און מיט די צאַרטקייט פון זייערע גרויסע סאַמעטענע אויגן... זיי האָבן אים אפילו געוואָלט אַרויסהעלפן מיט אַ נדבה, אָבער פון די געטער זײַנע האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט...

— לאַמענטאָ... (כ׳באַדויער) — האָט ער כמעט אומעטום געקראָגן דעם זעלבן ענטפער.

— קאָמפּראַ אי נאָ לאַמענטאַ!... (קויף און באַדויער נישט).

— טיענעס ראַסאָן! (ביסט גערעכט!) — האָבן די פרויען געענטפערט מיט אַ לײַכטן שמייכל.

און ער איז געשטאַנען מיט זײַן פאַרקלעמט פּנים און צע־צערטע אויגן, געקוקט אויף די פרויען און בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין הלמאי זיי זענען אַזוי פאַרעקשנט.

עטלעכע קינדערלעך האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום אים; באַטראַכט זײַן ערנסט פּנים, פאָרזיכטיק אָנגערירט די רעמלעך פון די אָפּגעדעקטע בילדער און גענומען שפּילן זיך מיט דעם.

— מירא, מיראַ! (זע, זע!) — האָבן זיי געוויזן איינע די אַנ־דערע זייערע, אין שטויב פאַרשמוצטע, פינגער און האַרציק צע־לאַכט זיך.

— זאָג דײַן מאַמען זי זאָל קויפן אַ „סאַנטאָ״! — האָט ער אַ גלעט געטון איינעם פון די קינדער.

דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו לאַכן; ער האָט פאַריסן זײַ־

נע אויגלעך צום געטער־הענדלער און פון געטער־הענדלער צו דער מאמען... ס'איז אים שווער געווען צו באגרייפן וואס דא קומט פאר.

— קע בוענא ערעס! (ווי גוט דו ביסט!) — האט די מאמע ארומגענומען, מיט רירנדער ליבשאפט, איר ערנסט געווארן קינד.

— איך האב אויך אזא קינד אינדערהיים!... — האט זיך דער געטער־הענדלער שיר נישט פונאנדערגעוויינט.

— מירא, פארעסע אונא מוכער! (זע, פונקט ווי א פרוי!) — זענען די פויערטעס נשתומם געווארן, דערזעענדיק די גלאנציקע טרערן אין די ווינקלען פון זיינע אויגן.

— א מאן זאל וויינען!

— און דאס איז א פארזארגער פון א ווייב מיט קינדער!...

— ווי קאמיש!... — האבן זיך א פאר יונגע שיקסלעך נישט געקאנט איינהאלטן און ארייגעלאכט אים אין פנים אריין.

האט ער זיך פארשעמט: א קוק טוענדיק אויף זייערע ברייט־צעשמייכלטע אויגן האט ער דערפילט זיין אומבאהאלפנקייט און איז אוועק. די פיס זענען אים געווארן שווערער און אין מח — ענגער. פונדעסטוועגן האט ער זיך געשטארקט; געגאנגען פון דארף צו דארף, אנגעקלאפט אין יעדער טיר און פול מיט הכנעה פאר־געלייגט זיין סחורה:

— קאמפראן!... (קויפט!)

— אז איר וועט מיר העלפן, וועט גאט אייך העלפן!

— און איך פארקויף זייער ביליק! — האט ער יעדן איינעם אריינגעקוקט אין די אויגן.

ער האט אבער זייער זעלטן געטראפן אימיצן, וואס זאל זיך קוואפען אויף זיינע ביליקערע פרייזן. כמעט אלע האבן געווארט אויפן „סאנטא" — אויפן הייליקן פעדלער וועלכער איז אזוי ענ־לעך צו גאט אליין... און אים, דעם נייעם געטער־הענדלער, האבן זיי ארויסגעפטרט מיט גארנישט:

— איך דארף נישט!

— לאמענטא מוטשא! (כ'באדויער זייער).

— מיר האָבן שוין געקויפט ביי אַן אַנדערן... — האָט ער שוין געוווּסט אַלע ענטפערס אויף אויסנווייניק.

— און אַז נישט קיין געטער איז שוין נישטאָ מיט וואָס צו פעדלען? — איז ער אַלע טאָג געקומען צו זיינע לאַנדסלייט איינגאַנצן אַ פאַרביטערטער.

— און עפּעס אַנדערש מיינסטו איז גרינגער?

— אין מויל קומט קיין זאַך נישט צו פליען!

— און וואָס ווילסטו טון מיט די שוין געקויפטע געטער?...

— האי קע טראַוואַכאַר! (מען דאַרף אַרבעטן) — האָט אים איינער פון די לאַנדסלייט געוואָלט ווייזן, אַז ער קען רעדן שפּאַניש.

— אָבער מיין אַרבעט איז דאָך אומזיסט!..

— דערווייל אַרבעטסטו טאַקע אומזיסט, אָבער מיט דער צייט וועט זיך עס באַצאָלן! — האָבן אים די חברים געפּרוווט טרייסטן.

— „מיט דער צייט, מיט דער צייט!" — איז ער געוואָרן ביז גאָר נערוועאיש, און אַליין נישט געוווּסט אויף וועמען ער שרייט. „מיט דער צייט, מיט דער צייט", האָט ער ווידער איבערגעחזרט, שוין נישט מיט זיין קול און, ווי אין אַן אַנפאַל פון ווילדער משוגעת, גענומען אַרומלויפן הין־און־צוריק איבער דעם ענגן צימערל...

5.

ס'איז פינסטער געוואָרן אינמיטן העלן בייטאָג. דער רייןטראָפּישער הימל איז פּלוצלינג פאַרוואָלקנט געוואָרן. פון דער ערד האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן כוואַליעס היץ און די לופט איז געוואָרן ענגער און צוזאַמענגעפּרעסטער. יעדע מינוט האָט געקאָנט אָנהויבן גיסן פון הימל ווי מיט עמערס.

„קאַמפּעסינאָס" (ישובניקעס) — וועלכע זענען געריטן אין שטאָט אַריין — זענען געוואָרן אומגעדולדיק; מורא געהאַט, אַז דער רעגן וועט זיי נאָך פאַרכאַפּן אינמיטן וועג. האָבן זיי פאַרוקט

די „טיכאַנאָס" (גרויסע שטרויענע היט) אויף הינטן, צוגעפּעס־טיקט די פּאַלמע־קאַשיקעס מיט די עופות פון איין זייט זאָטל און די קאַנען מילך, — פון דער צווייטער זייט זאָטל און גענומען יאָגן די פערד מיט אַלע כּחות.

— פּראַנטאָ (גיכער), פּראַנטאָ!

— ס'וועט באַלד אָנהויבן צו מבולען!

— וועסט נאָך צעווייקט ווערן מיט דיינע געטער אינמיטן פעלד! — האָבן די רייטער רחמנות געהאַט אויפן אָרימען פוס־גייער און נאָך שטאַרקער איינגעקוועטשט זייערע שפּאָרן אין די פערדישע לייבער.

און ער האָט קוים גערירט די פיס. די טריט זיינע זענען גע־ווען שווערע, אויסגעהאַמערטע. ס'איז שוין נאָך האַלבן טאָג און ער האָט נאָך קיין איין גאָט נישט פאַרקויפט.

אין נאָענטסטן דאָרף איז ער אריין אינגאַנצן אַן אויסגע־ווייקטער. דערזען אַן אָפענע טיר און אַ שטוב פול מיט מענטשן, האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אינעווייניק, אַוועקגעשטעלט דאָס פּעקל געטער אין ווינקל הינטער דער טיר און גענומען אָפּציען זיינע נאַסע קליידער פון זיין נאָך נאַסערן גוף.

— נאַ דיר פינף דאָלער און שיק מיר צו קומענדיקע וואָך אַזאַ „סאַן־אַנטאָניאָ"! — האָט ער דערהערט ווי אַ פרוי רעדט צו אימיצן.

— און מיר „יעזוס ביים ברונעם"!

— איך נעם דעם „סאַנטאַ־פּאַולאָ". נאַ דיר דערוויל דריי דאָלער און די איבעריקע וועל איך אויסצאָלן.

— זע, פאַרגעס נישט אָפּצושיקן מיר מיין „סאַנטאַ־מאַריאַ"!

— און איך וויל „די מאַמען מיטן זון"! — האָבן די פרויען איבערגעשריגן איינע די אַנדערע.

ער האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט; געמיינט, אַז ס'איז נאָר אַ חלום. איינער פון זיינע זיסע ביינאַכטיקע חלומות אין וועלכע ער דערזעט זיך צווישן רעדלעך פויערטעס וואָס רייסן זיך צו קויפן ביי אים אַ גאָט. ער האָט געוווסט, אַז אַזאַ גליק קאָן

טרעפן אין חלום, אָבער אַז ס'פּאַסירט אויך אין דער ווירקלעכ־קייט־האָט ער אפילו נישט געחלומט..

— וואָס קאָן דאָ זיין? — האָט ער זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין — הלמאי ער האָט נאָך פריער נישט אַ קוק געטון אין יענעם ווינקל — און געמאַכט אַ פּאָר טריט פאַראויס.

ער איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפטער. גענומען ציטערן מיט אַלע זיינע גלידער און געזוכט צו באַהאַלטן זיין אייגענע אי־בעראַשונג: ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ מענטש וואָס זאָל זיין אַזוי ענלעך צו יעזוסן.

— אַזוי, אַזוי! — האָט ער גענומען מורמלען צו זיך אַליין; נאָכגעקוקט ווי יוסף פאַרגלאָצט אַלע ווײַלע זיינע אויגן צום הימל און בענטשט די פּויערטעס ווי אַ רבי זיינע חסידים.

— אומהו!.. — איז ער נתפּעל געוואָרן פאַרן יראת־הכבוד וואָס די דאָרפישע פרויען האָבן אַרויסגעוויזן צום פרעמדן.

— ניין, ניין! אַזאַ קאָמעדיאַנט וועל איך קיינמאָל נישט קאָ־נען ווערן! — איז ער אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט כדי יוסף זאָל אים נישט באַמערקן. זיין לעצט שטיקל האָפענונג איז אין דער מינוט אויסגערונען געוואָרן.

— אי טו דע דאָנדע וויענעס? (און פון וואַנען האָסטו זיך גענומען?) — זענען די פּויערטעס איבעראַשט געוואָרן ווען זיי האָבן דערזען דעם נייעם געטער־הענדלער נאָכדעם ווי יוסף איז אַוועק.

— פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

— ביסט נאָר וואָס געקומען?

— ניין. איך קלויב זיך שוין אַוועקצוגיין.

— האָסט געזען אונזער „כעזוסיטאָ" (יעזוסלען)?

— איר מיינט דעם „וועגדעדאָר" (פאַרקויפער) פון די גע־טער?

— יאָ... ער קוקט אפשר נישט אויס ווי כעזוס? — האָבן זיך די פּויערטעס באַלײדיקט.

— ווי כעזוס?... ער איז דאָך גאָר אַ „כודיאָ" (ייד)! —

האָבן זיך די ווערטער אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל מיט אַן איר־סערגעווייגלעכן אימפּעט.

— מענטיראַ, מענטיראַ! (אַ ליגן, אַ ליגן!)

— דו אַליין ביסט אַ „כודיאָ״!

— און נאָך אַ שמוציקער דערצו! — האָבן אַלע פּויערטעס אויסגעשריגן אין איין קול און זענען אַזש בלאַס געוואָרן פאַר אויפרעגונג.

— פּאַלאַבראַ דע האָנאָר (ערן־וואָרט), אַז ער איז אַ „כור־דיאָ״! — האָט זיי שוין דער נייער געטער־הענדלער נישט אָפּגע־לאָזט ווען ער האָט דערפילט וואָס פאַר אַ שרעקלעכן איינדרוק דאָס וואָרט „כודיאָ״ האָט אויף זיי געמאַכט.

אַלע זיינע טענות זענען אָבער געווען אומזיסט; די דאָרפישע פרויען האָבן אים סיי־ווי־סיי נישט געגלויבט. אין זייערע מחות האָט זיך עס נישט געקאָנט פּאַטויפען.

— נאָ, נאָ פּועדע סער! (ניין, ס׳קאָן נישט זיין!)

— וואַמאָ, וועטע דע אַקי! (גיך, אַרויס פון דאַנען!) — האָבן זיי מער נישט געוואָלט הערן וואָס ער רעדט.

איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און שטיל אַרויס פון הויז. דאָס דאָרף זייערס האָט ער אָבער אַזוי גיך נישט פאַרלאָזט; ער האָט זיך באַקענט מיט עטלעכע יונגע שקצים, איינגעלאַדן זיי אויף אַ „בעבידאַ״ (טרונק) און ביים ווייסן מאַרמאָרנעם טישל, זופּנדיק די שוואַרצע קאַפע, האָט ער זיי געלאָזט וויסן, אַז דער געטער־הענדלער מיטן יעזוס־פּנים — וועמען זייערע מאַמעס צאָלן אַזוי פיל איבער פאַר די בילדער וואָס זיי קויפן ביי אים — איז גאָר אַ ייד — אַן אייניקל פון יעזוסעס קרייציקער...

— נאָ האַבלאַ באַבעריאַס! (רעד נישט קיין נאַרישקייטן!)

— קאָמאָ עס פּאָסיבלע?... (ווי קאָן דאָס זיין?)

— נאָ מע לאָ דיגאַ! (זאָג עס מיר נישט!) — האָבן די שקצים אים אויך נישט געוואָלט גלויבן.

און צוזאַמען מיט זייער עקשנות איז אויך זיינע געוואַקסן. ביז ער האָט זיי דערציילט וועגן דער ערשטער יידישער מצוה... איינגעלייגט ביים „קאַפעטעראָ״ (באַלעבאָס פון קאַפע) פינף און

צוואַנציק דאָלער און געשוווירן, אַז אויב ער נאַרט זיי אָפּ באַלאַנגט דאָס געלט צו זיי.

די מזומנים האָבן געווירקט. די שקצים זענען געוואָרן ווי אַנגעצונדענע: די גאַנצע בלוטן איז זיי אין די פּנימער אַריין און ביז גאָר אויפגערעגטע האָבן זיי אָנגעהויבן טרינקען אויף דאָס ניי.

6

יוסף האָט נאָך נישט באַוויזן צו דערגרייכן די ערשטע שטוב פון דאָרף און אַ יונג שקצל איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— איגאַ (הער), מיין מאַמע וויל עפּעס קויפן! — האָט דאָס בחורל קוים אויסגערעדט און שווער אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

— בענדיטאָ ערעס היכיטאָ! (געבענטשט ביזטו זונעלע!) — איז יוספס צאַרטער ענטפער געוועזן.

— פּאָר אַקי עס מאַס סערקאַ! (דורך דאַנען איז נענטער!)— האָט דער שקצל גענומען שפּרייזן איבער די פעלדער און יוסף נאָך אים.

זיי זענען שוין געווען ווייט, ווייט פון דאָרף. דאָס יונגל האָט אים שוין געהאַט אָנגעוויזן מיטן פינגער, אַז „אָט דאָרטן" איז זייער הויז. און הגם יוסף האָט „אָט דאָרטן" קיין הויז נישט געזען, האָט ער אָבער פונדעסטוועגן קיינעם אין קיין זאַך נישט חושד געווען: ער האָט געמיינט, אַז זיינע אויגן זעען נישט אַזוי ווייט ווי דעם יונגן שקצלס...

— איגאַ סאַנטאָ, טו ערעס כודיאָ? (הער הייליקער, דו ביסט אַ ייד?) — איז פּלוצלינג, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן פאַר יוספן אַ יונגער קרעפּטיקער קובאַנער.

יוסף האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט. געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקאָנט. זיין שטענדיק געשליפענער צינגל האָט זיך אים, אויף דער מינוט, פאַרפּלאָנטערט. און ווען ער האָט דערפילט, אַז ער קאָן יאָ עפּעס זאָגן איז שוין געווען צו שפּעט: ער איז שוין געלעגן אויסגעצויגן, אין זיין פולער לענג, אויפן פעלד. עטלעכע שקצים האָבן אים צוגעהאַלטן די פיס, איינער — דעם קאָפּ און

צוויי — די הענט... ער האָט געשריגן, געגוואַלדעוועט, געדריגעט מיט די פיס און געריסן זיך מיט אַלע כּחות... ס'האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן: זיי זענען געווען די שטאַרקערע און זיי האָבן אויסגעפירט דאָס זייעריקע...

און ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אַז ער איז טאַקע אַ ייד, האָבן זיי אים איבערגעלאָזט אַ האַלב־נאַקעטן אין מיטן פעלד. יעדער איינער פון זיי האָט אים נאָר אַ כראַקע געטון אין פּנים, אַ געשריי געטון „כודיאַ" און אוועקגעלאָפן אין דאָרף דערציילן דעם בייז־ווונדער...

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

די פּויערטעס פון דאָרף האָבן אפילו זייערע אייגענע קינדער נישט געוואָלט גלויבן. און לאַנג, לאַנג האָבן זיי דעם נייעם גע־טער־הענדלער גאָרנישט געגעבן צו לייזן, ווייל זיי האָבן אַלץ גע־האָפט, אַז „כעזוס" וועט נאָך קומען. ער, יוסף, איז שוין אָבער מער קיינמאָל צו זיי נישט געקומען...

א י ט ש ע

איטשע

ס׳איז א ווינטערדיקער פארטאג.

איטשע האט נאר וואס געעפנט די אויגן. דערזען, אז זיין פייגעלע שלאפט נאך גאנץ געשמאק, האט ער זיך תיכף מער אין זיך איינגעטוליעט, אויפגעבייגלט זיך אין איין זייט בעט כדי נישט אויפצוּוועקן איר.

דער פרימארגן רוקט זיך אלץ נענטער און נענטער. פון די קלאר - ליכטיקע שויבן פארשטייט איטשע, אז ס׳וועט זיין א שיינער טאג איינדרויסן און ער דערפילט זיך אין א מונטערע שטימונג.

— היינט וועל איך זיך שוין קענען טרעפן מיט מענטשן! — גיט איטשע א טראכט מיט זאטער צופרידנקייט און קוים, וואס ער האלט איין אין זיך די כוואליעס פרייד וועלכע ברויזן אויף אין אים.

פון אייביק אן האט ער זייער ליב איטשע, אז דער אינדרויסן זאל זיין שיין. ווען ער איז א פרום - גלויביקער וואלט ער זיכער יעדע נאכט, פארן שלאפן גיין, תפלה געטון צום רבונו של עולם, אז „מארגן" זאל די שוון שיינען. איטשע גלויבט אבער נישט אויף אזוי פיל אין גאטס כוח, האט ער ממילא נישט וועמען זיין הארציקע תפלה צו שיקן. איז מערסטנטייל פארשוויגט ער דאס טאקע אינגאנצן. נאר אמאל, ווען ער איז שוין אין א גאר, גאר געהויבענער שטימונג, שארט ער זיך צו ווי א קאץ צו זיין ווייבל, עסט אין איר איין זיינע שטענדיק טאנצנדיקע אויגעלעך און רופט זיך אן אין האלבער פארלעגנהייט:

— ווייסט פייגעלע?

— יא מיין מאן!

— ווייסט פייגעלע, וואס איך וואלט וועלן?

— נו, אדרבה, לאָמיר הערן.

— איך וואָלט וועלן, איך וואָלט וועלן — חזרט ער איבער צוויי מאָל און צעלאַכט זיך אויפן הויכן קול — אַז מאָרגן זאָל זיין אַ שיינער טאָג.

— האָב איך דאָך שוין פריער געוווּסט, אַז מער ווי דאָס ליגט דיר נישט אין זינען! — שרייט אויס פייגל און קערט זיך פון אים אָפּ מיט באַהאַלטענער צופרידנקייט.

איטשע בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטער. ס׳פאַרדריסט אים גוואַלדיק למאי ער קען נישט דערקלערן אַליץ וואָס ער דענקט און פילט אין זיך. ער וואָלט דוכט זיך געוועזן דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט ווען ער איז בכח אַרויסצוזאָגן אין ווערטער דאָס וואָס וועבט זיך אויס ביי אים אין האַרצן. אָט ער אַליין פילט דאָך אַזוי גוט ווי וואַרעם ס׳איז צו לעבן אויף דער וועלט ווען דאָס וועטער איז אַ שיינס. זיין פייגלען קען ער דאָס אָבער נישט דערקלערן. ווי נאָר ער הייבט אָן צו רעדן וועגן דעם, אַזוי פאַרפּלאָנטערט זיך אים עפּעס אינעווייניק און ער קען בשום אופן נישט ענדיקן.

— בע, מע, קע! — קרימט אים פייגל דעמאָלט איבער און זאָגט, אַז זי האַלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

— לאַך, לאַך, לאַך! — שפּרינגט ער אויף פון אָרט און שטרענגט זיך אָן צו מאַכן אַ פאַרברוגזטע מינע.

— אַז איך פאַרשטיי דיך אָבער פאָרט נישט!

— מ׳דאַרף עס נישט פאַרשטיין, מ׳דאַרף דאָס דערפילן!

— אַזוי גאָר?! — פאַרלייגט פייגל די הענט אויף די זייטן.

— אוודאי אַזוי! — קען שוין איטשע נישט איינהאַלטן זיין אייגן געלעכטער.

— איי לאָז מיך שוין צורו מיט דיינע פילאָזאָפיעס! — שטעלט אים פייגל אויס אַ צונג מיט קינדערישער תמימותדיקייט און אַנטלויפט גלייך אין צווייטן צימער...

איטשע איז נישט קיין יונגער יונגעלע. ער איז שוין אַ מאַן פון אַ פרוי און אַ טאַטע פון דריי קינדער: צוויי יונגעלעך און

אײן מײדעלע. נאָר דער נאָמען זײנער האָט זיך — אין פארלויף פון די יאָרן — נישט אויסגעמענטשלט, נישט „סטאָלנער" געװאָרן. און פונקט װי בעת ער איז נאָך א קינד געװען און אין חדר געגאנגען, אזוי אויך איצטער, רופן אים אלע, זײער נאָענטע װי גאָר װײטע, מיט זײן עכט יונגלשן נאָמען — איטשע.

זײנע עטלעך און דרײסיק יאָר האָבן זיך אויף אים נישט אויסגעלײגט זײער שװער. א נידעריקער אין װוקס מיט א דין פיגורקעלע, א שטענדיק פארדרײטלט פנים און תמיד אויסגעװאָשענע אויגעלעך, זעט ער אויס װי א יונגל װעלכער האָט נאָר װאָס, צום ערשטן מאָל אין זײן לעבן, לאַנגע הויזן אָנגעטון.

שטארק אומעטיק איז ער זעלטן װען. מערער מאָל איז אים שװער צו פארשטײן װאָס הײסט „אבסאָלוטער אומעט". (איטשע האָט בטבע ליב אזא פײן - קלינגענדיק װאָרט). „נו, זאָגט ער, ס'איז טאקע נישט אזוי גוט, אָבער, לעבן, לעבט מען, און געזונט איז מען, דארף מען שױן זײן צופרידן".

און פון אים אלײן שפרודלט טאקע אלעמאָל מיט פרײד. װאָס ס'טוט זיך בײ אים אינעװײניק װײסט קײנער נישט, אויף זײן פנים טראָגט ער אָבער די שמחה פון לעבן.

— װאָס דארף יענער װיסן װאָס בײ מיר טוט זיך? — פילאָזאָפירט ער אלעמאָל מיט זיך אלײן, העלפן װעט ער מיר זאָ־װי־זאָ נישט. און א קרעכץ קען איך אפילו אַן אײגענעם נישט פארטראָגן, בפרט נאָך יענעמס אװדאי און אװדאי נישט...

די גרעסטע שמחה זײנע איז װען אימיצער, א העכערער פון אים, װײזט אים ארוים א בולטערע התקרבות. אזא טיף - קװעלנדע פרײד קען שױן איטשע נישט אײנהאלטן אין זיך און רעדנדיק שפעטער מיט זײן פײגלען װארפט ער אינמיטן ארײן:

— אָבער דו קענסט דאָך נישט אָפלײקענען אז איך בין אָריגינעל!

— גײ שױן, גײ! — פרוװט זי לאַכן פון אים.

— אָבער זעסט דאָך, לאָזט ער איר נישט אָפּ, אָט דאָס אלײן װאָס אלע רופן מיך איטשע און נישט ה' ניעמענסקי איז דאָך א שטיק אָריגינאליטעט. און...

— אַ שטיק משוגעת, נישט אָריגינאַליטעט! — לאָזט אים פייגל נישט פאַרענדיקן.

— נו, זאָל זיין אַזוי, — ווייל ער ווייטער מיט איר איינ־טענהן. פייגל לאָזט זיך אָבער נישט. זי האָט נישט קיין געדולד פאַר אַזעלכע זאַכן. „האָסט שוין ווידער אָנגעהויבן מיט דיינע פילאָזאָפיעס!" שרייט זי אויס און אויסשטעלנדיק אים אַ צונג, אַנטלויפט זי גלייך אין צווייטן צימער, איבערלאָזנדיק אים אַליין אַ ביז גאָר פאַרקלעמטן...

פאַרקלעמט איז איטשע ווייל ער איז נישט קיין „מענטש". ער פאַרשטייט דאָס גוט און פילט דאָס נאָך בעסער. בכלל איז אי־טשע אַזאַ וואָס לעבט מיטן געפיל מער ווי מיטן שכל. אָט פילט ער, אַז ער איז זייער אָפט, שטאַרק אומבאַהאָלפן, טאַקע אַזוי אומבאַהאָלפן ווי נאָר אַ קליין קינד קען זיין. ער פילט אויך אַז ווען די וועלט — מלחמה וואָלט אים נישט פאַרכאַפּט אין די סאַמע בליענדסטע צייט פון זיין יוגנט וואָלט פון אים „עפּעס" יאָ אַרויסגעקומען און אַז, אַזוי ווי ער איז טויג נישט... אַזוי ווי ער איז איז ער נישט אַהער און נישט אַהין; אַנדערע באַדויערן אים און אַנדערע לאַכן פון אים. קיין גלייכער איז ער אָבער מיט קיינעם נישט. מיט די וואָס באַדויערן אים קען ער נאָך ווי ס'איז אויסקומען; זיי פאַרשאַפן אים אַמאָל אַ שטילן נחת־רוח... נאָר די וואָס לאַכן פון אים זענען אים פשוט מקצר־ימים. ס'פאַר־דריסט זיי למאי ער האַלט זיך העכער פון זיי, איז ווי נאָר זיי דערזעען אַז ער נעמט אונטערהינקען אין רעדן, און קען בשום־אופן נישט דערקלערן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, אַזוי הייבן זיי אָן צו שרייען:

— פע איטשע, וואָס פלאָנטערסטו זיך אַזוי..?

— אין דעם ליגט דאָס דיין גרויסקייט?!

— אויף דיר איטשע, האָב איך זיך דאָס נישט גערעכנט!

— אַזאַ פילאָזאָף ביזטו דאָס?! — הייבן אָן אַלע צו לאַכן.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צעהירזשעט? — פּרוּווט איטשע איבערשרייען זיי.

— זע נאַר, זע נאַר, ער ווייסט אפילו נישט פון וואָס מ'לאַכט!
— ווינקט איינער צום צווייטן.
— אוודאי ווייס איך נישט...
— דערפאַר לאַכן מיר דאָך טאַקע, ווייל דו ווייסט נישט...!—
לאָזט אים די חברה נישט ענדיקן רעדן און אַלע הייבן אָן צו זינ־
גען מיטן ימים ־ נוראימדיקן ניגון: „אז מ'קען נישט און מ'ווייסט
נישט דאַרף מען זיך נישט אונטערנעמען אי־אי־אי, אי־אי־אי,
אי־אי־אי־אי...״

איטשע בלייבט שטיין ווי א פאַרלוירענער. דאָס גראָבע גע־
לעכטער זייערס טוט אים שטאַרק וויי. א וואַרעמע רויטקייט נעמט
פליסן אין זיין פנים און ער אַליין זוכט א וואָרט, א שטאַרק
וואָרט, א וואָרט וואָס זאָל אויסדריקן אַלץ וואָס ער פילט. ער
קען אָבער אַזא וואָרט נישט געפינען. אָנהייבן רעדן גלייך צום
פונקט איז נישט פאַר זיינע כוחות. פריער מוז ער זאָגן אַן
הקדמה (מערסטנטייל מיט א משל). אין דער הקדמה צילט ער
דווקא די ווערטער פונקט ווי זיי וואָלטן פערל געווען. אָבער אַזוי
שנעל ווי ער קומט צו צום עצם ענין ווערן אַלע זיינע געדאַנקען
צערונען... און ער בלייט שטיין מיט אַן אָפן מויל און ברייט
צעעפנטע אויגן...
— נו, נו!
— פאַרוואָס ענדיקסטו נישט..? — קלייבט די חברה נחת
פון זיין פאַרלוירנקייט.
— אז איר פאַרשטייט מיך נישט! — רעדט איטשע קוים
אויס מיט א הייזעריקן קול.
— הערסט מיר פאַרשטייען נישט? דו האָסט דאָך נאָך
גאָרנישט געזאָגט..!
— איך וואָלט אייך טאַקע יאָ געזאָגט און אָט דאָ אָ —
גיט זיך איטשע א קלאַפּ אין האַרצן — איז דאָ א סך. זייער
א סך! נאָר וואָס קען איך העלפן אַז מיין מויל איז פאַרעקשנט
און עס וויל אייך נישט דערציילן דאָס וואָס מיין האַרץ פילט
און...
— הער נאָר, הער נאָר זיין מויל איז פאַרעקשנט..!

— אָן פילאָזאָפיע, אָן פילאָזאָפיע! — לאָזט מען אים מער נישט רעדן.

דערפילט איטשע, אַז זיין מאַם פון צער איז שוין פול. ער וויל אָבער נישט, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן זען זיין ווייטיק. גנבעט ער זיך ארויס פון דער חברה, זוכט עפּעס אויס א תירוץ און לויפט אוועק א היים.

פייגל דערקענט תיכף אין זיינע אויגן, אַז „עפּעס איז דער מער מיט אים". און דערזעענדיק נאָך ווי שווער ער זעצט זיך אַראָפּ אויף דער סאָפקע, פאַרטשעפּעט זי אים באַלד:

— נו, וואָס איז שוין געשען?

— גאָרנישט.

— „גאָרנישט, גאָרנישט"! — קרימט זי אים איבער, כּדי ארויסצורופן זיין געלעכטער און גיט באַלד צו: דער באַבען וועסטו דאָס דערציילן...

דערזעט שוין איטשע, אַז זיין פייגעלע איז אין צער. און מצער זיין פייגעלען קען ער נישט. הייבט ער זיך שוין אויף פון סאָפקע, קוקט אַביסל אויף א זייט מיט זיינע אָנגעשטרענגטע אויגן און, ווי א שטאַרק שולדיקער, רעדט ער קוים אויס:

— אַט, ס'איז טאַקע גאָרנישט! מאָלע וואָס ס'מאַכט זיך אמאָל א שטימונג...

— שטימונג, סמימונג! — רייסט זי אים איבער און צע־בייזערט זיך בּלומרשט: הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע פי־לאָזאָפיעס, שטיק צרהלע מיינע?.. זאָג אליין וואָס קענסטו העלפן, אַז דו ביזט פּאָרט א פּראָסטער ארבעטער און נישט קיין פילאָ־זאָף? אַט גיי שוין בעסער עפּעס עסן, פילאָזאָף מיינער..! — פאַרענדיקט זי שנעל און אוועקלויפנדיק אויף גיך אין קיך לאָזט זי אים איבער אליין מיט זיינע שווער־ערנסטע געדאַנקען...

צו־לאַנג בּלייבט ער נישט אליין. באַלד לויפן צו אים צו די קינדערלעך און זיי נעמען זיך פרייען מיטן טאַטן. די קינדערלעך זיינע האָבן אים שטאַרק ליב. פייגל וואַרפט אים אלעמאָל אויף, אַז ער האָט גאָר געדאַרפט זיין די מאַמע און זי — דער טאַטע.

— אויך מיר אַ טאַטע — לאַכט זי פון אים — אַז ס'קען אַפילו נישט אַ רעכטן געשריי טון!

אים אַרט דאָס אָבער נישט. שרייען אויף די קינדער וויל ער נישט און אַ קלאַפּ טון זיי — געוויס נישט.

— אָט — זאָגט ער אַמאָל צו פייגעלען — האָט מיך מיין טאַטע געשלאָגן מכּות - רצח און פונדעסטוועגן איז פון מיר גאָרנישט אַרויסגעקומען...

— איז לכן..? — באַריהט זי זיך פאַר אים.

— דאַרף איך מיינע קינדער נישט שלאָגן!

— אַזוי גאָר..? — פּרוּווט זי זיך ווידער מאַנסבילן.

— אַוודאַי אַזוי, ענטפערט ער און גיט באַלד צו: אַ קינד טאָר מען נישט לערנען מיט קלעפּ נאָר מיט דערקלערונגען...

— נו, טאָ גיי דערקלער לייזערן, אַז ער טאָר נישט שלאָגן רחל-לאַהקען! — זאָגט זי מיט שאַרפער איראָניע.

— וואָסי, פאַרוואָס נישט? — קען ער גאָרנישט פאַרשטיין פייגלס איראָנישע מינע.

— נו, אדרבה, פּרוּוו דאָס נאָר...

— אַוודאַי וועל איך דאָס פּרוּוון! — האַלט ער זיך ביי דאָס זייניקע. אַוודאַי וועל איך טון אַזוי! — חזרט ער איבער נאָך מיט מער עקשנות און גיט באַלד צו: — אויב איך קען דאָס אַפילו נישט טון, איז עס דאָך אָבער נישט לייזערס שולד נאָר מיינע... ער, דאָס קינד, איז דאָך נישט שולדיק אויב איך קען קיין טאַטע נישט זיין...

— שוין ווידער מיט דיינע פילאָזאָפיעס..?!

— יאָ. אָט טאַקע נאָר מיט פילאָזאָפיע, — ווערט איטשע אַ ביסל רואיקער, און פלוצלינג ווערן זיינע אויגן גרעסער: אַ געדאַנק האָט אַ פינקל געטון אין זיין מוח; ער וועט שוין קענען דערקלערן וואָס ער מיינט...

— זאָג אַליין, זאָג אַליין — נעמט ער זיך ביי איר בעטן — אַ שוסטער וואָס ליגט גאָר לאַטעס, איז דאָך דאָס נישט קיין גרויסע אַרבעט, פונדעסטוועגן וועט אים קיינער נישט געטרויען קיין שוך, כּל-זמן ער וועט זיך נישט אויסלערנען ווי צו לאַטען...

און א טאַטע, וואָס דאַרף דערציען קינדער, לערנט זיך גאָרנישט ווי צו טון עס... יעדער פּרא־אדם, ווי ער ווערט נאָר א מאַנסביל, האָט התונה און האָט קינדער און קיינעם קימערט גאָרנישט צו ער קאָן יאָ זיין א טאַטע אָדער נישט...

— נו, וועסט זיך אפשר גיין לערנען ווי צו זיין א טאַטע? — מוז זיך פייגל צעשמייכלען.

— הלואי וואָלט איך דאָס געקענט טון! — ווערט איטשע נאָך ערנסטער.

— איי, לאָז מיך שוין צורו מיט דיינע נאַרישע פילאָזאָ־פיעס! — פאַרלירט שוין פייגל איר געדולד. ער, איטשע, הערט שוין אָבער נישט וואָס זי זאָגט. ער איז שוין פאַרטיפט אין זיין נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטן געדאַנק... און וואָס לענגער ער טראַכט וועגן דעם אַלץ גרעסער ווערט זיין פרייד...

— ס'איז פאַרט אַן אָריגינעלער פאַרגלייך!

— הייסט עס, אַז איך פאַרמאָג טאַקע יאָ עפּעס אין מיר! — קען איטשע גאָרנישט זאָט ווערן מיט זיך אַליין און ער דערפילט, בשעת־מעשה, אַז זיין מאָס פון שמחה איז שוין פול.

ס'פאַרווילט זיך אים דערציילן פייגעלען פון זיין גליק. ער טוט דאָס אָבער נישט. ער האָט מורא אַז זי וועט לאַכן פון אים... זעצט ער זיך דערפאַר אַוועק אויף דער ערד און נעמט זיך שפּילן מיט די קינדערלעך...

און אַז פייגל קומט אַריין פון קיך און דערזעט אים שפּילנ־דיק זיך אויף דער ערד צוזאַמען מיט די קינדער איז זי באמת **שטאַרק צופרידן** פון דעם. זי ווייסט אָבער, אַז ווי נאָר זי וועט אים נאָכגעבן וועט ער נעמען „שפּרינגען פון הויט". ווייזט זי אים דערפאַר נישט אַרויס די פרייד אירע און נעמט זיך נאָך בייזערן מכלומרשט:

— נו, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ טאַטן?!

— ביזט דאָך נאָך אַליין א קינד..!

שטאַרק צעשרייען זיך אויף אים קען זי אָבער איצטער נישט: זיין פּנים איז, אין דער מינוט, אַזוי פול מיט נאַיווער שמחה, אַז מ'קען זיך אויף אים נישט בייזערן... גייט זי נאָר צו

בענטער צו אים, נעמט אים גלעטן דעם קאָפּ און זינגט דערביי:

— אַליע ליו ליע איטשינקע, אַליע ליו ליע קינדעלע...

די קינדערלעך געפעלט שטאַרק דער מאַמעס איינפאַל און זיי צעלאַכן זיך אַזוי הילכיק ווי קינדער קענען נאָר. און ער, איטשע, פאַרייסט דעם קאָפּ אויף הינטן, קוקט אָן פייגעלען מיט זיינע ליכטיקע, אומשולדיקע אויגן, און דערזעענדיק, אַז זי אַליין שמייכלט אויך א שטאַרק צופרידענע, הייבט ער זיך אויף פון אָרט, כאַפּט איר אַרום, און צודריקנדיק זי פעסט צו זיך שרייט ער אויס:

— וואָס זאָגסטו לייזערקע, א קוש טון דער מאַמען?

— אוודאי, אוודאי! — שרייט לייזער און טופּעט מיט די פיס פאַר גליק.

— און דו רחל - לאַהקעלע, ווילסט אויך, אַז איך זאָל א קוש טון דער מאַמען?

— יאָ, יאָ... רעדט זי קוים אויס שטיקנדיק זיך פון געלעכטער.

— און דו אברהם - חיימל ווילסט דאָך אויך אַז איך זאָל א קוש טון דער מאַמען?

אויפן לעצטנס ענטפער וואַרט שוין איטשע נישט. ער איז שוין שכּור פון פרייד. נעמט ער אַריין פייגעלען ענגער אין זיינע אָרעמס און קושט איר וואַרעם, הייס, מיטן גאַנצן כּוח פון זיין אייביק יונגער נשמה.

פייגל שרייט, וואַרפט זיך, רייסט זיך און דריגעט מיט די פיס. אים, איטשען, אַרט דאָס אָבער נישט. ער איז איצטער צופרידן. שטאַרק צופרידן. דאָס איז איינע פון די גליקלעכסטע מינוטן אין זיין לעבן...

מ אָ נ ט אָ ג

מאַנטאַג

אַ גאַנצע וואָך, ווען דער אַליאַרם ־ זייגער רייסט איר אויף פון שלאָף, עטלעכע מינוט נאָך זעקס, חלומט זי נאָר פון קומענ־דיקן זונטאָג:

— זונטאָג וועט דער זייגער נישט קלינגען.

— זונטאָג וועל איך קענען שלאָפן, וויפל נאָר כ'על אַליין וועלן.

— זונטאָג וועט מיך קיינער נישט אויפוועקן! — טראַכט זי אַ שטיל צופרידענע און ציט נאָך אַמאָל אויס אירע, ביז גאָר אויסגעמאַטערטע, ביינער איבער דער גאַנצער לענג פון בעטל.

— נו, ס'איז שוין נישט ווייט פון זונטאָג! — פרוווט זי זיך אַליין טרייסטן אין דער צייט וואָס זי קריכט אַרויס פון אונ־טער דער וואַרעמער קאָלדרע און שטעלט זיך אַוועק אויף דער פאָדלאָגע.

און אין וואַש ־ צימער ביים וואַשן זיך, און אויפן וועג צו דער פאַבריק — טראַכטנדיק און ביי דער מאַשין — אַרבעטנדיק אומעטום און אַלעמאָל, אין פאַרלויף פון דער גאַנצער אַרבעט־וואָך, הערט זי נישט אויף צו טראַכטן וועגן זונטאָג; וועגן איינ־ציקן טאָג וואָס באַלאַנגט צו איר. וועגן די ליבע, טייערע צוועלף שעה, וועלכע זי האָט נאָך קיינעם נישט פאַרקויפט — די צוועלף שעה פון זונטאָג.

און ווי סקומט דער זונטאָג בלייבט זי אַן אַנטוישטע:

ווי אויף צו־להכעיס כאַפּט זי זיך אויף אַלע זונטאָג זעקס אַ זייגער, הגם דער אַליאַרם ־ זייגער קלינגט נישט — און קען שוין מער נישט שלאָפן. אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך וואָלט זי, דוכט זיך, געשלאָפן און געשלאָפן, ווען נישט דער באַוווסטזיין,

אז זי איז א „פארקויפטע" און זונטאג ווען זי איז א פרייע, און קען שלאפן וויפל זי וויל, נעמט איר קיין שלאף נישט.

אלע זונטאג אינדערפרי, ווי זי עפנט נאר אויף די אויגן, איז זי שוין א פארזארגטע:

— מארגן איז שוין ווידער מאנטאג! — גיט עס איר גליך א באמבל אין מוח און זי ווערט שטארק אומרואיק.

— מארגן, גאנץ פרי, צוריק אין דער פינסטערער פאבריק!

— גוואלד, ווי שווער דער מאנטאג איז!

— גאט, צו וואס האסטו געבראכט א מאנטאג אויף דער וועלט?

מאנטאג, מאנטאג, און מאנטאג — לאזן איר די בייזע געדאנקען נישט אפ און יאגן זי, גאנץ פרי, פון בעט ארויס.

— אזוי פרי?...—באגריסט זי דער טאטע א פארוואונדערטער.

— איז וואס?... — רעדט זי קוים אויס און פארשווינדט גלייך פון אונטער זיינע אויגן.

שפעטער דרייט זי זיך ארום איבער דער שטוב ווי א פארלוירענע און ווייסט נישט צו וואס זי זאל זיך נעמען. קיין ארבעט פעלט איר, חלילה, נישט. פאר דער וואך האט זיך ביי איר אנגעקליבן וועש צום פאריכטן, זאקן צום וואשן און פארצירעוועןן. זי וויל אויך אויספרעסן איר יום־טובדיק קלידל —, אין פאל אירמיצער וועט איר איינלאדן ערגעץ־ווו — און נאך, און נאך א סך אזעלכע ארבעטן קען זי געפינען. וואס קומט איר אבער דערפון ארויס, אז די הענט אירע נעמען זיך נישט פונאנדער. די שווערע געדאנקען פענטען, נישט נאר איר נשמה, נאר אויך איר גוף. זי פילט זיך ווי א מענטש וואס האט פארלוירן די דעה איבער זיך אליין...

— וואס ביזטו אזוי צעטראגן? — פרעגט איר די מאמע א פארקלעמטע.

— גארנישט.

— נאר וואס?

— גלאט אזוי זיך.

— רו זיך בעסער אפ קינד מיינס... — בעט זיך די מאמע.

— איך וויל נישט.

— פאַרוואָס טאַכטערל? מאָרגן וועסטו זיך נישט קענען אויסרוען, מאָרגן איז שוין מאָנטאָג...

— מאָנטאָג! ווידער מאָנטאָג! — גיט עס איר אַ צופּ ביים האַרץ און קוים וואָס זי לויפט אַריין אין דערבייאיקן צימער, כּדי די מאַמע זאָל אירע טרערן נישט דערזען.

טאַטע - מאַמע פילן זיך ווי זינדיק קעגן איר, הגם באמת זענען זיי גאָרנישט שולדיק אין איר שווער - ביטער לעבן. זיי האָבן איר, חלילה, נישט געטריבן צו דער אַרבעט. זיי האָבן איר אפילו נישט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל אוועקגיין פּראַצעווען אין אַ פאַבריק. פאַרקערט, יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך אָנגעבאָטן צו גיין זוכן אַרבעט, האָבן זיי, די עלטערן, זיך אויסגעלאַכט פון אירע נאַרישע איינפאַלן... און געפּרוווט אויפווייזן איר, אַז זייערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען נאָך גאָרנישט אַזוי געפערלעך און אַז זי, זייער איינציקע טאָכטער, מעג רואיק אָנגיין מיט איר לערנען זיך.

— וואָסי, אונזער לאַגע איז נאָך גאָרנישט אַזאַ שלעכטע..! — האָט איר דער טאַטע פאַרזיכערט.

— נישקשה, דער הימל וועט אויף דר'ערד נישט אַראָפּפאַלן... — איז די מאַמע אַריינגעפאַלן אינמיטן די רייד און געזוכט צו ווירקן אויף איר בת - יחידה, אַז זי זאָל אויפהערן צו טראַכטן וועגן זוכן אַרבעט.

— זי, די טאָכטער, האָט אָבער פון דעם אַלעם נישט געוואָלט וויסן. אויסער אירע אויערן — מיט וועלכע זי האָט געהערט טאַטע - מאַמעס טרייסט - ווערטער — האָט זי אויך געהאַט אויגן צו זען און אַ האַרץ, וועלכעס האָט געקאָנט אויפכאַפּן מיטן געפיל דאָס וואָס דער מוח האָט נישט געקענט באַגרייפן מיטן שכל. און געזען און געפילט האָט די טאָכטער, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי פריילעך ווי די עלטערן ווילן איר איינשמועסן.

— דער טאַטע אַרבעט שוין נישט באַלד צוויי יאָר!

— דער עלטערער ברודער פארדינט קוים אויף זיינע זיי־טיקע הוצאות.

— דער יונגערער האָט שוין גאָר אינגאַנצן פארגעסן, ווי כ׳זעט אויס א פארדינטער סענט...

— און די מאַמע האָט פון גרויס צער געגומען צוקרענקען...

— היינט, פון וואַנען? פון וואַנען זאָל דער טאַטע אירע־האָבן געלט? די מיליאָנען וואָס ער האָט געקענט אָפּשפּאָרן פון דרייסיק יאָר ארבעטן ביי יענעם... אויף זיי, אויף די גבירים געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן — האָט זי געטראַכט מיט פאַרבּיטע־רונג און ארויסגעגאַנגען אין גאַס זוכן א שטעלע.

א היים איז זי געקומען מיט א פאַררויטלט פּנים און שיי־נענדיקע אויגן.

— מאָרגן גיי איך צו דער ארבעט! — האָט זי אַניסגעשריגן מיט באַגייסטערונג נאָך איידער זי האָט דעם „גוט־אָוונט" געזאָגט.

— טאַקע? — האָבן אַלע אין איין קול איבערגעפרעגט.

— יאָ.

— אין אַן אָפיס? סטענאָגראַפיע? — האָט דער טאַטע געמורמלט.

— ניין.

— אין א געשעפט? — איז די מאַמעס ציטערדיקע פראַגע געווען.

— ניין.

— נאָר ווו?

— אין א וועש־פאַבריק.

— וואָס רעדסטו, טאָכטער? — האָט דער טאַטע אויס־געשריגן.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, קינד מיינס? — האָט זיך די מאַמע גאָר קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

— א נייע ארבעטערקע..! קוקט איר נאָר אָן..! — האָבן זיך די ברידער געגומען חכמהנען, וועלנדיק פאַרטרייבן דעם שווערן אומעט פון אָרום.

ס'איז זיי אָבער נישט געלונגען. א קלעם פון דורות האָט זיך אין שטיבל פארקליבן און שווער באַיאָכט זייערע וועזנס.

ביים אָוונט - ברויט האָט זיי יעדער ביסן געשטיקט, גע־וואָרגן... און נאָכן עסן האָבן זיי זיך ארויסגעגנבעט פון ארום טיש און יעדערער באזונדער האָט זיך שטיל, אין זיין ווינקעלע, באהאלטן.

די ערשטע צייט איז זי געווען זייער צופרידן פון דער אַר־בעט. די פאבריק האָט אין איר אריינגעבלאָזן א שטראָם פריש לעבן. פארנאכט פלעגט זי קומען פון דער ארבעט א שטארק צופרידענע און אינדערפרי אוועקגיין — א ביז גאָר מונטערע. זי האָט אפילו נישט געדארפט קיין אַליארם - זייגער צום אויפ־וועקן איר; יעדן אינדערפרי, אויסער זונטאָג, זעקס א זייגער זע־נען שוין אירע אויגן געווען אָפן און זי האָט זיך געפילט גוט אויסגעשלאָפן.

— אָרעם קינד מיינס, ס'רופּעט איר נעבעך א גאַנצע נאַכט! — האָט די מאַמע געקרעכצט.

— ס'איז דאָך ביי איר אזא מין שפּיל! — פלעגט דער טאַ־טע ענטפערן פילאָזאָפיש און אָנשפּארן דעם מידן קאָפּ אָן זיינע ביינערדיקע הענט.

— שפּיל, „סמיל", א שיינער שפּיל..! — איז דער מאַמעס צאָרן געוואָרן גרויס און דערזעענדיק אז דער מאַן אירער ענט־פערט איר אפילו נישט האָט זי באַלד צוגעגעבן:

— ווען דו האָסט געאַרבעט אין פאבריק האָסטו עס אייך גערופן שפּיל..?!

— איי, וואָס האָב איך מיט דיר וואָס צו רעדן? — האָט זיך דער טאַטע אויפגעהויבן פון שטול און נערוועאיש גענומען שפּאַנען איבערן צימער...

— מיט דיר איז אוודאי דאָ וואָס צו רעדן? א נישט ביזמו דען ווערט צו האָבן אזא קינד? קאַלטער גזלן וואָס דו ביזט..! — האָט די מאַמע אויסגעלאָזט איר כעס צום מאַן.

— אבי דו ביזט עס ווערט און...

— אוודאי בין איך עס ווערט! — האָט די מאַמע אָנגע־הויבן רעדן מיט איר גאַנצער מאַמעשער ליבע ווענן איר טייער קינד, וועלכע איז נאָך אַזוי יונג און פילט שוין אַזוי שווער דעם שווערן יאָך פון לעבן... זי שלאָפט נעבעך קיין נעכט נישט אויס מורא, אַז זי וועט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט אין פאַבריק... אָרעמע פייגעלע מיינע — האָט די מאַמע נישט אויפגעהערט צו דאגהן.

צו־לאַנג האָט זי זיך אָבער נישט געדאַרפט זאָרגן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך איר טאָכטער, צום ערשטן מאָל, פאַרשלאָפן.

— פילסט עפּעס נישט גוט? — האָבן איר טאַטע־מאַמע געפרעגט מיט נישט ווייניק שרעק.

— ניין.

— נאָר וואָס?

— גלאַט אַזוי זיך.

— מילא, מילא... — איז די עלטערן שווער געווען צו גלויבן איר.

געמיינט האָט זי, אַז ס'איז נאָר אַ צופאַל: „מאַלע וואָס מ'פאַרשלאָפט זיך אַמאָל"... שפּעטער אָבער האָט זי זיך אַרומגע־זען אַז זי האָט אַ טעות געהאַט: זי האָט זיך פאַרשלאָפן פיר טעג נאָכאַנאַנד און ווען דער טאַטע וועקט איר נישט אויף די אַנדערע צוויי טעג, וואָלט זי די גאַנצע וואָך פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט...

דעם טאַטנס וועקן איז אויף איר געפאַלן שווערער ווי דער גאַנצער טאָג אַרבעט אין פאַבריק; עפּעס איז ער געשטאַנען פאַר איר אַזאַ קליינינקער, אַזאַ אומבאַהאָלפענער און געבעטן זיך רחמים:

— ראָזעלע ס'איז שוין נאָך זעקס...

— טאָכטער מיינע, וועסט פאַרשפּעטיקן... — זענען אים די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן

דער טאַטע האָט געווינט! — האָט עס ראָזע גאָרנישט גע־קענט פאַרגעסן און זי האָט זיך שוין מער נישט געוואָלט געטרויען מיטן אויפשטיין.

קומענדיקן שבת האָט זי געבראַכט אַ פּעקל מיט זיך. ווען זי האָט ס'פּעקעלע פונאַנדערגעבונדן האָבן טאַטע - מאַמע זייערע אויגן צו דר'ערד אַראָפּגעלאָזן און זי אַליין האָט געכאַפּט דעם אַליאַרם - זייגער און איז צו זיך אין צימער אַריינגעלאָפן...

די גאַנצע וואָך אַרט איר נישט אַזוי. די אַנדערע פינף טעג פון דער וואָך פאַלן איר גאָרנישט אַזוי שווער; קלינגט דער זייגער הייבט זי זיך אויף און גייט אַוועק. שווער איז איר נאָר אויף מאָרגן נאָכן רו־טאָג — נאָך זונטאָג. איין טאָג מאָנטאָג מוטשעט איר אויס מער ווי אַלע אַנדערע טעג פון דער וואָך צוזאַמענגענומען. דער מאָנטאָג פאַרשטערט איר אַפילו דעם איינציקן רו־טאָג — זונטאָג.

אַ גאַנצע וואָך — ווען דער אַליאַרם - זייגער רייסט איר אויף פון שלאָף עטלעכע מינוט נאָך זעקס — חלומט זי נאָר פון קומענדיקן זונטאָג:

— זונטאָג וועט דער זייגער נישט קלינגען!

— זונטאָג וועל איך קענען שלאָפן וויפל נאָר כ'על אַליין וועלן!

— זונטאָג וועט מיך קיינער נישט אויפוועקן!

— זונטאָג, זונטאָג און זונטאָג! אַלע אירע גליקן לאָזט זי איבער אויפן זונטאָג. אַ גאַנצע וואָך טרייסט זי זיך מיטן זונטאָג. און אַז ס'קומט דער זונטאָג ווערט ער איר פאַרשטערט צוליבן מאָנטאָג.

אַלע זונטאָג אינדערפרי, ווי נאָר זי עפנט אויף די אויגן איז זי שוין אַ פאַרזאָרגטע:

— מאָרגן איז שוין ווידער מאָנטאָג! — גיט עס איר גלייך אַ זעץ אין מוח און זי וויינט זיך שיר פונאַנדער פאַר צער און צאָרן...

ב ר = מ צ ו ה

בר-מצוה

ער, דער טאַטע, איז געווען דער אינטעליגענטער מאַן, דער „ראַדיקאַל״, און זי, די מאַמע, איז געווען די אומוויסנדע פרוי, די „יאַכנע״. האָט דער טאַטע, דער ראַדיקאַל, זיך אויסגעלאַכט פון זיין זונס בר־מצוה ווערן: הלוואי האָט ער נישט אַזאַ „יאַכנע״ פאַר אַ ווייב און דאָס קינד וואָלט גאָרנישט געוווסט אפילו וואָס דאָס מיינט אַזוינס ווערן בר־מצוה... דער ווייב, די „יאַכנע״, איז דאָס אָבער געגאַנגען אין לעבן; ווען דאָס יונגל איז נאָך קוים צוועלף יאָר אַלט געווען איז שוין זיין בר־מצוה ווערן געלעגן איר ווי אַ באַרג אויפן קאָפּ:

— וואָס הייסט ער וועט נישט ווערן קיין בר־מצוה?

— און אויפרופן זיך אין שול?

— און דער „מזל־טוב״ פון די ווייבער, נאָכדעם ווי דזשעקעלע וועט מיט זיין זיס קולכל אויסזינגען דעם מפטיר?

— און ער וועט גאָר קיין „ספּיטש״ (דרשה) נישט זאָגן?

— און פאַרוואָס זאָל טאַקע דאָס קינד נישט וויסן, אַז ער איז אַ ייד?

— זע סימאָר, האָב רחמנות אויף מיינע יאָרן און זע אַ רבין וואָס זאָל אויסלערנען אונזער דזשעקעלען מפטיר — האָט די מאַמע, די יאַכנע, געבעטן ביים טאַטן, דעם ראַדיקאַל.

ער, דער טאַטע, האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט פון אַלע אירע טענות: נאָדיר גאָר אַ בר־מצוה אויף זיין קאָפּ! מער ווי דאָס האָט אים טאַקע נישט געפעלט..! וואָס איז ער עפּעס, אַ שוואַרצער מאַהניק, אַ קלעריקאַל, צו סתּם אַ קליין־בירגער וואָס זוכט אָנצוהאַלטן דאָס אַלטע יידנטום. ניין. ער האַלט נישט דערפון. אַ ראַדיקאַל דאַרף זיין אַן אויסגעהאַלטענער מענטש. ער טאָר נישט

ברעכן זיין פרינציפ; און א מענטש וואס באלאנגט שוין יאָרן־לאנג צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל קען זיך נישט פארנעמען מיט אזעלכע „אָפּגעשטאַנענע" זאכן ווי יידישקייט און מפטיר...

— זע, האָט מיר נישט קיין טשייניק!

— איך וויל אז מיין זון זאָל זיין א מענטש, נישט קיין ייד!

— פּראָלעטאַריער ווייסן נישט פון קיין יידנטום, נאָר פון א מענטשהייט! — האָט דער טאַטע, דער פּראָלעטאַריער, געענטפערט מיט גרויס ערנסט זיין פרוי, די יאכנע.

די מאַמע האָט אָבער דאָס אויריקע נישט אָפּגעלאָזן:

— וואָס הייסט א „מענטש"?

— און אז דזשעקעלע וועט זינגען מפטיר וועט ער שוין ווערן אויס־מענטש?

— און אז ער וועט זאָגן א „ספּיטש" אין שול וועט ער שוין נישט קענען קעמפן פאַר דער מענטשהייט..?

— ניין, ניין, און ניין! — איז דער טאַטע זייער אויפגערעגט געוואָרן.

— אָבער נאָר דעם איינעם מפטיר לאָז זיך אים אויפרופן...

— מ'טאָר נישט זיין קיין היפּאָקריט!

— איכל נעמען די עבירה אויף מיר! — האָט זי, די מאַמע, נישט אויפגעהערט בעטן.

— גיי שוין, גיי יידענע איינע. איך זאָג דיר אז נישט און לאָז מיך צורו. איך האָב בילכערע זאכן אויף מיין קאָפּ! — האָט דער טאַטע בייז אויסגעשריגן, און איז, פאַר כעס און צאָרן, פון שטוב ארויס.

האָט די מאַמע, די יאכנע, דערזען אז מיטן טאַטן, דעם ראַדיקאַל, וועט זי גאָרנישט אויספירן. און אז אויב זי אליין וועט וועגן דעם נישט זאָרגן, וועט טאַקע דזשעקעלע קיין בר־מצוה נישט ווערן ווייל דער טאַטע, דער עקשן, וויל פון דעם גאָרנישט וויסן. ס'דירן אים אפילו נישט אירע טרערן. האָט זי דערפילט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכע עקשנות, א גוואַלדיקן שטראָם פון ענערגיע. און באשלאָסן האָט זי, אז דאָס קינד מוז ווערן בר־מצוה, אויב ס'וועט איר אפילו קאָסטן א האַלב לעבן... אין

קליינקייט איר קינד, איר דזשעקעלע, וועט דעם מפטיר נישט זינגען און וועט קיין „ספיטש" נישט זאָגן! — האָט די מאַמע געטראַכט מיט פאַרביטערטער איינגעשפּאַרטקייט און צוגעזאָגט אַז מאָרגן, בלי־נדר, וועט זי זיך אם־ירצה־השם זען מיט אַ רבין.

די ערשטע פּאָר וואָכן האָט מען ביי דזשעקעלען נישט געקענט דערגיין קיין טאָלק וועגן וואָס דער רבי לערנט אים. אַלע מיטלען, וואָס די מאַמע האָט אָנגעווענדעט, צו דערוויסן זיך אויב דאָס קינד קען שוין עפּעס מפטיר, האָבן נישט געהאָלפן.

— וואָס טוסטו דאָרטן ביים רבין? — האָט די מאַמע ניי־געריק געפרעגט.

— „איי העוו לאָטס אָוו פאַן!" (כ'האָב אַ סך שפּאַס!) — האָט דאָס קינד געענטפערט.

— און וואָס לערנט דיך דאָרטן דער רבי?

— „סאָמטהינג וועריפאַני!" (עפּעס זייער קאָמישעס!).

— און ער לערנט דיך גאָרנישט זינגען פון סידור?

— אָ, יעס. באָט, איט איס סאָו פאַני!" (אָ, יאָ. אָבער ס'איז אַזוי קאָמיש).

— „פאַני, פאַני, און פאַני"! (קאָמיש, קאָמיש און קאָ־מיש) — מער האָט זי ביים קינד גאָרנישט געקענט דערגיין.

האָט שוין טאַקע די מאַמע אין זינען געהאַט אַריבערצוכאַפּן זיך צום רבין און פרעגן אים וואָס ס'הערט זיך עפּעס מיט איר „מפטיר". ביז'ל וואַנען וואָס־ווען האָט זי אָבער פאַרשפּאָרט אַ גאַנג: אין איינעם פון יענע אָוונטן, ווען זי איז געשטאַנען אין קיך און צוגעגרייט אָוונט־ברויט פאַר איר מאַן וועלכער האָט געדאַרפט יעדע מינוט אָנקומען פון דער אַרבעט, האָט זי פּלוצ־לינג דערהערט אַ זייער באַקאַנט, זיס־נאָגנדן ניגון:

— „נחמו, נחמו, עמי, יאמר אלהיכם..." — האָט איר דזשעקעלע געזונגען, און זיין שיין־קלינגענדיק קולכל האָט זיך אַזוי האַרציק צעגאָסן איבערן חלל פון הויז.

— דזשעקעלע, קינד מיינס! דאָס זינגסטו שוין אַזוי שיין דעם מפטיר? — האָט זיך די מאַמע נישט געקענט איינהאַלטן

און פון גרויס פרייד האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— „יעס מא. סיי, דאָסנט איט סאונד פֿאַני?" (יאָ מאַמע, זאָג, קלינגט דאָס נישט קאָמיש?).

— אָ, ניין זון מיינער. דאָס איז נישט קאָמיש דאָס זינגסטו צו גאָט און מ'טאָר נישט זאָגן אויף דעם „פֿאַני", דזשעקעלע מיינער! — האָט די מאַמע באַמערקט מיט פֿרומען ערנסט און באַלד צוגעגעבן: ס'איז דאָך אַזוי שיין, זינג דאָס איבער נאָך אַמאָל...

דאָס קינד איז גערירט געוואָרן פֿון זיין מאַמעס ערנסטקייט. און וועלנדיק צופֿרידנשטעלן איר, האָט ער איבערגעזונגען דעם גאַנצן ערשטן פּסוק פֿון דער הפֿטרה, וועלכן ער האָט שוין גע־קענט אויף אויסענווייניק.

— מיר פֿאַר דיין קאָפּ! — האָט די מאַמע אויסגעטפֿלהט און אַרומגענומען איר בן־יחידל אַ גליקלעך־צופֿרידענע.

שפּעטער, ווען דער טאַטע איז געקומען פֿון פֿאַבריק, האָט זיך די מאַמע נישט געקענט איינהאַלטן און געבעטן דזשעקעלען, אַז ער זאָל דאָס אויך זינגען פֿאַרן טאַטן.

— נחמו, נחמו... — האָט דאָס קינד אָנגעהויבן.

— מוחל, מוחל! — האָט דער טאַטע אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— אָבער וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט הערן? ער זינגט דאָך דאָס אַזוי שיין...

— שיין, סמיין... מ'סמט אָפּ קינדישע מוחות און מ'זאָגט נאָך אַז דאָס איז שיין.

— אדרבה, הער ווי ער זינגט און זאָג אַליין צי ס'איז שיין אָדער נישט?

— נישטאָ וואָס צו הערן, נישטאָ! גענוג פֿאַר מיר, אַז דו האָסט געהערט! — האָט דער טאַטע, דער ראַדיקאַל, געענטפֿערט מיט רציחה, און פֿון גרויס נערוועזישקייט גענומען באַוועגן מיט זיינע קני.

די מאַמע איז געוואָרן זייער אויפֿגערעגט. דאָס גאַנצע בלוט איז איר אין פּנים אַריין. זי האָט אָבער גאָרנישט געענטפֿערט. זי

האַט געוואָלט אויסמיידן שאַרפערע צוזאַמענשטויסן. „אַז ס'וועט קומען די צייט, וועט ער זיך איבערבעטן!" — האָט זי געטראַכט און, אין זיין אָנוועזנהייט, האָט זי מער קיינמאָל נישט דערמאָנט קיין וואָרט וועגן זונס בר־מצוה. זי האָט נאָר אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט — ווען ער, דער מאַן אירער, איז אין שטוב נישט געווען — און נישט אויפגעהערט צו בעטן איר דזשעקעלען, אַז ער זאָל פאָלגן דעם רבין: אַז ער זאָל זיך גוט לערנען; און אַז ער זאָל איר נישט פאַרשעמען פאַר די ווייבער ווען ער וועט זיך אויפרופן אין שול און דאַרפן זינגען דעם מפטיר...

געמיינט האָט ער, אַז דאָס ווייב שלאָפט נאָך. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט: ווי נאָר ער האָט גענומען אַרויסגיין פון צימער, אַזוי האָט ער דערהערט זיין פרויס שטימע:

— גייסט טאַקע אַוועק צו דער אַרבעט? — האָט זי געפרעגט, שוין גאָרנישט ווי קיין פאַרשלאָפענע.

— יאָ.

— און דו וועסט נישט קומען אין שול, הערן ווי דאָס קינד רופט זיך אויף?

— ניין.

— זייער גוט, — האָט זי שווער אָפגעזיפצט און איינגעגעוו־רעט זיך אין קאָלדרע.

ער דער מאַן, איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע. אַ מינוט האָט ער צוגעקנייטשט מיטן שטערן ווי אין שטאַרקן ישוב ־ הדעת. באַלד נאָכדעם האָט ער פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך און איז אַוועקגעגאַנגען אין פאַבריק.

די ערשטע פאַר שעה, ביי דער אַרבעט, האָט ער נישט געפילט קיין שום ענדערונג אין זיך. ער האָט געאַרבעט מיטן זעלבן חשק און פלייס ווי אַלעמאָל. ס'איז אים גאָר פון קאָפּ אַרויס אַז „היינט" איז דער שבת אין וועלכן זיין זון רופט זיך אויף... אָבער ווי נאָר דער קליינער ווייזערל פון גרויסן פאַבריק ־ זייגער האָט זיך צום ניין צוגעשאַרט — די שעה ווען משטעלט זיך דאָוו־

נען אין שול — אזוי האָט זיך א בייזע אומרואיקייט אין אים צעבושעוועט:

— מיין קינד וועט פאַרגעשטעלט ווערן פאַר א פּובליקום, ער וועט זינגען און האַלטן א רעדע און איך שטיי דאָ ביי דער אַרבעט... פּרעמדע מענטשן וועלן זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו דזשעקעלעס ווערטער און איך, דער טאַטע, וועל ביי דעם נישט זיין...

ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען, און געפּרווט פאַריאָגן פון זיך די קלעריקאַלע מחשבות... ס'איז אים אָבער נישט געלונגען: אדרבה, וואָס מער ער האָט זיך אָנגע־שטרענגט צו דערווייטערן די מחשבות, אַלץ מער האָבן זיי גע־עקבערט זיין מוח...

— „יעמד החתן יעקב בר' גרשון מפטיר!" — האָט ער פּלוצלינג דערהערט דעם שמשס קול, און דערזען האָט ער, ווי אַלע מענטשן פון שול הויבן זיך אויף פון זייערע ערטער און וואַרפן זייערע אויגן צו דערזען אים — דעם בר־מצווהס טאַטן...

— וואָס זענט איר היינט אזוי פאַרחלומט מר. גאָלדשטיין? — האָט ער פּלוצלינג דערהערט דעם באַלעבאָס' קול.

— איך פיל זיך עפּעס נישט גוט. איר קענט מיך אפשר גאָר אָפּלאָזן היינטיקן טאָג? — האָבן זיך די ווערטער אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל און ער האָט גלייך דערפילט ווי רויט ער איז געוואָרן.

— זיכער! — האָט דער בעל־הבית געענטפערט, און באַלד צוגעגעבן: וויבאַלד אז איר פילט זיך נישט גוט טאָ גייט טאַקע בעסער אהיים...

לויפנדיק אין בית־מדרש האָט ער זיך געפּרווט פאַרטיידיקן: „איך האָב גאָר נישט געטאָרט דערלאָזן אז ער זאָל אָנהויבן גיין צום פינסטערן" רבין... אָבער, אָבער, האָט ער זיך שוין יאָ אויסגעלערנט דעם מפטיר מיטן נארישן „ספּיטש", טאָ וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן..? מיין אָנוועזנהייט וועט דאָך דאָס שוין ער־גער נישט מאַכן..!" — האָט ער געטראַכט און גלייכצייטיק גע־פילט, אז ער האָט פאַרלוירן די דעה איבער זיך אַליין...

ער האָט פאַרשפּעטיקט: פון „מפטיר" איז שוין פאַר אים

גאָרנישט געבליבן ווייל ער איז געקומען נאָכן לייענען, און גע־הערט האָט ער נאָר די לעצטע ווערטער פון זיין זונס „ספּיטש":

„.... און איך וויס ליבע עלטערן, אַז איר האָט געהאַט אויס־צושטיין פון מיר פיל שווערקייטן. איר האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין געלט פאַר מיין ספּעציעלע יידישע דערציאונג. אָבער איך גלויב און האָף, אַז די באַלוינונג פאַר אייער שווערע אַרבעט וועט איר געפינען אין דעם וואָס איך, אייער קינד, זאָג אייך צו — אין דעם הייליקסטן טאָג פון מיין לעבן — אַז פון היינט אָן און ווייטער וועל איך זיין, נישט נאָר אייער קערפּערלעך קינד, נאָר אויך, אייער גייסטיקער זון: איך גיב אייך מיין וואָרט אַז איך וועל דינען אונזער פאָלק און גלויבן אין אונזער גאָט מיט מיין גאַנץ האַרץ און נשמה, ווי איר, מיינע ליבע עלטערן, טוט עס..."

— זייער שיין!

— יישר כּוחך!

— אויסגעצייכנט! — האָבן בית - מדרש - יידן נישט אויפגעהערט צו דערמוטיקן דזשעקעלען, דעם נאָר וואָס געוואָרע־נעם ייד. און זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט זיין טאַטן וועלכער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געשעפּט נחת און פרייד:

— איין קלייניקייט, זיין זון האָט אַזוי שיין גערעדט! די שטימע זיינע האָט דאָך געקלונגען אַזוי זיכער און פעסט, ווי די שטימע פון אַן אמתן אָגיטאַטאָר! — האָט זיך דער טאַטע גאָר־נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן און, פאַר אַלעמען אין די אויגן, צע־קושט זיך מיט זיין דזשעקעלען.

— דו זעסט מיין מאַן אַז איך בין געווען גערעכט! — האָט זיך די פרוי אָנגערופן, נאָכדעם ווי זי האָט באַמערקט איר מאַנס צופרידן פּנים, ווען ער איז מיט דזשעקעלען פון בית־מדרש אַרויס.

— דו! אַהאַ דו! ווו נעמט מען נאָך אַזאַ חכמה ווי דו? — האָט דער טאַטע, דער ראַדיקאַל, מכּלומרשט געקיבעצט די מאַמען, די „יאַכנע". און אַריינגעמענדיק דזשעקעלען אינמיטן זענען זיי אַלע דריי, ביז גאָר צופרידענע און גליקלעכע, געגאַנגען אַ היים, ווו זיי האָבן גערעכנט צו פּראַווען די „אמתע" בר־מצוה...

איבערגעצבישט

אינערגעצנישט

— ווו לויפסטו שוין ווידער? — שרייט אוים דער טאטע א פארצארנטער, ווען ער דערזעט פייגעלען מיטן מאנטל אויף דער פלייצע.

— אין ערגעץ נישט — ענטפערט פייגל אפגעהאקט און פארמאכט באלד די טיר הינטער זיך.

— רק אין ערגעץ נישט! — שרייט אוים דער טאטע מיט רוגזה, הגם ער ווייסט אז זיין קול וועט איר נישט דערגרייכן. ער קען זיך אבער בשעת־מעשה נישט בארואיקן: אז דאס הארץ זיינס איז אים כסדר פארוויטיקט, שרייט ער און בייזערט זיך, נישט ווייסנדיק אליין פארוואס און פארווען.

ער ווייסט גאנץ גוט ווו דער „אין ערגעץ נישט" איז: פייגלס אין ערגעץ נישט מיינט ביים שכן, — ביי די קאפלאנס. ער שטעלט זיך אבער דערמיט נישט צופרידן, און הערט נישט אויף ארומצולויפן, מיט זיינע נערוועזע טריט, הין און צוריק איבערן שטוב און בורטשען ווי צו זיך אליין: אין ערגעץ נישט, אין ער־געץ נישט!.. ס'טוועז געהערט, א מויד פון ניין און צוואנציק יאר גייט אין ערגעץ נישט...

זיין ווייב פייגלס מאמע, שטייט אין קיך און פארעט זיך ארום דעם געפעס. זי הערט קלאר יעדעס ווארט וואס ער, דער מאן אירער, רעדט ארויס אין צווייטן צימער. זי פילט אפילו יעדע נערוועזע באוועגונג זיינע... און ס'ווילט זיך איר אזוי ענטפערן אים: זי האט אים אזוי פיל צו זאגן, אויפצוווארפן... זי האלט זיך אבער איין: „גיין מאכן ווידער א סקאנדאל?" — טראכט זי איבער צום הונדערטסטן מאל און שטרענגט זיך אן מיט אלע כוחות צו פארשווייגן אים.

אָבער די לעצטע ווערטער זיינע ברעכן איר געדולדיקייט. די „ניין און צוואנציק יאָריקע מויד‟ און דער טאָן מיט וועלכן ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, צעפלאַקערט דאָס פייער אין איר האַרץ. און אַליין נישט פילנדיק ווי אויפגערעגט זי איז, זאָגט זי זיך אַרויס:

— אַז מ'האָט אַזאַ טאַטן, גייט מען אין ערגעץ נישט...

— אַזוי?! — באַווייזט ער זיך פּלוצלינג אין קיך.

— וואָס דען? אפשר נישט אַזוי..?

— מיט וואָס האָט זיך עס דער טאַטע אַזוי פאַרזינדיקט?

— מיט דעם, וואָס ער איז קיין מענטש נישט.

— נו, האָט זי דאָך אָבער דערפאַר אַ מאַמען אַ מענטש! — פּרוּווט ער איר אַריינזאָגן.

— וואָס טויג די מאַמע, דער מענטש, אַז זי קען איר איצטער קיין אַנדער טאַטן נישט געבן! — שרייט זי אים אַריין אין פּנים.

— אַזוי גאָר?... — בלייבט ער שטיין אויף דער מינוט ווי אַ פאַרגליווועטער.

— אוודאי אַזוי! — קוקט זי אים אַריין דרייסט אין די אויגן. אדרבה, זאָג אַליין, פאַרוואָס מוטשעסטו זי אַזוי? — שרייט זי ווידער אויס און גיט באַלד צו: — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַטאַטע זאָל אַזוי פּייניקן זיין אייגענע טאָכטער? און אַז זי איז אַ ניין און צוואַנציק יאָריקע מויד ביזטו שוין מער נישט איר טאַטע, און זי טאָר שוין טאַקע אין ערגעץ נישט גיין?...

— זי מעג... אָבער וואָס אַזוינס האָט זי צו טון ביי די קאַפּלאַנס?

— טאָ ווו זאָל זי גיין?

— ווו זי וויל נאָר אַליין... — דערפילט ער זיך פּלוצלונג אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט.

— וואָס הייסט? — לאָזט אים שוין דאָס ווייב נישט אָפּ.

— וואָס הייסט, וואָס הייסט? — זי קען דען נישט גיין ערגעץ אַנדערש?

— אדרבה, זאָג דו, ווו זי זאָל גיין?

— אַט, לאָמיר זאָגן צו די גרינבערגס... זיי, די גרינבערגס, זענען דאָך אויך שכנים — גיט ער באַלד צו אין איילעניש.

פייגלס מאַמע ווייס גאַנץ גוט, וווהין דער טאַטע צילט מיט דעם „צו די גרינבערגס": ער מיינט, גרינבערגס עלטערן זון. זי אַליין האָט אויך אַמאָל געטראַכט וועגן דעם. אָבער היינט ווייסט זי, ס'איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט; די אַלטע גרינבערגס ברע־נען פּשוט פייגלס טריט ווען זי גייט נאָר אַריין צו זיי: זיי האָבן מורא, אַז זי וועט נאָך ביי זיי צוכאַפּן זייער „זונעלע"... זי, די מאַמע האָט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן. אָבער אים, דעם מאַן אירן, וויל זי וועגן דעם נישט דערציילן... און נאָר כּדי נישט צו בלייבן אָן אַן ענטפער שרייט זי אויס:

— אַזוי, אַזאַ חכם ביזטו?... איך האָב דאָס גאָרנישט גע־ווּסט ביז איצט... אָבער אפשר איז פייגל אַליין אויך אַזאַ חכמה ווי דו?!... פון וואַנען ווייסטו, אַז זי וויל נישט גיין צו די גרינ־בערגס? וואָס זאָל זי אָבער טון, חכם מיינער, אַז מ'איז איר דאַרטן נישט גערן?... אַז מ'וויל איר נישט! זאָל זי זיי פאַלן צו די פיס? זאָל זי, זאָל זי... — וויל די מאַמע ווייטער רעדן און קען נישט אַרויסברענגען אירע ווערטער, צוליב די טרערן, וועל־כע נעמען איר שטיקן.

דער מאַן אירער וויל איר עפּעס ענטפערן און ווייס נישט וואָס צו זאָגן. זיין גאַנצע פאַרביטערטע עקשנות איז אין דער מינוט צערונען געוואָרן. און אַ רחמנות־געפיל האָט אים אַרומגע־נומען. אַ רחמנות געפיל צו זיין ווייב, צו זיין טאָכטער און אפילו צו זיך אַליין...

— טאַקע — הייבט ער אָן טראַכטן פאַמעלעכער אַריינ־גייענדיק אין צווייטן צימער — וואָס זענען זיי נעבעך שולדיק, אַז איך פאַרדין גאָרנישט, אַז מיינע געשעפטן זינקען פון טאָג צו טאָג?.. און די מעשה מיט פייגלען איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ צוטשעפעניש: וואָרים, פאַרוואָס זאָל זי נישט גיין צו די קאַפּלאַנס?... וואָס קען זי העלפן, אַז ס'מאַכט זיך איר נישט מיט וועמען חתונה צו האָבן? זי פילט דאָך אַליין אירע אייגענע צרות, און צו וואָס זאָל איך נאָך העלפן פאַרביטערן, איר אַזוי אויך ביטער לעבן? — טראַכט ער ווייטער און פילט ווי דאָס

הארץ זיינס ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פאַרקלעמט.

אין שטוב קען ער שוין לענגער נישט בלייבן. די שטילקייט פון צימער פאַרטויבט אים די אויערן. די שווערע לופט פון אַרום נעמט אים שטיקן. און אין מח ווערט אים אַלץ ענגער און ענגער, טוט ער לאַנגזאַם אָן זיין מאַנטל און קלייבט זיך אַרויסצוגיין, נישט וויסנדיק אַליין וווהין.

אויף זיין לאַנג אויסגעצויגן פּנים און גרויס־געוואָרענע אויגן לייענט די פרוי זיינע דעם גאַנצן צער פון זיין האַרצן. און כּדי צו באַרואיקן אים אַ ביסל, ווישט זי אָפּ די אויגן און טוט שטיל אַ פרעג:

— יודל, ווו גייסטו?

— אין ערגעץ נישט — ענטפערט ער נאָך שטילער, נישט האָבנדיק עפּעס אַנדערש צו זאָגן, און שאַרט זיך שנעל פון שטוב אַרויס.

צו - לאַנג קען פייגל ביים שכן נישט איינזיצן. ווי גוט זי זאָל זיך נישט פילן ביי די קאַפּלאַנס גייט עס איר נישט איין. זי פאַרשטייט, אַז גלייך נאָכדעם ווי זי איז אַרויס פון הויז, האָבן זיך טאַטע־מאַמע אָנגעהויבן קריגן... און אַז די קריג איז אויס־געבראָכן טאַקע צוליב איר, צוליב פייגלען אַליין. און ווי שטאַרק זי איז אין כּעס אויפן טאַטן, האָט זי נאָך מער רחמנות אויף דער מאַמען... צוליב איר, צוליב דער מאַמען, וואָלט זי אפילו צום שכן נישט געגאַנגען. דאָס קאָן זי אָבער נישט העלפן: נישט אַלעמאָל קאָן זי איינזיין אינדערהיים: ווי נאָר זי דערפילט דעם טאַטן אַרום זיך אַזוי ווערט איר די גאַנצע שטוב ענג. צו־ענג שוין: ער, דער טאַטע, הערט גאָר נישט אויף צו קרעכצן איבער איר קאָפּ:

— אַ מויד, אַ מויד! — לאָזט ער זיך גלייך הערן, ווען ער קומט אַ פאַרביטערטער פון גאַס.

— איך וועט זיך מיט דיר, אַז זי טראַכט גאָרנישט וועגן קומען צו אַ תּכלית! — ווענדעט ער זיך צו דער מאַמען.

— אַז טאָג און נאַכט ליגט עס נאָר ביי די קאַפּלאַנס! — האָט ער אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן אין ברענען איר די טריט.

און טאַמער פּרוּווט אַ מאָל די מאַמע פאַרענטפערן איר, ווערט ער אויך נישט נתפּעל: „יאַק אי צורקאַ, טאַק אי מאַטקאַ"! (אַזוי ווי די טאָכטער אַזוי איז די מאַמע!) — שעמט ער זיך נישט צו שרייען, אַפילו אויף דער אַלטער, פאַרצרהטער מאַמען.

אַזוי פיל קען שוין אָבער פייגל נישט פאַרשווייגן. אַז איר גוטע מאַמע זאָל נאָך פאַרפינסטערט ווערן צוליב איר וויל זי נישט. הויבט זי זיך שוין אויף פון סאָפקע, גיט אַוועקוואָרף דאָס ביכל אויפן דערבייאיקן שטול, און אַריינשפּרינגענדיק צווישן טאַטע־מאַמע שרייט זי אויס ווי נישט מיט איר קול:

— טאַטע, וואָס ווילסטו?

— וואָס זאָל איך וועלן?.. איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך ביי מיר עלטערן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!... — ציט ער אויס די ווערטער מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, ווען ער דערזעט פייגלס כּעס.

— טאַטע! ! ! — בלייבט פייגל שטיין ווי אַ געפּלעפטע.

— יודל! — לויפט די מאַמע צו און לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין מויל.

— וואָס טאַטקעט איר? וואָס יודלט איר?... וואָסי, ס'איז דען נישט אמת?... ווילסט דען נישט פאַרזיצן ביזן גראָען צאָפּ?— קען זיך שוין דער טאַטע נישט קאָנטראָלירן.

פייגל שפּרינגט אָפּ ווי אַן אָפּגעבריטע. זי באַוויזט קוים אַריינצולויפן אין צווייטן צימער און פאַרהאַקן די טיר הינטער זיך. אירע נערוון זענען שוין איינגאַנצן צעביסן. זי פילט ווי ס'בייטן זיך די קאָלירן אין איר פּנים. די באַקן ברענען איר ווי פייער, אין קאָפּ קלאַפּט ווי מיט האַמערס און דאָס האַרץ נאָגט, פּונקט ווי אַ פּיאַווקע וואָלט דאָרט געזויגן דאָס בלוט אירס... זי שטרענגט זיך אָן צו באַרואיקן און קען נישט: פון איבערן וואַנט דערטראָגט זיך צו איר דעם טאַטנס קול:

— קינדער, טאַקע גאָר ווי ביי לייטן! ווי...

— ווייל דער טאַטע איז נישט ווי ביי לייטן! — שלאָגט אים די מאַמע איבער.

— איז וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל איר שוין טאַקע גאָרנישט דערמאָנען וועגן חתנה האָבן?...

— ניין.

— נאָר וואָס זאָל'ך טון?

— קריגן פינף טויזנט דאָלאַר נדן, ווי ליטישע טאַטעס! — ענטפערט אים די מאַמע מיט הארץ.

דאָ ווערט שוין דער טאַטע שטיל. ער דערפילט זיין געפאַלנקייט און לאָזט אַראָפּ די נאָז. פייגלען איז שוין אָבער אַלצאיינס. אין שטוב קען זי שוין לענגער נישט איינזיצן. דעם טאַטנס דריבנע, נערוועזע טריט צעהאַמערן איר דעם מח. כאַפּט זי עפּעס אַרויף אויף זיך און לויפט אריין צום שכן.

ביים שכן, ביי די קאַפּלאַנס איז אַזוי גוט, שטיל און רואיק. מ'רעדט דאָ נישט וועגן חתנה האָבן און קיינער ווייזט איר קיין פאַרביטערטן האַס נישט אַרויס. פאַרקערט, די שכנישע פאַמיליע האָט איר זייער ליב. ווען - נישט - ווען קריגט זי פון זיי אפילו אַ קאָמפּלימענט וועגן איר שיינע פיגור און יונגן האַלטן זיך... פון אַזאַ קאָמפּלימענט דערפילט זי זיך פרישער, אפילו יונגער... לאַנג האַלט עס אָבער נישט אָן: באַלד דערמאָנט זי זיך וועגן אירע ניין און צוואָנציק יאָר, און וועגן איר טאַטן, וועלכער האָט מורא, טאָמער פאַרגעסט זי איר עלטער... אים, דעם טאַטן אירן, קען זי נישט זאָגן, אַז זי טראַכט אַזוי אָפט דערפון. זי ווייס אַליין נישט פאַרוואָס זי קען דאָס אים נישט זאָגן, אָבער זי קען נישט: זי קען נישט דערציילן איר טאַטן וויטיקדיקסטן וויטיק... איר אַליין, הערט דאָס גאָרנישט אויף צו רופען. די צאָל ניין און צוואָנציק גייט איר גאָר פון קאָפּ נישט אַרויס. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וואָלט זי געוויס חתונה געהאַט. אָבער גיי, מאַך... פאַרטיפט זי זיך ווייטער אין אירע געדאַנקען, ביז די שכנה וועקט איר אויף פון איר פאַרטראַכטקייט:

— וואָס קלערט איר אַזוי? — דערפילט זי פלוצלונג אַ גלעט איבערן פלייצע.

— אַט, גאָרנישט...

— איך האָב פיינט פאַרטראַכטע נשמות, — צעשמייכלט זיך

פרוי קאפלאן.

— איך אויך — קרעכצט אָפּ פייגל און הויבט זיך אויף פון אָרט. זי שטרענגט זיך אָן צו ווייזן אַ פריילעך פּנים: באַדאַנקט די שכנים פאַר זייער ליבלעכקייט און וואַרעמקייט צו איר. אַמאָל געלינגט עס איר און אַמאָל נישט. אַזוי צו אַזוי קען זי שוין אָבער לענגער נישט איינזיצן ביים שכן. און אַזוי שנעל ווי מעגליך וויקלט זי זיך איין אין איר מאַנטל.

— פייגעלע, וווּ איילט איר זיך אַזוי? — וווּנדערט זיך פרוי קאַפּלאַן.

—אין ערגעץ נישט — ענטפערט פייגל. ערשט שטייענדיק ביים טיר וויל זי זיך פאַרענטפערן און גיט קוים צו: די מאַמע איז אַליין.

די מאַמע זיצט טאַקע אַליין. און פייגל דערקענט שוין אויף איר פּנים, אַז זי האָט דאָ געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. זי מאַכט זיך אָבער נישט ווייסנדיק און בלייבט זיצן אַ שווייגנדיקע.

— ביזט געווען ביי די קאַפּלאַנס? — הויבט די מאַמע אָן אין אַ ווײַלע אַרום.

— יאָ. וואָס?...

— גאָרנישט.

דער מאַמעס „גאָרנישט" איז אָפּגעהאַקט. און פייגל איז זיכער, אַז איר „גאָרנישט" מיינט אַ סך. רוקט זי שוין צו איר שטול נענטער צו דער מאַמעס און הויבט אָן:

— **האָסט זיך איבערגערעדט מיטן טאַטן?**

— ווער זאָגט דאָס? — פּרוּווט די מאַמע לייקענען.

— איך זע דאָך, אַז איר האָט זיך געקריגט!... — קען שוין פייגל נישט פאַרטראָגן איר מאַמעס נידערשלאָגנקייט.

— פון וואַנען זעסטו דאָס?... מיינסט טאַקע, אַז דער טאַטע איז דאָס אַזאַ שלעכטער?

— נאָר וואָס?...

— איך ווייס... — הויבט די מאַמע אָן און דערפילט זיך באַלד אין אַ פאַרלעגנהייט: זי ווייס נישט ווי צו רעדן ווייטער.

ס'ווילט זיך איר זאָגן איר קינד, אַז דער טאַטע איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער... אַז ס'איז נאָר די לאַגע זיינע... און אַז בנוגע איר, איז ער אַפּילו גערעכט... וואָרים נאָך אַלעמען איז דאָס טאַקע אַ פּלאַן צו בלייבן אַן אַלט מיידל?... איז דען נישט בעסער חתונה צו האָבן און ווערן אַ יונג ווייבל?... און נאָך, און נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן וויל די מאַמע זאָגן פייגלען. זי ווייסט אָבער נישט ווי אַזוי זי זאָל דאָס זאָגן: ווי טון איר טאָכטער וויל זי נישט און פאַרמיידן דעם ווייטיק קען זי נישט. פאַרשטשימעט זי אירע אויסגעטריקנטע ליפּן און שווייגט איינגאַנצן.

פייגל קען נישט פאַרטראָגן די גוואַלדיקע שטילקייט פון ציי מער. זי דערפילט אַ ווייטיקדיקע נייגעריקייט צו עפענען איר מאַ־מעס מויל און האַרץ: זי וויל, אַז די מאַמע זאָל איר דערציילן וועגן איר ווי און פּיין. ס'געלינגט איר אָבער נישט. נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. די מאַמע בלייבט שטום ווי אַ פיש: זי וויל גאָרנישט רעדן אויפן טאַטן און קען גאָרנישט זאָגן די טאָכ־טער...

און ווען פייגל שטייט צו איר נאָך שטאַרקער צו און זי, די מאַמע, דערפילט, אַז אָט, אָט און זי וועט אויסברעכן אין אַ געוויין. שטעלט זי זיך אויף פון אָרט, כאַפּט אויף גיך אַרויף דעם סוועטער און לויפט צו דער טיר.

— ווו גייסטו? — בעט זיך פייגל.

— אין ערגעץ נישט — רעדט די מאַמע קוים אויס און שטרענגט זיך אָן, אַז פייגל זאָל נישט דערפילן די טרערן אין איר קול...